STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04350

# DER SHINOVER ROV

Hayim David Bakon

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ספרי מכון זכר נפתלי / **דער שינאָווער רב**

בס"ד

# דער שינאווער רב

## זכותו יגן עלינו

מעשיות און דערציילונגען פון דאָס לעבן, דאָס
גרויסקייט, דער הייליגער עבודה, און די
וואונדערליכע מופתים, פון
כבוד קדושת מרן אדונינו מורינו ורבינו
הגאון הקדוש והנורא

**רבי יחזקאל שרגא הלברשטאם**
**זצוקללה"ה**

פון שינאָווע
בעל "דברי יחזקאל"

צוזאַמענגעשטעלט און אָנגעשריבן בעזהי"ת דורך
**חיים דוד באַקאָן**

•

אַרויסגעגעבן דורך
**מוסד זכר נפתלי**
ברוקלין, ניו יאָרק
שנת תשמ"ז לפ"ק

כל הזכויות שמורות
**למוסד זכר נפתלי**
*Copyright* © 1987
*by*
**ZECHER NAFTALI**
*Encyclopedia of Chassidus Research Center*
1550 Summit Avenue
Hillside, New Jersey 07205

בילדער געמאָלן דורך:
ר' חיים יוסף בערנאַטה נ"י

**להשיג הספר אצל:**
**ר' ראובן ש. שארף**
Rabbi R. Scharf
1619 47 St.
Brooklyn, N. Y. 11204
Tel. 718-633-0573

**דפוס אופסט „מוריה"**
MORIAH OFFSET CO.
115 EMPIRE BOULEVARD
BROOKLYN, N. Y. 11225
(718) 693-3800

## ווערטער פון דעם מכון ״זכר נפתלי״

כ״ו אלול תשמ״ו לפ״ק

טייערע און ליבע אידישע קינדער,

עס איז אַ גרויסער זכות פאַר אונז אין מכון ״זכר נפתלי״, אַרויסצוגעבן דעם דאָזיקן ספר, די תולדות פון הייליקן שינאָווער רב זצ״ל, ספּעציעל אין אידיש, צוגענגליך פאַר אַלע קינדער, צו פאַרשטיין און צו באַגרייפן סיפּורי צדיקים. אונזערע אַלע ספרים ביז היינט זיינען געווען פאַר דערוואַקסענע, און זיינען דעריבער געשריבן געוואָרן אין לשון הקודש. אָבער נאָכ׳ן ערהאַלטן פילע פאַרלאַנגען צו באַדינען אויך די יוגנט, האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אויך ספרים אין לייכטן אידיש, און דאָס איז דער ערשטער פון דעם סאָרט.

אין היינטיקע צייטן דאַרף מען לעבן מיט׳ן אַמאָל. מען דאַרף וויסן ווי אַזוי מיט הונדערט יאָר צוריק האָבן אויסגעזען אמת׳ע צדיקים, ווי אַזוי זיי האָבן געלעבט, ווי אַזוי זיי האָבן געלערנט תורה און ווי אַזוי זיי האָבן געדינט דעם אויבערשטן. די צייט איז היינט, ברוך השם, גוט בגשמיות. מען לאָזט אונז לערנען און דאַוונען, מיר האָבן די מעגלעכקייטן דערצו. אָבער אין רוחניות איז עס זייער שווער. מיר לעבן היינט אין זייער אַ פאַרגרעבטער וועלט מיט קליינע באַגריפן, און אַלס קינדער דאַרף מען ווערן ווערן גרויסע לייט. אויב אַ קינד לערנט מעשיות פון ריזיקע הייליקע צדיקים, גיט עס אַ באַגער אַז ״ואעשה כן גם אני״. ער בעט דעם אויבערשטן מיט׳ן גאַנצן האַרץ אויך צו ווערן גרויס און הייליק.

זאָל אָט דער ספר — און דערנאָך אַנדערע אַזעלכע סיפּורי

מעשיות, וועלכע מיר וועלן בע״ה אַרויסגעבן — זיין אַ וועגווייזער פאַר אַלע פון אונז.

און אַז מען וויל ערנסט, העלפט אַוודאי דער אויבערשטער.

איך האָב געוואָלט אויסדרוקן מיין דאַנק צו מיין גוטן פריינד הרב החסיד והגדול בתורה איש אשכולות ר׳ חיים דוד באַקאָן שליט״א. ער איז פון די ערשטע און בעסטע יונגעלייט פון אונזער מכון ״זכר נפתלי״, און פון די שעפערישסטע כוחות אין דעם געביט פון חסידישער היסטאָריע. ער איז געווען דער וואָס האָט צום ערשטן מאָל געשריבן די תולדות פון דעם בעל מאור ושמש זצ״ל און די וועלט האָט עס אויפגעכאַפּט מיט באַגייסטערונג. לעצטן יאָר איז אַרויסגעקומען פון אים אַ וואונדערבאַרע אַרבעט, די גלענצלעכע תולדות פון דעם ערשטן באָבאָווער רבין הרה״ק אדמו״ר ר׳ שלמה זצ״ל. עס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין ״כרם החסידות״ חלק ג׳, און אין אַלע לענדער טוט מען זייער הויך שעצן און אויסלויבן די באַשרייבונג. עס איז צום ערשטן מאָל וואָס די תולדות פון באָבאָווער רבין ווערן אַזוי ברייט באַשריבן און מיט אַזוי פיל נייע ענינים. געלויבט איז מוסד זכר נפתלי מיט אַזעלכע כשרונות, און אַ דאַנק דער הייליקער באָבאָווער ישיבה, אונטער דער השפעה פון דעם גרויסן באָבאָווער רבין שליט״א, וועלכע האָט אַרויסגעגעבן אַזעלכע טאַלאַנטן. ער האָט געוויזן זיינע כוחות אין לשון קודש, און איצטער זעען מיר זיינע פעאיקייטן אין אידיש. יהי השם עמו ויעל, און זאָלן מיר נאָך אַ סאַך פון אים הערן און געניסן.

מיר שטייען היינט פאַרן נייעם יאָר תשמ״ז. זאָל דאָס קומענדיקע יאָר ברענגען פאַר אַלע אידן נאָר ברכות והשפעות טובות בזכות הצדיקים.

בידידות,

**אלי׳ חיים קאַרלעבאַך**

# אינהאַלט:


| | |
|---|---|
| אַריינפיר | 7 |
| זיין יוגנט | 11 |
| אַלס בחור | 14 |
| אַלס יונגערמאַן | 17 |
| ביי צדיקי הדור | 19 |
| רבי יחזקאל ווערט רב | 22 |
| אַ גאון אין תורה | 23 |
| זיינע יגיעות ביים דאַוונען און ביים לערנען | 28 |
| די מדה פון אמת | 41 |
| זיין ענייוות | 63 |
| רודף צדקה וחסד | 72 |
| פועל ישועות | 81 |
| דער שינאָווער רב בענטשט אידן מיט קינדער | 83 |
| אַ משפיע פרנסה | 98 |
| זיין רוח הקודש | 125 |
| זיין כח אין ברענגען רפואות | 165 |
| מתקן נשמות און דיבוקים | 182 |
| פאַרשידענע ענינים און שמועסן פון שינאָווער רב | 190 |
| דאָס הסתלקות | 208 |

# מוסד זכר נפתלי

**האנציקלופדיה הגדולה**

על כל ספרי דרוש חסידות ומוסר
בהסכמת והוראת וברכת
אדמו״ר דורנו שליט״א

תחת נשיאות

**כ״ק מרן אדמו״ר הרב ר׳ שלמה הלברשטאם
מבאבוב שליט״א**

**— עורך ראשי —**

**הרב אלי׳ חיים קרלבך** — אב״ד ד׳הילסייד
נוארק נ.ד. — וכעת בסטטן איילענד נ״י

עם קבוצת ת״ח מובהקים
בירושלים חיפה ובברוקלין

# אריינפיר

חז״ל זאָגן (יומא דף ל״ח ע״ב): ראה הקב״ה שצדיקים מועטין עמד ושתלן בכל דור ודור. ווען מ׳טראַכט אַביסל אַריין אין די הייליקע רייד, דערהערט מען אַז עס זיינען אין יעדן דור פאַראַן צדיקים, וואָס געהערן באמת צו די דורות הקדמונים, ווען עס האָבן פאַרשיינט די וועלט די נביאים, צי די תנאים ואמוראים, אָדער די גאונים און ראשונים, האָט דער אויבערשטער געטוהן אַ חסד מיט די שפּעטערדיקע דורות, ער האָט גענומען עטליכע צדיקים פון אָט די הייליקע תקופות, און האָט זיי אַריינגעפלאַנצט אין דורות פון הונדערטער אָדער טויזנטער יאָרן שפּעטער. אָבער סוף כל סוף זיינען אָט די צדיקים פון קאַליבער פון די דורות הקדמונים.

עס איז אָן צווייפל, אַז איינער פון די דאָזיקע צדיקים, איז געווען דער הייליקער שינאָווער רב, כ״ק מרן אדמו״ר הגאון הקדוש רבי יחזקאל שרגא האַלבערשטאַם זכותו יגן עלינו, וועלכער איז געווען אינגאַנצן איבערגעגעבן צום הייליקן באַשעפער ב״ה, און האָט פאַרהייליקט יעדן טריט און שריט לכבוד דעם אויבערשטן כחד מן קמאי. הערנדיק ווי רבנים און חסידים דערציילן פון זיין עבודה, זיין צדקות, זיין יראת שמים, זיין גאונות און התמדה בתורה, זיין גרויסקייט אין דער מדה פון אמת, זיינע וואונדערלעכע מופתים, און דאָס גלייכן, דוכט זיך אַז מ׳רעדט דאָ פון אַ ראשון, אָדער אַן אַנדערן צדיק פון הונדערטער יאָרן צוריק, און עס לאָזט זיך נישט גלויבן אַז עס זיינען נאָך נישט אַריבער קיין 90 יאָר פון דער הסתלקות פון אָט־דעם ריז, און אַז אונזערע זיידעס האָבן געהאַט די זכיה צו זען דעם דאָזיקן איש אלוקים. טאַקע מיין זיידע, הרבני החסיד המפורסם ר׳ חיים דוד בלום הי״ד פון צאַנז, און זיין שווער הגאון הצדיק רבי יצחק טייטעלבוים דומ״ץ באַרדיוב,

זיינען געווען שינאָווער חסידים. אויך מיינע עלטער־זיידעס, הרבני החסיד החריף ר׳ פנחס גאָלדבערג פון דזשיקוב, און החסיד הנעלה ר׳ לייבוש בלייווייס פון קאָלביסוב, זיינען געפאָרן צום הייליקן שינאָווער רב.

איך גיב אָפּ אַ שבח והודאה דעם אויבערשטן יתברך שמו, וואָס האָט מיר אַריינגעגעבן דעם רעיון און געהאָלפן באַשרייבן דעם שינאָווער רב, כדי צו פאַראייביקן פאַר אונזערע קינדער דאָס גרויסקייט פון אַ לעצטיקן צדיק וקדוש במלוא המובן. די עובדות און די שמועסן זיינען פאַרלעסלעכע, פילע זיינען גענומען געוואָרן פון ספרים, אַ גרויסער טייל פון זיי האָט דערציילט אדמו״ר הגאוה״צ המפורסם מפּשעוואָרסק שליט״א, עטליכע ענינים האָב איך געהערט פון כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א מבאָבוב, פון בנו הגה״צ מוה״ר הרב נפתלי צבי שליט״א, פון הרה״צ מבריגל ז״ל, פון הרה״ג והחסיד מוהר״ר אברהם חיים שפּיצער שליט״א, ווי אויך פון אַנדערע רבנים חסידים ואנשי מעשה וואָס ווערן אָפּטמאָל דערמאַנט ביי די סיפּורים.

עס איז מסתמא איבריק צו באַטאָנען, אַז דער דאָזיקער ספר איז ווייט־ווייט פון אַ שלימות׳דיקער אָפּשאַצונג פון שינאָווער רב, עס איז נישט מער ווי אַ ״טיפּה מן הים״ פון זיין גרויסקייט. זיין גדלות איז אומשעצבאַר און למעלה מהשגתינו.

זאָל דער זכות פון הייליקן שינאָווער רבביישטיין מיר און מיין משפחה שיחיו, אַז מיר זאָלן זוכה זיין אימער צו דינען דעם אויבערשטן און צו טוהן רצונו ית״ש מתוך הצלחה, שמחה, בריאות השלימות און פיל נחת, און בקרוב זאָלן מיר מקבל זיין פני משיח צדקינו אמן.

**חיים דוד באַקאָן**



דער שינאָווער רב זי״ע
און זיין אונטערשריפט

## דער שינאָווער רב

כ״א שבט אין יאָר תקע״ו, איז ביים הייליקן צאַנזער רב זי״ע געבוירן געוואָרן דאָס ערשטע קינד, און ער האָט אים געגעבן דעם נאָמען ״יחזקאל שרגא״.

איידער ער איז געבוירן געוואָרן, איז די מוטער געגאַנגען צום הייליגן חוזה פון לובלין זי״ע צו בעטן פון אים אַ ברכה. ווען זי איז אַריינגעקומען אין זיין שטוב, האָט דער לובלינער זיך אויפגעשטעלט פון זיין שטול, זאָגנדיק:

— נישט ווייל איר פאָטער דער לייפניקער רב איז דער גאון הדור, דערפאַר שטעל איך זיך אויף פאַר איר, און נישט ווייל זי איז די רביצין פון אַ גאון און צדיק. נאָר ווייל זי וועט האָבן אַ קינד, וואָס וועט פאַרשיינען די וועלט מיט זיין ליכטיגקייט, דערפאַר שטעל איך זיך פאַר איר אויף...

דערנאָך האָט דער חוזה איר געגעבן אַ ברכה. [דער שינאָווער רב פלעגט שפּעטער אַלעמאָל רופן דעם חוזה פון לובלין ״דער הייליקער רבי״, טראָץ דעם וואָס ער האָט נישט געלערנט ביי אים. די סיבה דערויף האָט ער ערקלערט, אַז היות זיין מאַמע האָט באַקומען אַ ברכה פון חוזה און דערנאָך איז ער געבוירן געוואָרן, איז ער זיכער אַז אַלע השגות וואָס ער האָט דערגרייכט אין תורה ועבודה, זיינען געקומען דורך דער ברכה. דעריבער רופט ער אים ״רבי״, פונקט ווי דער רמב״ם האָט נאָכ׳ן באַקומען אַ ברכה פון ר״י מגאש באַטיטלט אים ״רבי״, כאָטש ער האָט נישט געלערנט ביי אים].

### זיין יוגנט

שוין אַלס קינד, האָט יעדער דערקענט אַז עס וואַקסט אונטער

אַ גדול הדור. ער איז געווען זעהר אַ גרויסער מתמיד און האָט געלערנט גמרא מיט תוספות טאָג און נאַכט. זיין מוטער פלעגט אים מיטנעמען אויפ׳ן מאַרק, וואו זי איז געגאַנגען איינקויפן פאַרשידענע באַדערפענישן, און בשעת די מאַמע איז אַריינגעגאַנגען אין די געשעפטן, פלעגט זי לאָזן יחזקאל׳ען שטיין אין דרויסן, אַכטונג צו געבן אויפ׳ן וואָגן מיט די זאַכן וואָס זי האָט איינגעקויפט. פלעגט יחזקאל׳ע בשעת׳ן שטיין נעבן וואָגן, חזר׳ן בלעטער גמרא אויסנווייניק.

אַמאָל חנוכה ביינאַכט ווען יחזקאל׳ע האָט געלערנט אין בית המדרש גמרא, האָט ער זיך זייער לאַנג געמוטשעט צו פאַרשטיין פשט. אינמיטן קומט אַריין אַ חבר און בעט יחזקאל׳ען צו שפּילן מיט אים קוויטלעך. האָט ער געענטפערט, אַז נאָכדעם ווי ער וועט דערגיין פשט אין דער גמרא, וועט ער גיין שפּילן. און באַלד ווי



יחזקאל׳ע חזר׳ט משניות אויסנווייניק בשעת׳ן היטן זיין מאַמע׳ס וואָגן.

ער האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער, איז אים איינגעפאַלן דער פשט. רופט זיך דאַן אָן יחזקאל'ע צו זיין חבר:

— איך האָב מיך געמוטשעט אַזוי לאַנג אין דער גמרא, און פלוצלונג יעצט נאָכדעם ווי כ'האָב דיר געזאָגט אַז נאָכן פאַרשטיין פשט וועל איך זיך גיין שפּילן, איז עס מיר אין דער רגע איינגעפאַלן. כ'האָב דעריבער מורא אַז דער בעל־דבר האָט מיר אַריינגעגעבן דעם פשט אין האַרץ כדי כ'זאָל קענען שנעל גיין שפּילן קוויטלעך. וועל איך דערפאַר דוקא נישט גיין זיך שפּילן...

* * *

אַ גרויס אומגליק האָט אַמאָל געטראָפן דעם קליינעם יחזקאל'ען. זיין פעטער, הרב ר' אביגדור ז"ל, האָט באַזוכט זיין ברודער דעם צאַנזער רב, און שפּעטער, אַרויסגייענדיק פון הויז, האָט אים יחזקאל'ע באַגלייט. נאָך דעם ווי הרב ר' אביגדור האָט זיך אַרויפגעזעצט אויפ'ן וואָגן, האָט ער זיך דערמאַנט וועגן געלט וואָס ער האָט געדאַרפט נעמען ביי דער רביצין. האָט ער אַריינגעשיקט יחזקאל'ען נעמען דאָס געלט. האָט אַ ביטערער אומגליק פּאַסירט: אַ לויפענדער וואָגן, באַלאַסטעט מיט האָלץ, האָט אומגעוואָרפן און איז אַרויפגעפאָרן אויפ'ן קינד.

מען האָט שנעל גערופן דאָקטוירים וועלכע האָבן אים אונטערזוכט, און אויפגעגעבן האָפענונג אויף זיין לעבן, היות זיין קערפּער איז געווען ווי איבערגעטיילט אין האַלב ל"ע. הרב אביגדור, פילנדיק זיך שולדיק אין דעם, האָט אויפגעהויבן די הענט צום הימל און געבעטן:

— רבונו של עולם, אויב עס איז מיר באַשערט געווען אַ בן זכר, בין איך אים דיר מוחל, נאָר שיק ברחמיך הרבים אַ רפואה שלימה פאַר יחזקאל'ען.

אויך דער צאַנזער רב האָט מעורר רחמים געווען, און האָט געשיקט אַ שליח צום הייליקן ראָפּשיצער רב זי"ע. דער

ראָפּשיצער רב האָט באַלד צוגעזאָגט אַז דאָס קינד וועט האָבן אַ רפואה שלימה. אַזוי איז טאַקע געווען, און דער שינאָווער רב פלעגט אייביק זאָגן, אַז ער איז שולדיק דעם ראָפּשיצער רב זעהר פיל, ווייל ער האָט אים געראַטעוועט דאָס לעבן.

מערקווירדיק, אַז ביי הרב ר׳ אביגדור זיינען דערנאָך געבוירן געוואָרן בלויז טעכטער...

## אַלס בחור

יחזקאל׳ע איז געוואָרן בר מצוה, און איז ווייטער געזעסן און געלערנט מיט אַ געוואַלדיגן חשק אָן אויפהער. ער האָט געלערנט ״לשמה״, אָנצוטוהן אַ נחת רוח דעם אויבערשטן יתברך שמו. אַלס בחור האָט ער געמאַכט אַ שיעור מיט זיין ברודער ברוכ׳ל (שפּעטער דער גאָרליצער רב) זעהר פרי פאַרטאָג. איינמאָל איז יחזקאל׳ע נישט אויפגעשטאַנען צו דער באַשטימטער צייט. האָט ער דערנאָך געוויינט אַ גאַנצן טאָג, זאָגנדיק, אַז אויב וואָלט זיין לערנען געווען באַוויליקט ביים אויבערשטן, וואָלט מען אים פון הימל אויפגעוועקט אין דער פרי, נאָר עס זעט אויס, אַז מ׳וויל נישט זיין תורה...

אויך האָט ער געדאַוונט זעהר ערלעך, מיט אַ פלאַמיגן ברען. ער איז געווען אַ גרויסער ירא שמים אין אַלע הינזיכטן, און האָט זיך אָפּגעהיטן פון טוען חלילה די מינדעסטע עבירה. ער פלעגט — למשל — שטאַרק מקפיד זיין נישט צו לאַכן אָדער שמייכלען מיט אַ גאַנץ מויל, ווייל חז״ל זאָגן ״אסור לאדם למלאות פיו שחוק בזמן הזה״. אויך האָט ער זיך געהיטן פון גיין אין גאַס. ווען ער האָט באַדאַרפט צו גיין אינדרויסן, פלעג ער גיין אויף די פעלדער אונטער די הייזער, און נישט אויף דער גאַס וואו אַלע זיינען געגאַנגען, כדי צו דערווייטערן זיך פונ׳ם איסור ״ולא תתורו אחרי עיניכם״.

אַמאָל פרייטיק צו נאַכטס, בשעת׳ן גיין ׳שלאָפן, האָט ער בטעות אַריינגעטראָטן מיט איין פוס אין דעם שיסל נעגל־וואַסער, וואָס איז געווען אָנגעגרייט ביים בעט. האָט ער נישט געוואָלט אַוועקשטעלן אָדער אַנידערלייגן דעם פוס אויף דער ערד צי אויפ׳ן בעט, און אויך האָט ער נישט געוואָלט אויסטוהן דעם זאָק, אויס מורא אַז וואַסער וועט זיך אַרויסקוועטשן פון זאָק און דאָס קען זיין בגדר פון דער מלאכה פון ״ליבון״ (אויסוואַשן אַ בגד). איז ער אַ גאַנצע נאַכט געלעגן אין בעט און האָט געהאַלטן דעם פוס אין דער לופט ביז עס האָט זיך אויסגעטרוקנט.

אָט אַזוי האָט ער געציטערט פאַר אַן עבירה. אַמאָל איז ער געווען אין דזשיקוב, און ווען ער האָט אַרויפגעשאַרט זיין אַרבל כדי אָנצוטוהן תפילין, האָט דער הייליגער רבי ר׳ אליעזר פון דזשיקוב זי״ע געזאָגט צו זיינע קינדער:

— קוקט׳ס נאָר גוט אָן די האַנט וואָס האָט קיינמאָל נישט קיין ריר געטוהן קעגן דעם רצון הבורא...

ווען ער איז אַלט געווען בלויז אַכצן יאָר, האָט שוין דער דזשיקובער רב אים באַטיטולט מיט׳ן נאָמען ״צדיק״.

צו גאָר הויכע מדרגות איז יחזקאל׳ע געקומען. זייענדיק אַ יונגערמאַן, האָט ער געהערט ווי הגאון הקדוש דער ישמח משה זי״ע זאָגט, אַז ער געדענקט נאָך דעם מעמד הר סיני, און ער געדענקט אַפילו אויך ווער עס איז דעמאָלט געשטאַנען נעבן אים. אויף דעם האָט דער שינאָווער רב ערקלערט צו מקורבים:

— עס איז נישט קיין חידוש און קיין פלא צו געדענקען דעם מעמד הר סיני, עס שטייט דאָך פון אר״י הקדוש אַז יעדער איד מוז געדענקען דעם מעמד הר סיני...

דערפון זעט מען די גוואַלדיקע גרויסקייט פון שינאָווער רב, ביז עס איז ביי אים געווען אַ פשוט׳ע זאַך צו געדענקען דעם מעמד הר סיני.

רבי יחזקאל ליגט שבת מיט׳ן נאַסן פוס אין דער הייעך.

נישט אומזיסט האָט ער דערגרייכט אַזעלכע מדרגות, נאָר זייענדיק אָנגעהיטן בקדושה אויף יעדן שריט און טריט, איז ער געשטיגן יעדע מינוט. אין זיין ספר "דברי יחזקאל" טייטשט ער:

"הוא אשר דבר לעם סגולתו", דבר איז פון לשון "דבר אחד לדור", דאָס הייסט אַ מנהיג. הוא אשר "דבר" לעם סגולתו, ווער קען זיין אַ מנהיג אויף אידן, שטייט ווייטער: "שמור לקדשו מבואו ועד צאתו", דער וואָס איז אָנגעהיטן בקדושה פון ווען ער איז געקומען אויף דער וועלט ביז ווען ער פאַרלאָזט עס, דהיינו, ער האָט קיינמאָל נישט פוגם געווען אין דער קדושה...

פון די ווערטער איז צו דרינגען, אַז ער אַליין האָט קיינמאָל נישט געזינדיקט, און בלויז פאַר דעם האָט ער שפּעטער צוגעשטימט צו ווערן אַ מנהיג ביי כלל ישראל...

## אַלס יונגערמאַן

דער נאָמען פון יחזקאל האָט געקלונגען אין גאַנצן לאַנד אַלס אַ בחור אַ גאון און צדיק, און עס האָט אים גענומען פאַר אַן איידעם דער גאון וקדוש דער ווישניצער רב, בעל מחבר ספר "ארי' דבי עילאי", וועלכער איז געווען אַן איידעם ביים גאון וקדוש דער הייליקער ישמח משה זי"ע. ר' יחזקאל איז געזעסן און געלערנט איבער צען יאָר אין אוהעל, ביים עלטער־שווער דער ישמח משה, און ער איז געשטיגן טאָג־טעגלעך אין תורה און אין עבודה. ער האָט דאָרט געלערנט בחברותא מיט הגה"צ ר' שמואל קרויס (שפּעטער דער וואַגאשער רב). אַמאָל זיינען זיי געפאָרן צוזאַמען צום מאַרק איינקויפן זאַכן, און אויפ'ן וועג האָבן זיי דורכגעחזר'ט אַלע זעקס סדרים פון משניות.

אַלס ביישפּיל ווי דער ישמח משה האָט פון אים געהאַלטן, קען דינען דער פאָלגענדער פאַקט:

פאַר דער חתונה פון הגאון רבי שמעון סופר זצ"ל, האָט זיין

פאָטער הגאון הקדוש בעל חתם סופר זי״ע געהייסן אים אַריינפאָרן קיין אוהעל צו בעטן אַ ברכהביים הייליקן ישמח משה. נאָך דעם ווי דער ישמח משה האָט אים געבענטשט, זאָגט ער צו רבי שמעון:

— מעגסט אַריינגיין אויך צו מיין איניקל, רבי יחזקאל׳ע, צו בעטן ביי אים אַ ברכה, ווייל ער איז אַן איש צדיק און זיין ברכה וועט זיכער האָבן אַ כח...

דער ישמח משה האָט דאַן גענומען רבי שמעון׳ען ביי דער האַנט, און האָט אים אַריינגעפירט אין צימער וואו ר׳ יחזקאל איז געזעסן און געלערנט. דאָרט האָט דער ישמח משה געזאָגט צו רבי יחזקאל׳ען:

— כ׳וויל דיך עפּעס בעטן, און זאָלסט מיר נישט אָפּזאָגן. אָט דער יונגערמאַן איז דעם פּרעשבורגער רב׳ס זון, און זיין פאָטער האָט אים געשיקט צו מיר נאָך אַ ברכה. וויל איך אַז אויך דו זאָלסט אים בענטשן.

ר׳ יחזקאל האָט זיך געוואָלט אַרויסדרייען, נישט האַלטנדיק זיך פעאיק צו געבן אַ ברכה. אָבער איידער ער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט צו בעטן דעם ישמח משה צו באַפרייען אים פון דער אויפגאַבע, האָט דער ישמח משה פאַרלאָזט די שטוב.

רבי שמעון האָט גענומען שמועסן אין לערנען מיט ר׳ יחזקאל׳ע, און דערנאָך האָט אים ר׳ יחזקאל אָנגעוואונטשן צו דער חתונה.

דעם ישמח משה׳ס גרויסע אהבה צו ר׳ יחזקאל׳ען האָט געווירקט, אַז ווען ר׳ יחזקאל׳ס רביצין איז ליידער נפטר געוואָרן יונג, האָט דער ישמח משה אים פאָרגעשלאָגן חתונה צו האָבן מיט זיינס אַן אַנדער איניקל, די טאָכטער פון האַלאַשיצער רב, וועלכער איז געווען אַן איידעם ביים ארי׳ דבי עילאי. דער ישמח משה האָט אים צוגעזאָגט נאָך צען יאָר קעסט, אָבער בערך צוויי

יאָר נאָך דער חתונה איז ער נסתלק געוואָרן. אין שאלות ותשובות דברי חיים (חו"מ סי' א') איז דאָ אַ תשובה וואו דער צאַנזער רב פסק'נט, אַז די קינדער פון ישמח משה זאָלן אָנהאַלטן דעם צוזאָג פון פאָטער אויסצוהאַלטן ר' יחזקאל'ען.

## ביי צדיקי הדור

אַלס יונגערמאַן, פלעג ר' יחזקאל אַרומפאָרן צו די צדיקים וקדושים פון זיין דור, כדי צו שעפּן פון זייער תורה און הייליגקייט. ער איז אָפט געפאָרן צו רבי אשר'ל ראָפּשיצער, צום רבי'ן ר' הערש פון רימנוב, רבי ר' אליעזר פון דזשיקוב, דער ערשטער בעלזער רב, דער רבי ר' בער ראַדאָשיצער, און רבי מאיר'ל פרימישלאַנער. איבעראַל האָט ער זיך אָנגעזאַפּט מיט קדושה און האָט זיך אָפּגעלערנט פון זייערע הייליקע דרכים אין עבודת השם יתברך. אויך איז ער אַמאָל געווען ביים צמח צדיק פון וויזשניץ, ביי רבי שמעון יעריסלאָווער, ביי רבי דוד משה טשאָרטקובער, ביי רבי איציקל סקווערער, ביי רבי אהרן טשערנאָבלער, רבי דוד'ל טאלנער, רבי אהרן קאַרלינער, און רבי איציקל נעשכיזער. אַלע צדיקים האָבן אים זעהר מכבד געווען.

בנוגע דעם בעלזער רב זי"ע ווערט דערציילט, אַז כאָטש ער פלעג אַרויסבאַגלייטן רבי"ס און רבי"שע קינדער וואָס האָבן אים באַזוכט ביז צו דער טיר, האָט ער אָבער ר' יחזקאל'ען באַגלייט אינדרויסן אַרויס ביז צום וואָגן אויף וואָס ער איז אַהיימגעפאָרן, און ער האָט זיך נישט אומגעקערט אין שטוב ביז דער וואָגן איז אַוועקגעפאָרן. אויף דער פראַגע פון מקורבים פאַרוואָס ער מאַכט רבי יחזקאל'ען אַן אויסנאַם, האָט דער בעלזער רב געענטפערט:

— איר זאָלט וויסן, אַז אויב מ'לאָזט איבער אויף דער וועלט אַזאַ זון ווי אים, קען מען שלאָפן במנוחה...

באַזונדערס האָט זיין פאָטער דער צאַנזער רב, אים שטאַרק געערט.

אַמאָל ווען רבי יחזקאל'ע איז געווען אין צאַנז, איז אַ איד געקומען פרעגן דעם צאַנזער רב, צי ער מעג חתונה האָבן מיט דער שוועסטער פון זיין ווייב וועלכע איז ל"ע נפטר געוואָרן. ענטפערט דער צאַנזער רב:

— דאָס געהער צו אַ גוטן איד, גיי פרעג מיין זון ר' יחזקאל'ע.

איז ער געגאַנגען און האָט געפרעגט רבי יחזקאל'ען די פראַגע. ענטפערט ער:

— דאָס געהער צו אַ גוטן איד, פרעג דעם טאַטן.

דערציילט דער איד, אַז דער צאַנזער רב האָט אים מיט די זעלבע ווערטער געשיקט צו אים. האָט ר' יחזקאל דאַן געזאָגט אים זיין מיינונג.

ווידעראַמאָל איז ר' יחזקאל געקומען אַלס יונגערמאַן קיין צאַנז צום פאָטער, און דער צאַנזער רב האָט דאַן געגעסן אַ סעודה. דער דברי חיים אַליין האָט געגעסן פלייש פון עופות, אָבער דער עולם האָט געגעסן בשר בהמה, און אויך פאַר ר' יחזקאל'ען האָט מען אויפגעגעבן בשר בהמה.

ר' יחזקאל'ע האָט צוגעלייגט דעם גאָפל מיט פלייש צום מויל, אָבער ער האָט עס תיכף צוריק אַראָפּגעלייגט און גאָרנישט געגעסן. פרעגט אים דער צאַנזער רב פאַרוואָס ער עסט נישט. האָט ער ווידער גענומען דעם גאָפל פלייש, אָבער נאָכאַמאָל צוריקגעלייגט עס אויפ'ן טעלער.

האָט דער צאַנזער רב געשיקט פרעגן אין דער קיך צי עס איז געווען עפּעס אַ שאלה אויפ'ן פלייש. מ'האָט אָבער געענטפערט אַז נישט. האָט מען געשיקט צום קצב און אויסגעפרעגט צי דער שוחט האָט בודק געווען די סימנים און די לונגען וכו', און דער קצב האָט פאַרזיכערט אַז ס'איז כשר בתכלית הכשרות. פרעגט מען אים צי דאָס קעלבל איז אפשר געווען יונגער ווי אַכט טעג און מ'טאָר עס דאַן נישט שעכטן. האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט

זיך דאָס נישט נאָכגעפרעגט װײַל בדרך כלל פאַרלאָזט מען זיך אויף אַ חזקה. האָט מען בײ אים געגומען דעם נאָמען פון׳ם איד פון װעמען ער האָט געקויפט דאָס קעלבל, און דער צאַנזער רב האָט געהייסן יענעם רופן, און אים געפרעגט צי דאָס קעלבל איז שוין אַלט געװען אַכט טעג. ענטפערט יענער אַז יאָ.

זעענדיק װי דער צאַנזער רב צװײפלט אין זײַנע רייד, האָט ער גוט אַרײַנגעטראַכט װען דאָס קעלבל איז געבוירן געװאָרן, ביז ער האָט זיך דערמאַנט, אַז דאָס קעלבל איז געװען אַ בכור. האָט ער מיט שרעק געזאָגט פאַר׳ן צאַנזער רב:

— אוי װײ! דאָס איז געװען אַ בכור, און מ׳טאָר עס נישט עסן. װאָס האָב איך געטוהן?...

גיט דער צאַנזער רב אַ קלאַפּ רבי יחזקאל׳ען אויף דער אַקסל און רופט אויס:

— בני אם חכם לבך ישמח לבי גם אני...

אויף אַן אַנדער מאָל האָט דער צאַנזער רב זיך אויסגעדריקט גאָר גרויס װעגן זײַן זון, און װי פאָלגענד:

װען דער שינאָװער רב איז געװען רב אין סטראָפּקוב, זײַנען אַמאָל דאָרטיקע אידן געקומען צו פאָרן קיין צאַנז. האָט דער צאַנזער רב זײ געפרעגט װי אַזוי זײַן רבי יחזקאל׳ע איז זיך נוהג אין דער מצוה פון צדקה. ענטפערן זײ, אַז ער גיט אַװעק אַ חומש, אַ פינפטל, פון זײַן געלט.

רופט זיך אָן דער דברי חיים:

— נו, מילא. ער איז דאָך אַ ״צדיק מעיקרא״, דאַרף ער נישט געבן מער װי אַ חומש. אָבער מיר מוזן לײַדער געבן מער פון דעם... [זע ״קדושת ציון״ פרשת ויצא, בשם דעם צאַנזער רב, אַז כדי רײַנצואװאַשן זיך פון עבירות דאַרף מען געבן אַפילו מער פון אַ חומש].

# רבי יחזקאל ווערט רב

אין יאָר תר״ז, האָט רבי יחזקאל, נאָך דער פּטירה פון זיין צווייטער רביצין, חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון דעם גאון וקדוש דער ראָזלער רב זצ״ל. אַ יאָר נאָך דער חתונה איז דער ראָזלער רב נפטר געוואָרן, און דער הייליגער ריזשינער זי״ע האָט געהייסן קרוינען רבי יחזקאל׳ען אויף זיין אָרט, צוגעבנדיק, אַז ער וועט מקדש זיין דעם שם שמים דאָרט.

זיבן יאָר איז ער דאָרט געווען רב. אַמאָל האָבן תלמידי חכמים פון שטאָט זיך געקריגט מיט אים וועגן זיינס אַ פּסק הלכה, און זיי האָבן געבראַנגט ראיות אַז ער האָט שלעכט געפּסק׳נט. רבי יחזקאל איז דערפון צעבראָכן געוואָרן, און ער האָט געשריבן צום בעלזער רב זי״ע אַז ער וויל אויפגעבן דאָס רבנות. האָט דער בעלזער רב געענטפערט אין אַ בריוו, אַז זיין פּסק איז אמת און הייליק, און אין הימל איז מען מסכים צו זיינע פּסקי הלכות. דאַן האָט רבי יחזקאל צוגעשטימט ווייטער אָנצופירן מיט דער שטאָט.

נאָך דער פּטירה פון דער דריטער רביצין, האָט ר׳ יחזקאל ביי זיך אָנגעקלערט נישט מער חתונה צו האָבן. אָבער דער בעלזער רב האָט אים געהייסן יאָ חתונה האָבן, און האָט פאַר אים פאָרגעשלאָגן די טאָכטער פון זיין שוואָגער, דער לעשנובער רב. דער שינאָווער רב האָט מיט איר חתונה געהאַט, און זי האָט געבוירן דריי זין און צוויי טעכטער.

דעם שינאָווער רב׳ס פינפטער רביצין איז געווען די טאָכטער פון הרב הצדיק רבי אברהמ׳לע גאָרליצער, אַן אייניקל פון הייליקן רבי׳ן ר׳ אלימלך זי״ע. (רבי אברהם איז געווען אַ זיידע פון הרה״צ המפורסם רבי איציקל מפשעוואָרסק זצוק״ל). זי איז געווען אַן אָרימע אלמנה וואָס איז געקומען צום שינאָווער רב נאָך אַ נדבה, און האָט זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ אַז זי איז עלענד און צעבראָכן. נאָך דעם ווי דער שינאָווער רב האָט איר געגעבן אַ

נדבה און זי האָט פאַרלאָזט זיין צימער, האָט דער שינאָווער רב געהייסן זיין גבאי פרעגן ביי איר צי זי וואָלט מסכים געווען חתונה צו האָבן מיט אים. זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז זי האָט מיט פרייד צוגעשטימט, און דער שינאָווער רב האָט מיט איר חתונה געהאַט.

אין יאָר תרט"ז איז ר' יחזקאל אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין שינאָווע, און מיט עלף יאָר שפּעטער איז ער געוואָרן רב אין סטראָפּקוב. פערצן יאָר נאָך דעם איז ער צוריק געוואָרן רב אין שינאָווע, וואו טויזנטער חסידים האָבן געשטראָמט צו אים, צווישן זיי פילע גדולי ישראל, גאונים און רביים, און ווי הגה"צ דער מונקאַטשער רב (בעמח"ס דרכי תשובה) האָט אים באַטיטולט: "דער רבי פון רבי'ס"...

## אַ גאון אין תורה

דער שינאָווער רב איז געווען אויסגערופן ווי אַ גאון אין תורה און אַ זייל פון הוראה און הלכה. גדולי הדור האָבן זיך געווענדעט צו אים מיט שאלות, ווילנדיק וויסן זיין מיינונג סיי אין הלכות איסור־והיתר, סיי אין חושן־משפט, און דאָס גלייכן. הגאון רבי שמואל ענגעל, דער ראַדאָמישלער רב, פלעגט זיך כסדר דורכשמועסן שווערע שאלות אין ענינים פון חושן משפט מיט'ן שינאָווער רב, זאָגנדיק אַז דער שינאָווער רב איז א גוואַלדיקער מומחה אין די ענינים. ער איז געווען געבענטשט מיט אַן אויסערגעוועהנלעכן זכרון, און רעדנדיק מיט אים אין לערנען, האָבן רבנים אָפטמאָל געשטוינט ווי ער ציטירט אויסנווייניק רייד פון די פוסקים געגנוי מיט'ן לשון. ער האָט אַמאָל איבערגעזאָגט פאַר הגאון רבי שמעון סופר אַ פּלפּול וואָס רבי שמעון האָט אים געהאַט געזאָגט אַלס יונגערמאַן מיט פערציק יאָר פריער.

זיין גאונות און גדלות האָט געשמ'ט איבעראַל, און וואו ער איז געקומען האָט מען אים אָפּגעגעבן כבוד מלכים. אַמאָל איז ער

געפאָרן קיין בריסק כדי צוצוהעלפן מתיר זיין אַן עגונה. איז דער בריסקער רב הגאון רבי יאָשע בער אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן אים אָנגעטוהן אין בגדי שבת און טראָגנדיק צוויי ליכט אין די הענט, ווי עס פּאַסט ווען מ׳גייט פּאַר אַ מלך.

* * *

אויך דאַן ווען ער איז געווען דער גרויסער וועלטס־רבי מיט טויזנטער חסידים, האָט זיין התמדה בתורה נישט געהאַט קיין גרעניץ. ער פלעג יעדע נאַכט אויפשטיין פאַר חצות, ער האָט אָנגעראָכטן תיקון חצות, און דערנאָך האָט ער געלערנט ביז אין דער פרי.

אַמאָל איז ער געפאָרן קיין וויעליטשקע, כדי צו זאַמלען געלט און פאַרלייכטערן אַביסל זיינע פילע חובות. אידן פון שטאָט זיינען געקומען אין מאַסן און האָבן אָפּגעוואַרט גאַנצע שעה׳ן כדי אַריינצוגיין צום רבי׳ן און אָפּגעבן אַ קוויטל מיט אַ פדיון, אָבער דער שינאָווער רב האָט קיינעם נישט צוגעלאָזט צו זיך. ער איז געזעסן אין שטוב און האָט אַ גאַנצן טאָג געלערנט גמרא מיט תוספות בהתמדה. די משמשים האָבן זיך געוואונדערט: וואָס הייסט, דער רבי איז דאָך געקומען וועגן געלט, דערווייל זיצט ער זיך און לערנט?... אָבער קיינער האָט נישט געוואַגט צו זאָגן דעות דעם רבי׳ן. דאָס האָט זיך אַזוי געצויגן עטליכע טעג, יעדעס מאָל וואָס מ׳האָט אים געפרעגט צי מ׳מעג שוין אַריינלאָזן די מענטשן, האָט ער בלויז געזאָגט:

— ווי קען מען זיך אָוועקרייסן פון דער הייליקער תורה?...

איז דער גבאי, ר׳ אנשיל פערלמאַן, געפאַלן אויף אַן המצאה. ער איז אַריין אין רבי׳נ׳ס שטוב, און האָט געמורמלט צו זיך אַליין:

— נו, וואָס איז, וועט די גאַנצע שטאָט עסן טריפות. דער רבי איז דאָך מסכים דערצו. ס׳שאַדט נישט...

אַזוי האָט אַנשיל איבערגעחזר׳ט אַ פּאָר מאָל. ביז דער



דער עולם קען נישט אַריין צום שינאָווער רב ווייל ער לערנט בהתמדה.

שינאָווער רב, וועלכער איז געווען פאַרטיפט אין לערנען, האָט דערהערט זיינע רייד. דערשראָקענערהייט האָט ער געפרעגט:

— אַנשיל, וואָס רעדסטו עפעס?

ענטפערט אַנשיל:

— דער איד וועלכער שטייט ביי די גויים, די מילך־מעלקער, וואַרט שוין דאָ דריי טעג אַריינצוגיין צום רבי'ן און ער קען נישט. אָבער די גויים מעלקן ווייטער, ווייל די שטאָט באַדאַרף דאָך מילך און קעז. קומט אויס, אַז די שטאָט עסט חלב עכו"ם און גבינת עכו"ם, און דער רבי זיצט זיך ווייטער און לערנט און איז מסכים...

דער שינאָווער רב האָט באַלד געהייסן עפענען די טיר און אַריינלאָזן די מענטשן.

הגה"צ דער ווייצענער רב זצ"ל ברענגט (אין ספר "אגרא דצבי") וואָס דער שינאָווער רב האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ווען די חסידים וואָלטן געוואוסט די גרויסע טובה וואָס זיי וועלן האָבן מיט יעדן פרק משניות וואָס ער וועט לערנען, וואָלטן זיי אים זיכער געלאָזט מער לערנען.

* * *

עס איז איבריק — און אוממעגליך — צו שילדערן די עבודה פון שינאָווער רב אין די דריי טעג הושענא רבה, שמיני עצרת, און שמחת תורה. עס איז אַמאָל געווען מוצאי שמחת תורה נאָך מעריב, און דער עולם איז געווען אויסגעמאַטערט און זעהר אָפּגעשוואַכט. דער שינאָווער רב איז שוין דאַן געווען אַכציק יאָר אַלט, און ער האָט געזאָגט די משמשים:

— כ'בין זעהר שוואַך, און איך וויל מיך אַביסל אויסרוען. בעט איך מ'זאָל נישט אַריינקומען מיך שטערן...

עס איז דאַן דאָרט געווען אַ פאַרפלאָמטער חסיד, וועלכער

האָט זיך נישט געקענט אַוועקרייסן פון הייליקן רבי'ן. איז ער געלאָפן פאַראויס, ער האָט זיך אַרונטערגעלייגט אונטער'ן בעט וואָס איז געשטאַנען אין שינאָווער רב'ס צימער, און האָט דאָרט געוואַרט אויפ'ן רבי'ן.

ווען דער שינאָווער רב איז אַריינגעקומען אין דער שטוב, האָט ער פאַרמאַכט די טיר, זיך אַראָפּגעזעצט ביים טיש, און זיך גענומען פלייסיק לערנען גמרא מיט תוספות מיט גרויס התלהבות. אַ גאַנצע שעה האָט ער אַזוי געלערנט, ביז דער אויסגעמוטשעטער חסיד איז איינגעשלאָפן אונטער'ן בעט. פאַרטאָגס האָט ער זיך איבערגעוועקט, און ער האָט געזען ווי דער שינאָווער רב זיצט נאָך אַלץ און לערנט מיט'ן זעלבן ברען פון נעכטן ביינאַכט!

אָט אַזוי האָט דער שינאָווער רב זיך "אויסגערוהט", נאָך אַן אויסגעהאָרעוועטער עבודה פון דריי מעת־לעת נאָכאַנאַנד...

* * *

הגאון הקדוש דער סאַטמאַרער רב זי"ע איז ביי דער חתונה פון זיין ברודער הגאון הצדיק בעל עצי חיים זי"ע געווען אַלט 9 יאָר. האָט אים דאָרט דער שינאָווער רב צוגערופן און געפרעגט וואָס ער לערנט. ענטפערט דער סאַטמאַרער רב, אַז ער לערנט מסכתא בבא קמא, און ער האַלט ביי דער סוגיא פון "דן את הדין" (דף ק' ע"א). האָט אים דער שינאָווער רב פאַרהערט די סוגיא מיט'ן גרויסן תוס' דאָרטן.

דער סאַטמאַרער רב זי"ע פלעגט זאָגן:

— ער האָט מיך פאַרהערט נישט פשוט, נאָר מיט טיפקייט און גרונטליכקייט. דער שינאָווער רב איז געווען אַזאַ גאון, אַז עס האָט אויסגעזען ווי פונקט האָט ער ממש איצט געלערנט די סוגיא...

אגב, האָט דער סאַטמאַרער רב זי״ע אויך נאָכגעזאָגט, אַז ביי יענער חתונה האָט ער געהערט פון שינאָווער רב, אַז ווער עס שמעקט טאַבאַק און ער ווייסט נישט די כוונות און די יחודים וואָס מ׳דאַרף דערביי אינזינען האָבן, איז אַ שאָד וואָס ער שמירט־איין די נאָז...

באַלד נאָכדעם ווי דער שינאָווער רב האָט דאָס געזאָגט, האָט דער שינאָווער רב געבעטן דעם גבאי׳ן צו דערלאַנגען אים די פייקע צום רייכערן...

## זיינע יגיעות ביים דאַווענען און ביים לערנען

גאָר גרויסע כוחות האָט דער שינאָווער רב אַוועקגעלייגט סיי ביים לערנען, סיי ביים דאַווענען, און אַזוי ביים מקיים זיין אַלע מצוות. ער האָט זיך פאַרטיפט אין תורה מיט׳ן גאַנצן מוח, און זיך זייער געמאַטערט צו דערגיין די סוגיא מיט אַ פעסטער קלאָרקייט.

אַ געשיכטע פאַר זיך איז די עבודה רבה זיינע ביים דאַוונען. ער האָט געדאַוונט מיט הייליקע כוונות, און האָט יעדעס וואָרט אַרויסגעזאָגט מיט׳ן גאַנצן כוח. אַלס הכנה צום דאַווענען האָט דער שינאָווער רב יעדן אין דער פרי געלערנט מיט גרויס פחד אין ספר ״עץ חיים״ פון רבינו הקדוש רבי חיים וויטאַל זי״ע, און זיינע אברים האָבן זיך ממש געוואָרפן פאַר שרעק.

דערנאָך האָט ער זיך געשטעלט דאַווענען. הגאון הקדוש בעל ישמח משה זי״ע האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער שטעלט זיך דאַווענען מיט גרויס פאָרכט און פחד פונקט ווי אַ זעלנער וועלכער גייט אין מלחמה מיט אַ שונא וואָס שטייט אַקעגנאיבער מיט אַ ביקס.

פאַר׳ן דאַווענען האָט ער אָפּגעטוהן אַלע שטערונגען כדי צו פאַרזיכערן אַז ער וועט קענען דאַווענען מיט׳ן גאַנצן האַרץ און

מיט'ן גאַנצן מוח. איידער דער שינאָווער רב איז געפאָרן סוף יאָר תרכ"ט קיין ארץ ישראל, האָט אַ גביר אים געגעבן אַ "טשעק" אויף אַ גרויסער סומע געלט, צוצוהעלפן אים מיט די הוצאות פון דער נסיעה. ער האָט געהייסן דעם שינאָווער רב אויסטוישן דעם טשעק אין אַ באַנק ווען ער וועט אָנקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּל. אויפ'ן וועג האָט אָבער דער שינאָווער רב געשפּירט, אַז ער קען נישט מכוון זיין ביים דאַווענען ווי עס געהער, ווייל ער טראַכט כסדר צו היטן דעם טשעק פון גנבים. איז ער געגאַנגען און האָט דעם טשעק פאַרברענט אין פייער...

ווידער האָט געטראָפן, אויף דער שיף האָט זיך דאַן געפונען אַ רייכער איד, וועלכער האָט איבערגעגעבן דעם שינאָווער רב אַ רייע אַדרעסן פון אָנגעזעענע רייכע מענטשן, וועלכע וועלן אים צוהעלפן מיט געלט. דער שינאָווער רב האָט אָבער געשפּירט, אַז דאָס טראַכטן און פּלאַנירן צו גיין צו די עשירים שטערט אים אין מוח אין זיין עבודות ה', האָט ער אַריינגעוואָרפן די רשימה אין ים...

אַ געוואַלדיקע עבודה האָט ער אָנגעראָכטן ביים דאַווענען. אַ פלאַקערדיק פייער האָט געברויזט אין אים, זיין פנים האָט געפלאַמט, און אַלע אברים האָבן זיך געטרייסלט מיט פחד פאַר'ן אויבערשטן. שוין יונגערהייט האָט אים דער ערשטער בעלזער רב באַטיטולט "אַ שטיק פייער". אָפט מאָל פלעג זיך פון גרויס התלהבות זיין קאָפּ אָפּקלאַפּן אין דער וואַנט, און ער האָט דאָס איבערהויפּט נישט געשפּירט, זייענדיק אַריינגעטוהן אינגאַנצן אין תפילה. אין די לעצטע יאָרן האָט מען באַהאָפטן אַ ווייכן קישן צו דער וואַנט נעבן וועלכער דער שינאָווער רב איז געזעסן, כדי ער זאָל זיך נישט וויי טוהן ביים שאָקלען זיך. ער פלעג מיט'ן גאַנצן כוח קלאַפּן מיט דער האַנט אויפ'ן שטענדער, און פלעג אויסשרייען ווערטער און פסוקים פון דאַווענען אָדער פון קריאת התורה מיט אַזאַ מורא'דיק קול, אַז אַ שוידער פלעג אָנכאַפּן די צוהערערס.



דער שינאָווער רב פאַרברענט דעם טשעק אויף דער שיף.

הרה״ק דער באָבאָווער רב זצ״ל הי״ד פלעג זאָגן:

— טייל זאָגן, אַז דאָס גרויסקייט פון שינאָווער רב איז געווען אין תורה, טייל זאָגן, אַז ר׳איז געווען אַ גרויסער צדיק, און אַנדערע רעדן פון זיינע מופתים. איך האַלט, אַז זיין אמת׳ע גרויסקייט זעט מען אין דעם פאָלגנדן ענין:

— אַ פשוט׳ער דאָרפס־איד איז געווען שטאַרק פאַרזאָרגט, זענענדיק אַז זיין קו וויל נישט געבן קיין מילך. איז ער געפאָרן קיין שינאָווע צו בעטן דעם שינאָווער רב צו בענטשן די קו אַז זי זאָל געבן מילך. דער איד איז אָנגעקומען קיין שינאָווע אינמיטן דאַווענען, און ער האָט זיך אַנידערגעזעצט וואַרטן אַריינצוגיין שפּעטער צום רבי׳ן. ווען דער שינאָווער רב האָט זיך געשטעלט שמונה־עשרה, און ער האָט געגעבן אַ געשריי ״הא־ל הגדול הגבור ו־ה־נ־ו־ר־א״ מיט גרויס התרגשות און פחד, האָט דאָס געשריי אויפגעציטערט דעם דאָרפס־איד, און עס האָט זיך אין זיין האַרץ אָנגעצונדן אַ פלאַם פון קדושה. אויך נאָכ׳ן דאַווענען, ווען דער שינאָווער רב האָט געגעסן אָנבייסן, האָט דער איד צוגעקוקט ווי ער עסט מיט כוונה, מיט דביקות, און עס ברויזט אין אים אַ הייליק פייער, און דערנאָך בענטשט ער מיט אַ ברענענדיקער התלהבות און מיט מורא׳דיקע קולות. עס האָט זיך אין דעם איד ערוועקט אַ גרויסע אהבה צום אויבערשטן, ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן פון דער קו און פון זיין הויז־געזינד, נאָר איז פאַרבליבן צוויי וואָכן אין שינאָווע כדי צו לערנען אַ דרך אין עבודת השי״ת. ווען זיין משפחה האָט געזען אַז ער קערט זיך נישט צוריק אַהיים, זיינען זיי מיט זאָרג אַריינגעפאָרן קיין שינאָווע, און האָבן אים געטראָפן אין בית המדרש וואו ער איז געזעסן און האָט געזאָגט תהלים מיט אַ ברען. פרעגן זיי אים: פאַרוואָס קומסטו נישט אַהיים, און וואָס איז מכוח דער קו? ענטפערט ער: וואָס היים, וואָס קו? כ׳ווייס נישט וואָס איר רעדט און כ׳וויל נישט וויסן. איין זאַך ווייס איך, איך בלייב דאָ אויף אייביק כדי צו דינען דעם הייליקן באַשעפער... מיינענדיק אַז ער

איז נישט ביים דעת, זיינען זיי אַריינגעגאַנגען צום שינאָווער רב, און האָבן אים דערציילט ווי דער פאַטער איז ל״ע אַראָפּ פון זינען און באַדאַרף אַ רפואה. האָט דער שינאָווער רב אים אַריינגערופן און אים ערקלערט אַז עס איז אויך דאָ אַ מצוה מפרנס צו זיין אַ משפחה, דעריבער זאָל ער אַהיימפאָרן און שפייזן די קינדער, און העכסטנס קען ער קומען אַמאָל אויף אַ שבת צי אַ יום־טוב. דער איד האָט געפאָלגט, ער איז אַהיימגעפאָרן און האָט דאָרט געדינט דעם באַשעפער. ער איז געשטיגן אין עבודה און אין חסידות, און איז פאַרבליבן כל ימיו אַ גרויסער עובד וירא השם.

— אָט אין דעם איז באַשטאַנען דעם שינאָווער רב׳ס גרויסקייט — האָט דער באָבאָווער רב זצ״ל אויסגעפירט.

* * *

דער שינאָווער רב האָט געהאַט אַ מנהג, אַז באַלד נאָכ׳ן לייגן תפילין יעדן אינדערפרי האָט ער געזאָגט דעם שיר של יום. פלעגט הרב הגאון דער גאַלאַנטער רב זצ״ל שילדערן ווי חסידים וואָס זיינען געקומען אויף שבת האָבן זיך געשטופּט כדי צו זען ווי דער שינאָווער רב זאָגט זונטיק אינדערפרי מיט פיל דביקות און התלהבות דעם יום ״לדוד מזמור״. מ׳האָט דאַן געזען בחוש ווי ער איז ממליך דעם אויבערשטן אויף דער גאַנצער וועלט, און דאָס התעוררות ביים עולם איז געווען ווי יום כיפור ביינאַכט ווען מ׳זאָגט ״לדוד מזמור״ בציבור.

ביים אָנהויב דאַווענען, זאָגנדיק די פרשה פון דער ״עקידה״, האָט דער שינאָווער רב מדגיש געווען וואָרט ביי וואָרט, ביז אַז די אָנוועזנדע האָבן געשפּירט ווי זיי זעען ממש די עקידה פון יצחק. חסידים פלעגן נאָכזאָגן, אַז אָנקומענדיק צום פסוק ״ויקח את המאכלת״, האָט דער שינאָווער רב זיך אַזוי צעפייערט, אַז עס האָט זיך געדוכט, אַז ער גייט אָט־אָט מקיים זיין בפועל די מצוה וואָס דער אויבערשטער האָט באַפוילן אברהמ׳ען...

צוויי שעה פלעג ער דאַווענען שחרית, שרייענדיק אָן אויפהער פון "הודו" ביז "עלינו לשבח". (זע "דברי יחזקאל" פרשת מצורע, אַז ביים דאַווענען גיט מען אַרויס דאָס גאַנצע חיות, און דער אויבערשטער גיט אַריין אַ ניי חיות). דער הייליקער צדיק רבי יהודה צבי פון סטרעטין זי"ע פלעג זאָגן אויפ'ן שינאָווער רב:

— מיט אַזאַ מאַטערניש, מיט אַזעלכע כוחות, וואָלט אַפילו אַ זון פון אַ שוסטער אָנגעקומען צו גאָר הויכע מדרגות. איז אַ כל־שכן אויפ'ן הייליקן צאַנזער רב'ס אַ זון...

דער בעלזער רב הגאון הקדוש רבי ישכר דוב זי"ע, האָט אַמאָל געזאָגט צו אַן אייניקל פון שינאָווער רב:

— צי ווייסטו מיט וואָסערע כוחות דיין זיידע, דער שינאָווער רב, האָט געדאַוונט? ווען איינער וואָלט זיך אַזוי שטאַרק און האַרציק געבעטן אַפילו פאַר אַ גזלן, וואָלט דער גזלן זיכער דערפילט זיין בקשה...

נאָך האָט דער פריערדיקער בעלזער רב הגה"ק מהרי"ד דערציילט, אַז דער שינאָווער רב איז אַמאָל געווען אויף שבת אין בעלז ביי זיין פאָטער הרה"ק ר' יהושע זצ"ל, וועלכער האָט אים מכבד געווען צו דאַווענען מנחה ערב שבת. דער עמוד ביי וועלכן ער איז געשטאַנען איז געווען גאָר אַ שווערער, ביז עס האָבן זיך געפאָדערט אַ צאָל שטאַרקע מענטשן אונטערצוהייבן דעם עמוד. דער שינאָווער רב האָט געדאַוונט מיט התלהבות, און האָט זיך צעקאָכט וואָס אַמאָל מער פון מינוט צו מינוט, אויסשרייענדיק די ווערטער מיט אַלע כחות. אינמיטן זיין גרויסער דביקות, גיט ער אַ כאַפּ אָפּ דעם עמוד און הויבט עס אויף אין דער לופט, נישט וויסנדיק אַפילו אַז ער טוט עס. דער פריערדיקער בעלזער רב האָט צוגעלייגט אַז ער האָט מורא געהאַט אַז די ליכט פון עמוד וועלן אַראָפּפאַלן און זיך אויסלעשן, אָבער דער שינאָווער רב האָט דערנאָך רוהיג צוריקגעשטעלט דעם עמוד אויפ'ן אָרט, און ווייטער געדאַוונט מיט'ן זעלבן ברען און מיט מורא'דיקע כחות...

הגאון והצדיק דער נאַסאַדער רב זצ״ל האָט אַמאָל ביים אַהיימקומען פון שינאָווע געזאָגט צו זיינע מקורבים:

— די וועלט מיינט, אַז קיין שינאָווע פאָרט מען אויף די ימים נוראים. איך בין געווען ביי אים אין אַ פשוט׳ן מיטוואָך, און ווען ער האָט געזאָגט ביים ״יום״ דעם פסוק ״ויהי ה׳ לי למשגב ואלקי לצור מחסי״, איז די עבודה ביי אים געווען ממש ווי אין די ימים נוראים...

הרב הגאון דער גאַלאַנטער רב זצ״ל האָט אַמאָל געשמועסט וועגן שינאָווער רב אַ הייליקן שמועס וואָס פאַרדינט אַריינטראַכטונג. ער האָט געזאָגט:

— איך ווייס אַ מופת פון שינאָווער רב, וואָס איז גרעסער ווי אַלע מופתים. דער שינאָווער רב פלעג דאַווענען פאַמעלעך, אַרויסזאָגנדיק יעדעס וואָרט באַזונדער, און ער האָט געהייסן אַז דער בעל תפילה זאָל נישט וואַרטן אויף אים, נאָר דאַווענען מיט׳ן קהל. ער פלעג דאַווענען מיט גרויסע געשרייען, און ער האָט זיך געשאָקלט ביים דאַוונען מיט אַזאַ מורא׳דיקער התלהבות, ביז ער האָט זיך אָפטמאָל אַ קלאַפּ געגעבן דעם קאָפּ אין עמוד אַז עס האָט גערונען בלוט אויף זיין הייליק פנים, און זייענדיק פאַרקאָכט און דבוק אין אויבערשטן, האָט ער איבערהויפּט נישט געשפּירט דעם קלאַפּ. אָנקומענדיק אָבער ביי דער ברכה פון יוצר אור צו ״קדוש קדוש״, וואָס לויטן מחבר (סי׳ נ״ט, און אַזוי פסק׳נט דער פרי מגדים) מעג מען דאָס זאָגן ביחידות נאָר בלויז מיט די טראָפּן פון פסוק, האָט דער שינאָווער רב פּלוצלונג אויפגעהערט שרייען, און ער האָט געזאָגט דעם פסוק געלאַסן און מיט די טעמי המקרא. באַלד דערנאָך ביי ״והאופנים וחיות הקודש״ האָט ווידער אויסגעפּלאַצט אַ ברענענדיק פייער אין זיינע אברים, און ער האָט אויסגעשריגן מיט התלהבות ביז ער איז אָנגעקומען צו ״ברוך כבוד״, וואָס דאַן האָט ער זיך ווידער באַרואיקט און געזאָגט לאַנגזאַם מיט די טראָפּן.

האָט דער גאַלאַנטער רב אויסגעפירט:

— צו זיין אין אַזאַ בחינה פון "פושט צורה ולובש צורה", צו קענען אינמיטן דעם גרעסטן פלאַמיקן ברען, ווען די נשמה דערקוויקט זיך פון דביקות אין בורא און ווען מ'איז אַזוי אויסגעטוהן פון דער וועלט און דבוק אין באַשעפער ביז עס קען רינען בלוט פון קאָפּ און מ'שפירט עס נישט, און פלוצלונג ווען עס האַנדלט זיך אין אויספירן אַ דין אין שולחן ערוך, באַהערשט מען זיך, מ'טוט זיך צוריק אַריין אין דער וועלט און מ'באַרואיקט דאָס התלהבות, דאָס צייגט אויף סאַמע איבערגעגעבנקייט צום באַשעפער ב"ה און צו זיין שולחן ערוך מיט'ן גאַנצן וועזן. ווען מ'איז זיך אַליין אַזוי כובש, דאַן באַווייזט מען דאָס גרעסטע מופת... (זע "דברי יחזקאל", אויף חגיגה דף י"ד, אַז מקיים זיין דעם שולחן ערוך בפשטות איז וויכטיקער ווי מוח'ן וכו').

* * *

דער שינאָווער רב האָט אָנגעצונדן יעדן טאָג זעקס ליכט ביים עמוד. ער פלעג זאָגן, אַז מ'דאַרף אָנצונדן זיבן ליכט, אָבער טראָץ דעם האָט ער אַלעמאָל אָנגעצונדן בלויז זעקס ליכט. האָבן די מקורבים ערקלערט, אַז די כוונה זיינע איז לויטן פסוק "נר ה' נשמת אדם", איז דעריבער דער מענטש אַליין דאָס זיבעטע ליכטל, און ער מוז זיך אַליין אָנצונדן מיט אַ הייליק פלאַם צו עבודת השם יתברך ביז ער וועט לייכטן און שטראַלן מיט אַן אור קדוש. דער שינאָווער רב האָט דאָס טאַקע פולקאָם מקיים געווען יעדן טאָג. ער האָט זיך אָנגעצונדן מיט אַ הייליקן פלאַקער, וואָס האָט עולה געווען לריח ניחוח פאַר'ן אויבערשטן יתברך שמו...

* * *

ווען הגאון הצדיק ר' יהודה גרינוואַלד אב"ד סאַטמאַר האָט זיך אַמאָל צוריקגעקערט פון קרעניץ, וואו ער איז געווען ביים שינאָווער רב, האָט ער דערציילט די תלמידים וועגן דער

פונעם שטערן רינט בלוט, אָבער דער שינאָווער רב דאַווענט ווייטער בהתלהבות.

הייליקער עבודה פון שינאָווער רב וועלכער שלאָפט כמעט גאָרנישט ביינאַכט צוליב גרויס השתוקקות צו דינען דעם אויבערשטן. דער סאַטמאַרער רב האָט דערנאָך אויסגעפירט:

— דער שינאָווער רב איז נישט קיין בשר ודם, נאָר ער איז אַ רב וואָס איז באמת גלייך צו אַ מלאך השם צבאו-ת...

* * *

דער הייליקער אָסטראָווצער גאון זצוק"ל פלעג אַ סך פאָרן קיין שינאָווע. ער האָט אַמאָל געזאָגט צו אַ תלמיד:

— דעם פסוק "ה' מלך" וואָס דער שינאָווער רב זאָגט מיט התלהבות שבת ביי שלוש סעודות, זינט די וועלט איז וועלט האָט מען אַזוינס נאָך נישט געהערט... (זע "דברי יחזקאל" לשבת, אַז ביים זאָגן ה' מלך דאַרף מען ממליך זיין דעם אויבערשטן אויף יעדן אבר, עיי"ש).

אַמאָל פרייטיק צו נאַכטס נאָך "שלום עליכם", ווען דער שינאָווער רב האָט מיט גרויס דביקות געזאָגט די ווערטער "רבון כל העולמים אדון כל הנשמות", האָט דער אָסטראָווצער גאון זיך געגעבן אַ וואַרף אַראָפּ אויף דער ערד נעבן שינאָווער רב און האָט מיט אַ ביטער געוויין געבעטן:

— הייליקער רבי, האָט מיין נשמה אויך אין זינען...

* * *

הושענא רבה נאָכמיטאָג אין יאָר תרמ"א, נאָך דער גרויסער עבודה פון אַ גאַנצער נאַכט און אַ גאַנצן טאָג, איז דער שינאָווער רב זייער שוואַך געוואָרן אויפ'ן האַרץ. ער האָט געגעסן די סעודה און אויך געדאַוונט מנחה ביי זיך אין דער היים מיט בלויז צען אידן. דערנאָך האָט ער זיך געלייגט אין בעט.

ביינאַכט (שמיני עצרת) צען אַזייגער, האָט ער אין בעט דערציילט מיט אַן אָפּגעשוואַכט קול:

— דער הייליקער רבי ר׳ הירשלע זידיטשויבער זי״ע איז אַמאָל מסוכנ׳דיק שלאַף געווען שמיני עצרת ביינאַכט פאַר מעריב, און איז געלעגן אין בעט. פלוצלונג רופט ער זיך אָן צו זיינע מקורבים: ״מלאכים און שרפים זיינען יעצט לוסטיק מיט שמחת התורה, און מיר ליגן אין בעט?״ און ער איז שנעל אויפגעשטאַנען, און האָט געמאַכט די הקפות מיט גרויס התלהבות. דאָס האָט אים נישט געשאַדט, אדרבה, ער האָט דערנאָך מאריך ימים געווען.

ביים פאַרענדיקן די רייד, איז דער שינאָווער רב אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, און האָט זיך געשטעלט דאַווענען מעריב מיט אַלע כוחות און מיט גרויס מסירת נפש ווי זיין שטייגער. דערנאָך האָט ער געפּראַוועט אין בית המדרש די הקפות מיט גרויס התלהבות און שמחה.

אויך דעם שינאָווער רב האָט דאָס נישט געשאַדט ער האָט דערנאָך געלעבט נאָך אַכצן יאָר...

* * *

מיט הייליקע כוונות האָט ער געדאַוונט און מקיים געווען אַלע מצוות. הרה״צ ר׳ משה׳לע דאָמבראָווער האָט אַמאָל געוויזן פאַר׳ן שינאָווער רב וואָס עס שטייט אין אַ ספר פון אַ תלמיד פון אריז״ל, אַז ווער עס לייגט נישט קיין תפילין וואָס זיינען געשריבן געוואָרן דורך אַ סופר וועלכער האָט מכוון געווען כוונות אריז״ל ביים שרייבן, איז גלייך ווי ער האָט ל״ע קיינמאָל נישט געלייגט קיין תפילין.

זעענדיק די ווערטער איז דעם שינאָווער רב׳ס פּנים געוואָרן ווייס פאַר שרעק. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין קאָפּ אויף די הענט און זיך פאַרטיפט אין זיינע מחשבות. נאָך אַ פּאָר מינוט, הויבט דער שינאָווער רב אויף דעם קאָפּ און זאָגט:

— הער נאָר אויס אַ מעשה. אַ איד האָט אַמאָל געבעטן הרה״ק

רבי משה פשעוואָרסקער זי״ע צו שרייבן פאַר אים תפילין. האָט רבי משה אים געזאָגט, אַז ער האַלט יעצט נישט ביים שרייבן תפילין, נאָר ער וועט הייסן אַן אַנדערן סופר אין שטאָט, ר׳ אליעזר, שרייבן די תפילין, און ער וועט דערביי שטיין. און אַזוי האָט ער טאַקע געטוהן.

איינמאָל האָט דער איד געדאַוונט שחרית אין בית המדרש פון הייליקן רבי׳ן ר׳ אלימלך פון ליזשענסק זי״ע. דער רבי ר׳ אלימלך איז אים פאַרבייגעגאַנגען, און האָט זיך אָפּגעשטעלט און אים געפרעגט וועמענס תפילין ער טראָגט. האָט דער איד געענטפערט, אַז רבי אליעזר סופר פון פשעוואָרסק האָט זיי געשריבן. נאָך אַ פּאָר מינוט גייט ווידער פאַרביי דער רבי ר׳ אלימלך און פרעגט ווידער: וואָסערע תפילין האָסטו? ענטפערט דער איד ווי פריער. זאָגט דער רבי ר׳ אלימלך:

— ניין, נישט ר׳ אליעזר האָט געשריבן די תפילין, דאָס זיינען תפילין וואָס זיינען געשריבן געוואָרן מיט גאָר הויכע און הייליקע כוונות.

האָט דער איד דערציילט ווי ער האָט מיט די אייגענע אויגן געזען אַז ר׳ אליעזר האָט זיי געשריבן, און אויך דער רבי ר׳ משה פשעוואָרסקער איז דערביי געשטאַנען. רופט זיך אָן דער רבי ר׳ אלימלך:

— אויב אַזוי פאַרשטיי איך שוין אַלעס. די תפילין זיינען פאַרהייליקט געוואָרן דורך רבי משה פשעוואָרסקער, וועלכער האָט מכוון געווען זיינע הייליקע כוונות פון שרייבן שטייענדיק בשעת ר׳ אליעזר האָט זיי געשריבן. דעריבער האָב איך געשפּירט, אַז די תפילין זיינען נישט פון אַ פשוט׳ן סופר.

האָט דער שינאָווער רב אויסגעפירט:

— פון דער מעשה זעט מען, אַז אַפילו אויב דער צדיק טוט נישט קיין שום פעולה מיט די תפילין, נאָר ער שטייט בלויז ביים

שרייבן זיי, ווערן אויך די תפילין פאַרהייליקט מיט די כוונות פון דעם צדיק, און ווער עס לייגט די תפילין איז מקיים די מצוה בשלימות, אַפילו לויט די אויבנדערמאַנטע רייד פון אר״י הקדוש׳ס תלמיד. איז דאָס זעלבע אויב מ׳לייגט די תפילין בפועל און מ׳איז דאַן מכוון די כוונות פון אריז״ל, העלפט זיכער צו פאַררעכענען ווי מ׳איז מקיים די מצוה פון תפילין דורך די כוונות אריז״ל...

* * *

אגב איז פאַסיג צוצושטעלן דאָ די פאָלגענדע פאַסירונג:

אַמאָל אַלס יונגערמאַן איז דער שינאָווער רב אינדערפרי געווען אונטערוועגס, און גנבים האָבן אַראָפּגעגנב׳עט פון וואָגן זיינע זאַכן, צווישן וועלכע עס איז געווען זיין טלית און תפילין. איז ער אַרומגעגאַנגען אין דער שטאָט וואו ער האָט זיך דאַן געפונען, און האָט געזוכט צו באָרגן אַ טלית און תפילין צום דאַווענען. אָבער ער האָט נישט געפונען קיין תפילין וואָס זאָלן אים צופרידנשטעלן על פי הלכה.

נאָך אַ פּאָר שעה, האָט ער ענדליך געטראָפן ביי אַ דאָרפס־איד אַ פּאָר פיינע תפילין, און ער האָט אין זיי געדאַוונט. אַן אויסערגעוויינלעכע התלהבות און אַ מורא׳דיקע דביקות דקדושה האָט אים דערביי אַרומגענומען. נאָכ׳ן דאַוונען פרעגט ער דעם דאָרפס־איד צי ער ווייסט ווער עס האָט אים געשריבן די פרשיות אין די תפילין. ענטפערט יענער, אַז דער רבי ר׳ משה פשעוואָרסקער האָט זיי געשריבן. האָט דער שינאָווער רב געזאָגט:

— אַצינד פאַרשטיי איך פאַרוואָס עס האָט מיך אָנגעכאַפּט אַזאַ גרויס התלהבות, ווייל אַן אדם קדוש האָט געשריבן די תפילין.

מיט אַ שעה שפעטער האָט מען געכאַפּט די גנבים, און מ׳האָט

אים צוריקגעגעבן די חפצים מיט'ן טלית און תפילין. האָט דער שינאָווער רב געזאָגט מיט אַ שמחה:

— מ'זעט דאָך קלאָר ווי אַלץ איז לטובה. די גאַנצע גניבה איז געשען, כדי איך זאָל האָבן די זכיה צו דאַווענען אַמאָל אין תפילין פון הייליקן ר' משה פשעוואָרסקער...

## די מדה פון אמת

גאָר באַזונדערס איז געווען באַוואוסט דעם שינאָווער רב'ס גרויסקייט אין דער מדה פון אמת. זיין פאָטער דער הייליקער דברי חיים זי"ע שרייבט וועגן אים אין אַ תשובה: "ער וועט נישט ענדערן פונ'ם אמת אַפילו אויב מ'וועט אים געבן דאָס געלט פון דער גאַנצער וועלט וכו', זיין עדות איז זעהר באַגלייבט, ווייל כ'ווייס, אַז ער וועט קיינמאָל נישט זאָגן קיין ליגן"... (שאלות ותשובות דברי חיים, או"ח חלק ב' סי' א' וב').

אַלס בחור איז ער אַמאָל געווען צוזאַמען מיט זיין מוטער אויף אַ געוויסן פאַרהער ביי דער רעגירונג. צווישן אַנדערע פראַגעס האָט דער גוי'ישער ריכטער אים געפרעגט צי ער האָט מער ליב אַ איד צי אַ גוי. האָט די מאַמע אים אונטערגעזאָגט צו ענטפערן אַז ער האָט זיי ביידע ליב מיט דער זעלבער מאָס. אָבער יחזקאל'ע האָט בלויז ערקלערט:

— אַ גוי וואָס האָט מיר קיין שלעכטס נישט געטוהן, פאַרוואָס זאָל איך אים פיינט האָבן?...

נאָכ'ן אַרויסגיין פון דאָרט, פרעגט אים די מאַמע, פאַרוואָס ער האָט נישט געענטפערט אַזוי ווי זי האָט געהייסן. אויף דעם האָט ער געענטפערט:

— וואָס? צי האָב איך געמעגט זאָגן ליגן, אַז איך האָב ביידע חלילה ליב גלייך?...

ווען ער איז געווען אַ יונגערמאַן, האָט אויף אים געזאָגט הרה״ק רבי אשר מראָפשיץ זי״ע:

— צו אים וועט אַמאָל פאָרן אַ האַלבע וועלט, ער איז דאָך כולו אמת. און אויב וועט ער אַריינלאָזן ביי זיך כאָטש אַ משהו שקר, וועט שוין די גאַנצע וועלט פאָרן צו אים...

* * *

דער דעשער רב שרייבט אויפ׳ן שינאָווער רב (אין כנסת יחזקאל פרשת ויחי), אַז ס׳איז נישט צו גלויבן אַז אויף דער וועלט האָט זיך געפונען אימיצער וואָס זאָל אַזוי שטאַרק אָנהאַלטן אין דער מדה פון אמת. ער האָט פאַר קיינעם נישט נושא פנים געווען, אַפילו פאַר אַן אדם גדול, ווען ער האָט געהאַלטן אַז די זאַך רירט־אָן כבוד התורה...

אויב ער האָט געזען אימיצן וואָס פירט זיך אַנדערש ווי עס שטייט אין שולחן ערוך, האָט ער זיך נישט געשראָקן צו זאָגן דעם אמת אַפילו פאַר גרויסע לייט. ער האָט נישט געקוקט וואָס מענטשן וועלן זאָגן וועגן אים, און ער האָט קיינעם נישט געחנפ׳עט כדי צו געפינען חן אין יענעמ׳ס אויגן. ער האָט בלויז געטוהן וואָס עס שטייט אין דער תורה, און דאָס האָט ער געטוהן בשלימות, אינגאַנצן לשם שמים, אָן אייגענע הנאות.

הגאון הקדוש דער סאַטמאַרער רב זצ״ל האָט געזאָגט אַז דער שינאָווער רב האָט נישט געטיילט קיין ״כיבודים״, ער האָט נישט אַרויפגערופן חשוב׳ע לייט צו זיצן אויבנאָן ביים טיש כדי מקרב צו זיין זיי אַז זיי זאָלן ווידער קומען, נאָר ווער עס איז געקומען פריער, יענער איז געזעסן אויבנאָן. ״חניפה״ און ״כבוד״ האָבן אין שינאָווע נישט פאַרנומען קיין אָרט.

אַז ס׳איז געווען נויטיק צו מאַכן אַ מחאה קעגן אידן וואָס האָבן געוואָלט איינפירן זאַכן וואָס קענען פוגם זיין אין אידישן דרך, האָט זיך דער שינאָווער רב אַוועקגעשטעלט אין שפיץ פון

אַלע רבנים אָפּצושרייען די מכשולים. פיל מאָל האָט ער וועגן דעם געליטן שאָדנס און בזיונות פון די יעניקע וועלכע האָבן אים פאַרמסר׳ט אין געריכט און באַשמוצט אין צייטונגען צי פּאַשקווילן. אָבער אים איז גאָרנישט אָנגעגאַנגען, ער האָט זיך צוליב דעם נישט אָוועקגערירט קיין האָר פון דער ריינער דעת תורה.

דער שולחן ערוך, די הלכה, דאָס איז געווען דאָס ערשטע און דאָס וויכטיקסטע ביים שינאָווער רב. ער פלעג זאָגן: ״אַ איד וואָס לערנט נישט אַדורך אַלע ארבע חלקי שולחן ערוך, איז גאָרנישט בגדר ירא שמים״. ער האָט נישט פאַרשוינט אַפילו גרויסע און הייליקע צדיקים, וואָס האָבן געטוהן אַנדערש ווי די הלכה.

אַמאָל איז ער געווען אויף שבת ביי אַ גרויסן און הייליקן צדיק, און ער האָט ביי שלש סעודות געזען ביי אים אָפענער רוח הקודש. אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט ער באַמערקט, אַז מ׳האָט אָנגעצונדן אַ ליכט פאַר׳ן זמן דורך אַ גוי. האָט ער געשריגן הויך: וואָס טוט זיך דאָ? מ׳איז מחלל שבת!...

כאָטש ער איז ערשט נתפעל געוואָרן פון דעם רוח הקודש וואָס ער האָט געזען, האָט ער נישט נושא פנים געווען ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין הלכה.

מחמת גרויס קפּידא אַז מ׳זאָל נישט געבן קיין איד אַ שטויס אָדער אַ שטופּ, וואָס דאָס גייט אַריין בגדר פון נזיקין, האָט דער שינאָווער רב נישט געלאָזט אַז מ׳זאָל פאַר אים מאַכן אַ וועג ווען ער איז אַריינגעקומען אין בית המדרש, נאָר אויב ער האָט געזען אַז עס איז ענג און ער קען נישט דורכגיין געהעריק, איז ער אַרויפגעגאַנגען אויף אַ באַנק צי אויפ׳ן טיש, און אַזוי אַרום איז ער צוגעגאַנגען צו זיין אָרט.

יעדער סעיף און סעיף קטן אין שולחן ערוך איז ביי אים געווען ווי אַן עיקר פון דער תורה, און ער האָט מקפיד געווען אַז יעדער



טייל פון אַ בריוו בכתב־יד־קדשו פון שינאָווער רב, וועגן נישט לאָזן אַ יבמה חתונה האָבן אָן חליצה
(געדרוקט איז ספר ״ילקוט אגרות קודש״, סימן קנ״ה).

ריר זאָל זיין אויסגעהאַלטן על פי הלכה. אויך איז ער געווען אַ גרויסער "מחמיר" אין פיקוח נפש, נעמלעך ער האָט זייער מקיל געווען שבת צי יום כיפור ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין הצלת נפשות. אַמאָל שבת איז זיין אייניקל (אַ טאָכטער פון הייליקן סטראָפּקובער רב זצ"ל) קראַנק געוואָרן און זי האָט שרעקלעך געהוסט. די דאָקטוירים האָבן געהייסן נעמען איר קיין קראָקע אין שפּיטאָל, וואו מ'זאָל איר געבן אַן איינשפּריצונג קעגן דער מחלה. האָט מען געפרעגט דעם שינאָווער רב צי מ'זאָל וואַרטן ביז מוצאי שבת, אָבער ער האָט באַפוילן מ'זאָל תיכף פאָרן, און עס זאָלן מיטפאָרן דער טאַטע, די מאַמע, און אויך זיין גבאי ר' זאב, ווייל אפשר וועט מען זיך דאָרט נויטיקן אין אַ שליח, און מ'טאָר נישט פאַרברענגען קיין מינוט צו זוכן אַ שליח... צי "להקל" צי "להחמיר", דער שולחן ערוך האָט פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט ביי אים.

* * *

אַמאָל שבת, זייענדיק אין דעם קור־אָרט "פראַנצעסבאַד", האָט דער שינאָווער רב ביים טיש מכבד געווען איינעם צו זינגען "כל מקדש". נאָכ'ן אָפּזינגען דאָס ערשטע שטיקל אָבער, האָט דער שינאָווער רב געהייסן אויפהערן זינגען, זאָגנדיק:

— איך בין מסופק צי מ'מעג דאָ זינגען אַצינד, ווייל אפשר זיינען דאָ אין דער געגנט אידן וואָס האָבן זיך שוין געלייגט שלאָפן, און מיט'ן זינגען קען מען זיי אויפוועקן.

דער שינאָווער רב איז געזעסן פאַרטראַכט אַפּאָר מינוט, און דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— ניין. על פי הלכה טאָרן מיר טאַקע נישט זינגען אַצינד...

און דער שינאָווער רב האָט שטיל אָנגעזאָגט די זמירות.

* * *

אַמאָל איז דער צאַנזער רב זי״ע געפאָרן קיין רודניק, און אויך דער שינאָווער רב איז מיטגעפאָרן. עס איז דעמאָלט געווען אין דער וואָך נאָך פסח שני, און דער צאַנזער רב האָט זיך געפירט נישט צו זאָגן קיין תחנון אין די דאָזיקע טעג. אָבער דער שינאָווער רב, וואָס האָט זיך נישט אַוועקגערוקט פון דער הלכה, האָט געהאַלטן אַז מ׳דאַרף יאָ זאָגן תחנון, און ער האָט דערצו געברענגט אַ ראיה פון שולחן ערוך. האָט ער געמאַכט אַן אייגן מנין צום דאַווענען און ער האָט געזאָגט תחנון.

ווען דער צאַנזער רב איז דערפון געוואויר געוואָרן, האָט ער זיך אָנגעבייזערט אויף זיין זון, און אים אָנגעשריגן. אינמיטן שרייען, קערט זיך דער צאַנזער רב צו זיין איידעם הגאון הקדוש רבי מרדכי דוב פון האָרנאָסטייפּל זצ״ל, און זאָגט אים שטילערהייט: איך ווייס נישט פון וואו איך האָב זוכה געווען צו אַזאַ הייליקן זון... אויף דעם האָט דער האָרנאָסטייפּלער געענטפערט: ביי מיר איז דאָס נישט קיין חידוש... דערנאָך האָט דער צאַנזער רב ווייטער געשריגן אויפ׳ן שינאָווער רב...

אַמאָל האָט דער שינאָווער רב זיך געשפּאַרט מיט׳ן טאַטן אין לערנען. די קריגערייַ האָט דערגרייכט אַזוי ווייט, אַז דער צאַנזער רב האָט אַ זאָג געגעבן:

— דו ווילסט נישט האַלטן ווי איך, גיי אַרויס פון דאַנען, און זאָלסט מער נישט איבערטרעטן די שוועל פון מיין הויז!

דער שינאָווער רב האָט געפילט אַ חוב מקיים צו זיין כיבוד אב און אַרויסגיין פון דער שטוב. אָבער ער האָט געהאַלטן, אַז ער טאָר נישט אַרויסגיין דורך דער טיר און אַריבערגיין די שוועל פון הויז, ווייל זיין טאַטע האָט דאָך אים פאַרבאָטן דערויף. איז ער אַרויסגעשפּרונגען דורך אַ פענצטער.

שפּעטער האָט אים דער פאָטער צוריקגערופן...

* * *



דער שינאָווער רב שפּרינגט אַרויס פון דברי חיימ׳ס צימער דורכ׳ן פענצטער.

ווען דער שינאָווער רב האָט אַמאָל געהערט וועגן אַ געווינסן פסק הלכה וואָס זיין הייליקער פאָטער האָט געפסקנ'ט אין הלכות מילה, איז ער ספעציעל געפאָרן קיין צאַנז כדי אויסצואווייזן פאַר'ן טאַטן אַז די הלכה איז אַנדערש. אָנקומענדיק קיין צאַנז, איז ער נישט אַריינגעגאַנגען תיכף צום טאַטן, נאָר ער איז קודם אויף־געווען אַ גאַנצע נאַכט און האָט גרינטלעך דורכגעלערנט "הלכות כיבוד אב" אין שולחן ערוך יורה דעה, כדי צו וויסן על פי תורה גענוי מיט וועלכע ווערטער צו רעדן צום טאַטן און דערביי נישט חלילה פוגע זיין בכבודו. אָט אַזוי האָט ער מקפיד געווען אויף יעדן טריט און שריט אין יעדן סעיף קטן אין שולחן ערוך.

* * *

נאָך וועגן זיין כיבוד אב ווערט נאָכדערציילט, ווי זיין זון הרה"צ רבי משה'לע זצ"ל פלעג שילדערן זיין פאָטער'ס אַ באַזוך קיין צאַנז. ער האָט געזאָגט:

— אויפ'ן גאַנצן וועג איז דער טאַטע געווען זעהר בשמחה אַז אָט גייט ער זיך טרעפן מיט זיין הייליקן טאַטן. אָבער אָנקומענדיק נעבן צאַנזער רב'ס הויז, האָט דעם טאַטן אָנגעכאַפּט אַ גרויס פחד און אַ מורא, ער האָט געציטערט מיט די הענט ביז ער האָט פון גרויס שרעק נישט געקענט אַפילו דרייען די קלאַמקע פון דער טיר, נאָר איך האָב געמוזט עפענען די טיר פאַר אים...

* * *

אַמאָל ווען דער שינאָווער רב האָט זיך געשפּאַרט מיט'ן פאָטער אין לערנען, איז אינמיטן אַריינגעקומען דער גאָרליצער רב. צוקוקנדיק צו דער קריגעריי, האָט ער געוואָלט אָנשרייען זיין ברודער דעם שינאָווער רב, היתכן ער דינגט זיך אַזוי מיט'ן הייליקן טאַטן. האָט אים אָבער דער צאַנזער רב געוויזן מיט'ן פינגער איבער'ן מויל, אַז ער זאָל שטיל זיין.

שפּעטער, נאָכדעם ווי דער שינאָווער רב האָט פאַרלאָזט דער צימער, האָט דער צאַנזער רב געזאָגט צום גאָרליצער רב:

— ברוכ׳ל, טשעפע נישט חלילה מיט אים, ער איז דאָך אַ שטיק פייער...

* * *

אַמאָל דאָנערשטיק, אין די ניין טעג פאַר תשעה באב, זיינען אָנגעקומען עטליכע חשוב׳ע רבנים קיין צאַנז. האָט דער צאַנזער רב מתיר געווען אָנצוגרייטן אַ פליישיקע סעודה פאַר די אורחים. (יש להעיר מסידור יעבץ, דיני בין המצרים, אשנב ב׳ אות י״ח, שסעודה לכבוד תלמיד חכם נחשבת לסעודת מצוה וכו׳). זעענדיק ווי זיין זון דער שינאָווער רב דרייט זיך דאָן אין שטוב, קערט דער צאַנזער רב זיך צו אים און זאָגט:

— יחזקאל׳ע, עס קומט שבת. גיי מאַך די הכנות לכבוד שבת, און איך וועל אויפנעמען די אורחים.

ווען דער שינאָווער רב איז אַרויס פון צימער, זאָגט דער צאַנזער רב צו די רבנים:

— איך וויל דאָך מ׳זאָל אָנגרייטן אַ פליישיקע סעודה, און היות מיין ר׳ יחזקאל׳ע איז אַ גרויסער מדקדק אין שולחן ערוך, וועט ער מוחה זיין און שטערן די סעודה. דערפאַר האָב איך אים אַרויסגעשיקט...

* * *

זייענדיק אין צאַנז, איז דער שינאָווער רב זעהר שטאַרק נתעורר און נתלהב געוואָרן בשעת זיין פאָטער דער הייליקער דברי חיים זי״ע האָט געלייענט קריאת התורה. אָבער היות דער צאַנזער רב האָט פון גרויס דביקות אָפט מאָל נישט געלייענט מיט די נקודות ווי עס פאָדערט זיך על פי דקדוק, און דער שינאָווער רב האָט דאָך זעהר מקפיד געווען אויף הלכה, האָט דער שינאָווער רב כסדר זיך אָנגערופן צו פאַרבעסערן די גרייזן.

דער שינאָווער רב האָט שפעטער געזאָגט, אַז ער האָט טיילמאָל געשפירט ווי עס האַלט ממש ביי כלות הנפש צוליב דער

גרויסער התעוררות דקדושה וואָס דער צאַנזער רב האָט משפיע געווען בשעת׳ן לייענען די תורה, אָבער וויבאַלד אַז דער דברי חיים האָט אָפּט געלייענט אַ וואָרט אַנדערש ווי עס קומט, און דאָס האָט דעם שינאָווער רב יעדעס מאָל געאַרט, האָט עס אים ווי אויפגעוואַכט און געשטערט פון זיין דביקות, און דורך דעם איז ער געראַטעוועט געוואָרן פון כלות הנפש...

* * *

נאָך איידער דער שינאָווער רב איז געוואָרן דער רבן של ישראל, איז ער געווען אַ שבת אין דראָהביטש, און ער איז געוואויר געוואָרן אַז אין די דאָרטיקע נאַפט־גרובנס וואָס געהערן צו אידן, אַרבעטן גויים שבת. עס איז געווען געמאַכט דערויף אַ שטר מכירה לשבת, אָבער לויט זיין שיטה האָט דאָס נישט אויסגעהאַלטן על פי הלכה. ער האָט באַפוילן מ׳זאָל אָפּשטעלן די אַרבעט. אָבער מ׳האָט אים נישט געפאָלגט. האָט ער חוקר ודורש געווען ווער די אייגנטימער פון די נאַפט־גרובנס זיינען, און ער איז דערגאַנגען, אַז מערסטנטייל זיינען זיי זידיטשויבער חסידים.

דער שינאָווער רב איז אַריבערגעפאָרן צו הרה״ק רבי אייזיקל זידיטשויבער זצ״ל און האָט אים דערציילט די זאַך. ער האָט אים געהייסן ווירקן אויף זיינע חסידים זיי זאָלן מער נישט לאָזן אַרבעטן שבת. ביים שמועס האָט ער זיך באַנוצט מיט שאַרפע ווערטער, אויף וואָס ער האָט דערנאָך חרטה באַקומען. האָט ער באַשלאָסן נאָכאַמאָל פאָרן קיין זידיטשויב און מפייס זיין דעם רבי׳ן אין די זאַכן. ער האָט אויסגערעכנט דאָס צו טוהן אין תשעה באב, ווען מ׳גייט סיי־ווי אָן זאָקן.

אַריינקומענדיק אין דער שטוב פון רבי׳ן ר׳ אייזיקל, האָט זיך אים געדוכט אַז דאָס בענקעלע אויף וועלכער רבי אייזיקל זיצט, איז אפשר העכער ווי דער שיעור וואָס מען מעג זיצן תשעה באב. איז ער צוערשט צוגעגאַנגען און האָט אָפּגעמאָסטן דאָס בענקעלע, און ערשט דערנאָך האָט ער אים מפייס געווען...

דער רבי ר׳ אייזיקל זידיטשויבער האָט געשריבן אַ בריוו קיין דראָהביטש, און ער האָט געוואָרנט זיינע חסידים אָפּצושטעלן זאָפּאָרט דאָס אַרבעטן שבת.

* * *

אויך אַ צווייט מאָל איז דעם שינאָווער רב אויסגעקומען צו פאַרהיטן אידן פון חילול שבת ביי די נאַפט־קוועלער. אין דער שטאָט באַריסלוב האָבן געוואוינט רייכע אידן וואָס האָבן דאָרט געהאַט נאַפט־קוועלער. אַמאָל איז דער שינאָווער רב געווען אין באַריסלוב אויף שבת, און ער האָט געזען ווי גוי״שע אַרבעטער גראָבן אויך שבת די קוועלער, און אידישע אויפזעער באַאָבאַכטן די אַרבעט. דער שינאָווער רב האָט זיך זעהר אויפגערעגט, און פון גרויס עגמת נפש האָט ער זיך פאַרשלאָסן אין אַ שטוב און איז נישט אַרויס אַ גאַנצן שבת.

מוצאי שבת איז דער שינאָווער רב אַוועקגעפאָרן, און ער האָט אָנגעשריבן אַ שאַרפן בריוו קיין באַריסלוב היתכן מ׳איז מחלל שבת, און ער האָט געוואָרנט אַז אויב מ׳וועט ווייטער אַזוי טוהן, וועט ער מתפלל זיין אַז עס זאָל מער נישט זיין קיין נאַפט אין די גריבער. ווען די אידן האָבן דערהאַלטן דעם שאַרפן בריוו, האָבן זיי מורא באַקומען פון שינאָווער רב, און האָבן דערפאַר גענומען אויף זיך צו פאַרשליסן די קוועלער אויף שבת.

נאָך דער הסתלקות פון שינאָווער רב, זיינען געווען עזות־פנים׳ער וואָס האָבן ווידער געעפנט די גראָבונגען שבת, און פלוצלינג האָבן זיך זייערע קוועלער אויסגעטרוקנט פון נאַפט...

* * *

אַמאָל איז דער שינאָווער רב געקומען קיין לעמבערג, און דער רב פון שטאָט, אַ גרויסער גאון און גדול הדור, איז אים געקומען באַזוכן. עס זיינען מיטגעקומען מיט׳ן רב אַ סך חשוב׳ע מענטשן און ראשי הקהילה. נעמט דער שינאָווער רב זיך מוסר׳ן יענעם רב



די אויל־קוועלער זיינען טרוקן ווי דער שינאָווער רב האָט געוואָרנט.

זעהר שאַרף, פאַרוואָס ער לאָזט זיין טאָכטער טראָגן אַ שייטל, וואָס איז אין יענער צייט געווען גאָר אַ מאָדערן לבוש. ווען ער האָט פאַרענדיקט זיינע רייד, רופט זיך אָן יענער רב:

— שינאָווער רב, אויב איר האָט געוואָלט מקיים זיין די מצווה פון הוכח תוכיח את עמיתך, צו זאָגן אַ צווייטן מוסר, פאַרוואָס האָט איר דאָס געטוהן ווען עס געפינען זיך דאָ אין שטוב פיל מענטשן, איר האָט דאָך דאָס געקענט טוהן באַהאַלטענערהייט, און נישט פאַרשעמען מיך פאַר די שטאָטס־לייט?

ענטפערט דער שינאָווער רב:

— דאָס ענין געפינט מען אין דער תורה אין פרשת וישלח. דאָרט שטייט, אַז נאָך דעם ווי שמעון און לוי האָבן אויסגעהרג׳עט די מענטשן פון שכם, האָט יעקב זיי געזאָגט אַז זיי האָבן דורך דעם אָנגערייצט די פעלקער צו קומען מלחמה האַלטן מיט זיי. האָבן שמעון און לוי אויף דעם געענטפערט: ״הכזונה יעשה את אחותנו״. צי דען ווי אַ זינדיקע פרוי האָט שכם געוואַגט צו מאַכן אונזער שוועסטער דינה. איז לכאורה זעהר שווער, וואָס האָבן זיי געענטפערט ״הכזונה יעשה את אחותנו״, יעקב האָט דאָך אויך געוואוסט אַז שכם האָט געזינדיקט מיט זיין טאָכטער, וואָס האָבן זיי דאָ געזאָגט נייעס? צווייטנס, פאַרוואָס האָבן זיי געענטפערט מיט אַ קשיא, ״צי דען ווי אַ זינדיקע פרוי וכו׳״, פאַרוואָס האָבן זיי נישט געזאָגט, ״ווייל ווי אַ זינדיקע פרוי האָבן זיי געמאַכט אונזער שוועסטער״. דער תירוץ איז, יעקב האָט זיי געמיינט צו פרעגן, פאַרוואָס זיי האָבן אויסגעהרג׳עט די שטאָט שכם אינמיטן טאָג און אָפענערהייט, ווען אַלע פעלקער זעען און ווערן דערביי אָנגערייצט אויף זיי, זיי האָבן דאָך געקענט אויסהרג׳ענען זיי ביינאַכט און באַהאַלטענערהייט אַז קיינער זאָל נישט וויסן ווער ס׳האָט דאָס געטוהן. אויף דעם האָבן שמעון און לוי געענטפערט, אויב שכם וואָלט געזינדיקט באַהאַלטענערהייט, אַז קיינער זאָל נישט וויסן, אַזוי ווי רשעים זינדיקן מיט אַ זונה,

וואָלטן מיר אויך זיך נוקם געווען אין זיי באַהאַלטענערהייט, אָבער זיי האָבן צוגעכאַפּט דינה׳ן בייטאָג און האָבן אָפן דערציילט פאַר דער גאַנצער שטאָט וואָס זיי האָבן געטוהן, דעריבער האָבן אויך מיר זיך נוקם געווען אין אים בייטאָג און אָפענערהייט. איז דאָס פּשט, הכזונה יעשה את אחותנו, צי דען ווי מיט אַ זונה האָט שכם געטוהן צוצונעמען איר באַהאַלטענערהייט, ניין, ער האָט נישט אַזוי געטוהן, נאָר אָפענערהייט האָט ער זי צוגענומען. דעריבער האָבן מיר נקמה גענומען אָפענערהייט.

— דאָס זעלביקע דאָ — האָט דער שינאָווער רב אויסגעפירט — אויב די עבירה וואָלט געטוהן געוואָרן באַהאַלטענערהייט, וואָלט איך אייך אויך געזאָגט מוסר באַהאַלטענערהייט, אָבער וויבאַלד אייער טאָכטער שפּאַצירט אויף דער גאַס מיט איר שייטל און מאַכט אַ חילול השם ברבים, און אַנדערע אידישע טעכטער וועלן זיך אָפּלערנען פון איר אָנצוטוהן שייטלען זאָגנדיק: ״אויב דעם רב׳ס טאָכטער מעג אַזוי גיין אָנגעטוהן, מעגן דאָך זיכער פּשוט׳ע טעכטער אַזוי טוהן״. דעריבער האָב איך אייך געמוזט זאָגן מוסר ברבים כדי יעדער זאָל הערן אַז דאָס איז נישט אויסגעהאַלטן און קיינער זאָל עס נישט נאָכטוהן...

האָט יענער רב מודה געווען פאַר׳ן שינאָווער רב אַז ער איז גערעכט.

* * *

אַזוי האָט דער שינאָווער רב זיך באַנוצט מיט דער מדה פון אמת, נישט פאַרשוינענדיק קיינעם. באַלד אין אָנהויב פון זיין ספר ״דברי יחזקאל״, רעדט דער שינאָווער רב וועגן דער מדה אין וועלכער ער איז געווען אַזוי אויסגעצייכנט. ער זאָגט דאָרט, אַז מ׳זאָל אַרבעטן אויף דער מדה פון אמת כאָטש מ׳ווייסט אַז עס איז נאָך נישט בשלימות, עיי״ש.

די מדה פון אמת איז געווען אַזוי איינגעגלידערט אין אים, אַז ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן קיין טראָפּ פאַלשקייט. אַמאָל

איז ער צוגעגאַנגען צו איינעם וואָס האָט געפּאַטשט מיט די הענט ביי "לכה דודי", און האָט מיט זיין רוח הקודש געזאָגט:

— אויב שלעכטע מחשבות קומען אַריין אין קאָפּ, דאַן דאַרף מען זיך אויסרייסן די באַקן, און נישט פּאַטשן מיט די הענט מיט פאַלשער התלהבות... (הרב הצדיק רבי איציקל פון פשעוואָרסק זצ"ל, וועלכער פלעגט דאָס דערציילן, האָט צוגעגעבן: אַז מ'איז מרגיש מחשבות זרות, דאָס איז נישט קיין פלא, אָבער מרגיש זיין ווער דער מכוון איז, דאָס איז אַ גדלות).

* * *

ווען אַ חסיד האָט אַמאָל אָפּגעגעבן אַ קוויטל, איז דער שינאָווער רב מסופק געווען אין איינעם פון די נעמען אין קוויטל צי עס איז געשריבן כהלכה מיט די ריכטיקע אותיות. האָט דער שינאָווער רב זיך אויפגעשטעלט, האָט אַרויפגעקלעטערט אויף אַ לייטער ביים ספרים־שאַנק, און האָט זיך גענומען נאָכקוקן אין פאַרשידענע ספרים אויף "שמות גיטין" צו דערגיין ווי אַזוי געננוי מ'שרייבט דעם נאָמען. אַ לאַנגע צייט האָט ער דערביי פאַרברענגט, ביז זיין גבאי החסיד המפורסם ר' אברהם פלאַסטער האָט זיך געטרויט אָנצורופן זיך:

— וואָס זוכט דער רבי אַזויפיל? איך פאַרזיכער דעם רבי'ן אַז דער חסיד האַלט זיך נישט ביים גט'ן...

אָבער מיט זיין מדה פון אמת בתכלית, האָט דער שינאָווער רב נישט געקענט פועל'ן ביי זיך צו לאָזן אַ קוויטל אין וועלכן עס איז דאָ אַ נאָמען וואָס איז נישט אויף זיכער אויסגעשטעלט ווי דער אמת פאָדערט...

* * *

אַמאָל האָט דער שינאָווער רב געהייסן זיין "כותב" אָנשרייבן אַ תשובה צו אַ געוויסן גאון. ווען דער שינאָווער רב האָט דערנאָך

דורכגעלייענט די תשובה, האָט ער געהייסן איבערשרייבן די גאַנצע תשובה, ווייל אין דעם טיטל פון דעם רב צו וועמען די תשובה איז געשריבן פעלט דאָס וואָרט ״הצדיק״. דער שינאָווער רב האָט געזאָגט דעם שרייבער:

— מ׳דאַרף אַלץ טוהן מיט׳ן גאַנצן אמת. און היות ער איז טאַקע אַ צדיק, דערפאַר אויב מ׳וועט אויסלאָזן דעם טיטל וועט פעלן אינ׳ם אמת...

* * *

צוליב דער מדה פון אמת, האָט דער שינאָווער רב גאָר שטאַרק מחמיר געווען אין ״גניבת דעת״, דאָס הייסט, טוהן עפּעס וואָס קען אויסנאַרן אַ צוקוקער וועלכער וועט אויסטייטשן די זאַך אַנדערש ווי עס איז. אַמאָל שבת איז ער אַריינגעקומען אין בית המדרש אָנגעטוהן אין דער ווייסער בעקישע, וואָס ער פלעגט טראָגן אין די ימים נוראים. איז ער צוגעגאַנגען צום ״שולחן״, און האָט אויסגערופן:

— כ׳וויל דאָ מודיע זיין, אַז קיינער זאָל נישט מיינען און טראַכטן אַז צוליב אַ געוויסע מדריגה האָב איך היינט אָנגעטוהן די בעקישע, נאָר מיין שבת׳דיקע בעקישע איז פאַרלייגט געוואָרן, און כ׳האָב נישט אין שטוב קיין אַנדערע בעקישע צום דאַווענען, דעריבער האָב איך דאָס אָנגעטוהן...

אויך ווערט דערציילט, אַז אַמאָל האָט מען אַרויפגעשטעלט אויפ׳ן שינאָווער רב׳ס טיש אַ בלעכענע מנורה וואָס איז געווען באַדעקט מיט זילבער. האָט דער שינאָווער רב געהייסן מ׳זאָל עס תיכף אַראָפּנעמען כדי מענטשן זאָלן חלילה נישט טועה זיין זיך און מיינען אַז עס איז טאַקע געמאַכט פון זילבער, און דאָס איז גניבת דעת רח״ל... דער שינאָווער רב האָט זיך דאַן אויסגעדריקט: ״אַזאַ מנורה שמעקט סיי מיט שקר און סיי מיט גאווה...״ (ווייל

מ׳וויל זיך באַרימען אַז מ׳האָט אַ זילבערנעם חפץ). [ועי׳ רבינו בחיי פרשת תרומה, על ענין ג׳ ארונות עשה בצלאל, שלא רצה לצפותו זהב כפשוטו כדי שלא לרמות את הבריות, עיי״ש].

אויך האָט דער שינאָווער רב זיך דערווייטערט גאָר גאָר ווייט פון אַ זאַך וואָס קען אָנרירן דעם ענין פון גניבה אָדער פון שאָדן מאַכן אַנדערע. צום ביישפּיל: ווען אַ שליח האָט געברענגט אַ בריוו פאַר׳ן שינאָווער רב, האָט ער צעריסן פּאָסט־מאַרקן (סטעמפּס), כדי נישט שאָדן צו מאַכן דעם פּאָסט־אַמט דאָס געלט וואָס זיי וואָלטן פאַרדינט ווען דער בריוו וואָלט געשיקט געוואָרן דורך זיי...

* * *

אַזוי אויך ביים דאַווענען, האָט דער שינאָווער רב מקפיד געווען מ׳זאָל בלויז זאָגן ווערטער ביי וועלכע מ׳האַלט באמת אין האַרצן. בנוגע די יעניגע וואָס זאָגן די תפילה פאַר׳ן דאַווענען: ״מי אנוכי שאזכה להתפלל וכו׳״, אָן כוונה און אמת׳ער שברון הלב, האָט דער שינאָווער רב זיך אויסגעדריקט:

— ער זאָגט מי אנוכי, הייב נאָר מיט אים אָן, וועסטו שוין זען ווער דער ״אנוכי״ איז...

* * *

אין ספר ״ערוגת הבושם״ (פרשת ויחי) דערציילט דער חוסטער רב זצ״ל, אַז ער איז אַמאָל געווען ביים שינאָווער רב אויף שבת. פרייטיק צו נאַכטס ביים טיש האָט דער שינאָווער רב געזאָגט, אַז ער קען זאָגן אַ שיינע תורה, אָבער ער האַלטליידער נישט ביי דער מדרגה פון דעם שמועס וואָס ער האָט אינזינען, דעריבער זאָגט ער עס נישט.

האָט זיך דער ערוגת הבושם אָנגערופן:

— אויב אַזוי וואָס זאָלן אַנדערע זאָגן? ס׳וועט דאָך קיינער נישט טאָרן זאָגן קיין תורה און קיין מוסר.

האָט דער שינאָווער רב שפּעטער ערקלערט בענוותנותו:

— די אידן וואָס קומען צו מיר, דאַרף מען דאָך זיי נישט זאָגן קיין מוסר צו זיין אָפּגעהיטן פון עבירות חלילה, זיי קומען בלויז לערנען הייליקערע דרכים אין עבודת השם יתברך, און היות איך אַליין האַלט נישט ביי די זאַכן וואָס כ׳וויל זאָגן, איז נישט רעכט אַז איך זאָל זיי זאָגן די רייד...

* * *

מיט אַזאַ זהירות האָט דער שינאָווער רב אויף זיך אַכטונג געגעבן פון עפּעס וואָס האָט אַפילו אַ בלויזן לייכטן שמעק פון שקר. יעדער דיבור וואָס ער האָט אַרויסגערעדט פון מויל, איז געווען באַקרוינט מיט אמת. אַמאָל שבת פאַרנאַכט, ווען דער שינאָווער רב איז זיך געגאַנגען וואַשן צו שלש־סעודות, איז אַ יונגערמאַן צוגעגאַנגען און האָט געפרעגט, היות זיין ווייב האָט אַצינד געבוירן אַ בן זכר, ווען זאָל ער מאַכן דעם ברית, שבת אָדער זונטיק? דער שינאָווער רב האָט אים גאָרנישט געענטפערט, נאָר ער האָט זיך געוואַשן און געגעסן אַ כזית חלה. דערנאָך האָט ער געזאָגט דעם איד צו מאַכן דעם ברית זונטיק.

הגה״צ דער גאַלאַנטער רב זצ״ל, וועלכער איז דאָרט געווען יענעם שבת, האָט שפּעטער דערקלערט, אַז דעריבער האָט דער שינאָווער רב נישט געוואָלט פּסק׳ענען פאַר יענעם די שאלה פאַר׳ן וואַשן זיך, ווייל אויב ער וועט פּסק׳ענען אַז אַצינד איז שוין נאַכט, ווי אַזוי גייט ער זיך וואַשן ביינאַכט צו שלש־סעודות, ער איז דאָך דערמיט אַליין סותר זיינע אייגענע ווערטער? פאַר דעם האָט ער געוואַרט ביז ער האָט געגעסן אַ כזית, און דערנאָך האָט ער געפּסקנ׳ט.

* * *

ביי יעדער פעולה וואָס דער שינאָווער רב האָט געטוהן, האָט ער אַריינגעטראַכט צו דערגיין די אמת׳ע סיבה וואָס נויגט אים צו

טוהן אַזוי. זייענדיק אין סטראָפּקוב, איז צו אים אַריינגעקומען אַ באַקאַנטער איד מיט אַ בקשה, היות ער וויל טוהן אַ געוויסן שידוך מיט זיינס אַ קינד, בעט ער דעם רבי׳ן צו שרייבן צום צווייטן צד אַ בריוו, צוצורעדן יענעם צום שידוך. האָט דער שינאָווער רב געזאָגט, אַז ער וועט בלי נדר שרייבן דעם בריוו.

צומאָרגנס קומט דער איד אַריין צום שינאָווער רב און פרעגט צי דער בריוו איז שוין אָנגעשריבן. ענטפערט דער שינאָווער רב, אַז ער האָט זיך באַרעכנט און ער איז נישט מסכים צום שידוך. האָט דער איד מיט בייזקייט געפרעגט: נעכטן האָט דער רבי יאָ מסכים געווען און היינט נישט? צי האָט אימיצער איבערגערעדט דעם רבי׳ן נישט צוליב צו טוהן מיר?

נעמט דער שינאָווער רב אַרויס אַ בריוו וואָס ער האָט פאַר אים נעכטן אָנגעשריבן, און ער זאָגט:

— אין אמת׳ן האָב איך שוין נעכטן געהאַלטן אַז ס׳איז נישט קיין פּאַסיגער שידוך. אָבער וויבאַלד איך האָב בטבע נישט ליב מטריח צו זיין זיך און שרייבן בריוו, האָב איך געטראַכט, אַז דאָס וואָס מיין האַרץ האַלט נישט פון דעם שידוך איז אמת׳דיק בלויז ווייל איך בין פויל צו שרייבן דעם בריוו. דעריבער האָב איך מיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַ בריוו, אָבער אויך נאָכדעם האָב איך געשפּירט אַז דער שידוך טויג נישט. זע איך דערפון, אַז עס איז טאַקע נישט קיין גוטער שידוך...

אַן ענלעכע בחינה צו דעם זאָגט דער שינאָווער רב אין "דברי יחזקאל" פּרשת וישב, אויפ׳ן מדרש וואָס זאָגט, אַז ווען ראובן וואָלט געוואוסט אַז די תורה וועט שרייבן אויף אים "וישמע ראובן ויצילהו מידם" וואָלט ער אים געפירט אויף דער אַקסל צום פאָטער, און נישט בלויז פּראָבירט אַ תחבולה צו ראַטעווען אים דורך הייסן אַריינוואַרפן אים אין אַ גרוב. דער מדרש איז זייער שווער, צי דען מעג מען זאָגן אַז ראובן האָט געזוכט אַז די תורה זאָל אים לויבן און אָפּגעבן כבוד? נאָר ראובן איז דאָך דעמאָלט

געווען דערוויטערט פון זיין טאַטן מחמת אַן עולה וואָס ער איז באַגאַנגען. און ער האָט געוואוסט, אַז אויב וועט אים געלונגען צו ראַטעווען יוסף׳ס לעבן, וועט דער טאַטע צוריק ליב באַקומען אים זעהר שטאַרק. האָט ער מורא געהאַט אַז זיין האַרץ וויל ראַטעווען יוסף, נישט צוליב דער מצוה פון הצלת נפשות, נאָר כדי דער טאַטע זאָל אים צוריק ליב באַקומען. דעריבער האָט ער נישט גענומען יוסף׳ן אויף דער פלייצע, ווייל ער האָט נישט געוואָלט טוהן אַ מצוה וואָס דערין זיינען אפשר אַריינגעמישט אייגענע הנאות, נאָר ער האָט געטוהן אַ תחבולה פון הצלה,וואָס פאַר דעם דאָזיקן אַקט פון אַריינוואַרפן יוסף׳ן אין אַ גרוב פול מיט שלענג און עגדיסן, וועט אים דער טאַטע מסתמא נישט מכיר טובה זיין און ליב־באַקומען. ווען ער וואָלט אָבער געוואוסט אַז די תורה וועט עדות זאָגן און שרייבן אויף אים ״ויצילהו מידם״, אַז זיין גאַנצע כוונה איז געווען בלויז צו ראַטעווען יוסף און נישט פאַר אייגענע אינטערעסן, וואָלט ער געטוהן די מצוה בתכלית השלימות.

* * *

נאָך אַן ענין וואָס צייגט אויף זיין דערוויטערט פון אייגענע נגיעות:

דער שינאָווער רב איז אַמאָל געווען אין לעמבערג, און די שטאָטס־לייט האָבן אָנגעגרייט אַ גרויסע סעודה לכבודו. אינמיטן דער סעודה האָט דער שינאָווער רב געשמועסט וועגן דעם געוועזענעם לעמבערגער רב זצ״ל, הגאון האדיר מוה״ר יוסף שאול נאטינזאן זצ״ל, בעל מחבר שו״ת שואל ומשיב. דער שינאָווער רב האָט אין זיין שמועס דערמאנט עטלעכע וויכוחים וואָס ער האָט געהאַט מיט׳ן לעמבערגער רב, ווי למשל בנוגע מאַשין־ציצית, און דער שינאָווער רב האָט געגעבן צו פאַרשטיין די סברות וואָס האָבן אים גענויגט אָנצונעמען זיין שטעלונג. האָט אַ תלמיד פון ר׳ יוסף שאול וואָס איז דאָרט געווען, אָנגענומען זיך פאַר זיין רבי׳ן, און האָט פראָבירט אָפצואוועדן דעם שינאָווער

רב׳ס סברות. דער שינאָווער רב האָט אים צוריקגעענטפערט, און זיי האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין אַ שאַרפן און פייערדיקן וויכוח אין יענער הלכה. האָט אַ גרויסער חסיד, פון די לעמבערגער אײנוואוינער, זיך אָנגערופן:

— וואָס בייזערט זיך דער שינאָווער רב אַזוי, ס׳איז דאָך אַפילו נישט כדאי צו רעדן פונ׳ם לעמבערגער רב, ר׳ יוסף שאול. וואָס איז די גדולה מיט אים?

ווי דער הייליקער שינאָווער רב האָט געהערט די ווערטער, האָט ער אויפגעציטערט און באַפוילן:

— וואַרפט אַרויס דעם אידן פון דאַנען! איך וויל נישט זיין אין איין שטוב מיט אַ מבזה תלמיד חכם! וואָס איז, אויב איך האָב אַן הלכה׳שן וויכוח מיט רבי יוסף שאול, צי מעגסטו דערפאַר אַרויסרעדן אויף אים זלזול־רייד?

דער שינאָווער רב האָט זיך נישט פאַרזוימט, נאָר באַלד איז ער אַרויפגעשפרונגען אויפ׳ן טיש, געלאָפן דערויף ביז צו דער טיר, און איז שנעל אַרויס פון דער שטוב, נאָכשרייענדיק:

— איך וויל נישט זיין אונטער איין דאַך מיט איינעם וואָס איז מבזה אַ גאון הדור!

פון דעם זעט מען, ווי אַזוי דער שינאָווער רב האָט איבערהויפט נישט אינזינען געהאַט ״זיך״ בשעת דעם וויכוח, נאָר ער האָט געמיינט דעם אויבערשטנ׳ס תורה הקדושה אַליין, ווייל כאָטש ער האָט זיך געדרונגען מיט׳ן תלמיד שאַרף און בייזערהייט, דאָך האָט ער נישט נהנה געווען אַז דער חסיד שטיצט זיינע ווייד דורך מבזה זיין דעם לעמבערגער רב. וואָס לדעתו האָט דער שינאָווער רב זיך דאָך טועה געווען, נאָר דער כבוד פון לעמבערגער רב איז ווייטער געווען הייליק און טייער ביי אים. נישט מער, נאָר להלכה האָט ער געהאַלטן אַז דער דין איז אַנדערש.

* * *



דער שינאָווער רב לויפט אַרויס ווען איינער רעדט אויפן לעמבערגער רב.

דעם שינאָווער רב׳ס מדה פון אמת איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ווען כ״ק הרה״צ רבי איציקל פון פשעוואָרסק זצ״ל האָט אַמאָל אַלס קינד געזאָגט פאַר זיינע חברים אַז ווען משיח וועט קומען וועט ער זיין משיח׳ס פערדל, איז פונקט אַדורכגעגאַנגען דער שינאָווער רב. נישט קענענדיק פאַרטראָגן אַז אַפילו אַ קליין קינד זאָל זאָגן אַ זאַך וואָס איז נישט זיכער אמת, האָט ער זיך אָנגערופן:

— משיח׳ס פערדל? צו גרויס... אפשר משיח׳ס גבאי׳ס פערדל...

## זיין ענייוות

דער שינאָווער רב, טראָץ זיין עבודת השם אַ גאַנצן טאָג, איז קיינמאָל נישט געווען צופרידן מיט זיך, נאָר ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ פשוט׳ן איד. הגאון דער גאַלאַנטער רב זצ״ל האָט אַמאָל געזאָגט צו זיינע תלמידים:

— כ׳האָב אַמאָל געקוקט אויפ׳ן שינאָווער רב ביים דאַווענען מעריב מוצאי שבת קודש. ווען ער איז אָנגעקומען צום וידוי, וואָס שטייט אין די סידורים ביי דער ברכה פון ״שמע קולנו״, האָט ער זיך אַזוי שטאַרק צעוויינט, אַז מ׳וואָלט געקענט מיינען אַז עס האָבן זיך במשך פון שבת אָנגעזאַמלט ביי אים גאַנצע בערג פון עבירות חלילה...

* * *

הרה״ק דער ברעזשאַנער רבי זצ״ל (רבי לייבוש האַלפערין) פלעגט שיקן געלטער צום שינאָווער רב, און דער גבאי האָט געשיקט אַ דאַנק־בריוו דערויף. דער ברעזשאַנער רבי האָט זעהר שטאַרק געוואָלט באַקומען אַ בריוו מיט אַ ברכה פון שינאָווער רב אַליין. האָט ער אַמאָל געשריבן צום שינאָווער רב, אַז ער

וואונדערט זיך פאַרוואָס דער רבי אַליין ענטפערט אים קיינמאָל נישט קיין דאַנק. אויף דעם האָט אים דער שינאָווער רב געענטפערט:

— האָט נישט קיין תרעומות אויף מיר פאַרדעם וואָס איך אַליין שרייב נישט די בריוו, ווייל איך האָב נישט קיין צייט דערויף, איך בין לוידער פאַרנומען מיט מתקן זיין מיינע חטאים...

* * *

אַמאָל איז אויף ראש השנה געקומען אַ גרויסער עולם קיין שינאָווע. מוצאי ראש השנה רופט דער שינאָווער רב אויס אין בית המדרש:

— איך בעט דעם עולם מוחל צו זיין און נישט אַריינקומען צו מיר מיט בקשות. אויך ביי מיר איז עשרת ימי תשובה, און איך באַדאַרף מפשפש צו זיין במעשים...

* * *

יום כיפור פלעג דער שינאָווער רב דאַווענען מוסף און נעילה. איין יאָר איז ער צוגעגאַנגען צום עמוד ביי נעילה, ער איז דאָרט געשטאַנען אַ רגע, און דערנאָך איז ער אַוועקגעגאַנגען מיט אַ צעבראָכנקייט, און האָט צוגעשיקט אַן אַנדערן צום עמוד.

די חסידים האָבן זיך דערשראָקן, נישט ווייסנדיק וואָס צו קלערן אויף אָט דעם שריט. האָבן זיי אונטערגעשטעלט איינעם פון די קינדער, וועלכער האָט נאָכ׳ן דאַווענען געפרעגט דעם שינאָווער רב די אורזאַך דערפון. זאָגט דער שינאָווער רב:

— ס׳איז פשוט. מיט אַ צייט צוריק, האָב איך געהאַט אַ געלט־סכסוך מיט אַ געוויסן ווייַן־סוחר, און מיר האָבן זיך נאָך נישט איינגאַנצן פאַרגליכן. דעריבער ווען כ׳האָב מיך דערמאַנט אַז ביי נעילה זאָגט מען "למען נחדל מעושק ידינו", בין איך ביי מיר געוואָרן צעבראָכן, טראַכטנדיק, ווי קען איך זיין דער שליח ציבור

ביי נעילה בשעת איך בין נישט בשלימות ריין פון "עושק ידים". האָב איך צוגעשיקט אַן אַנדערן... (געהערט פון ידידי היקר החסיד הירא ר' נטע לאַנדוי שי').

* * *

אַמאָל האָט דער שינאָווער רב געלאָזט וויסן זיינע מקורבים אַז ער וויל פאָרן קיין אוהעל. אָנקומענדיק האָבן אים טויזנטער אידן אָפּגעוואַרט. ווען דער שינאָווער רב האָט זיך געטראָפן מיט די ראשי הקהל, האָט ער זיי געבעטן רשות צו זאָגן אַ דרשה אין בית המדרש. פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן גערן צוגעשטימט, און האָבן איינגעזאַמלט די גאַנצע שטאָט צו קומען אין בית המדרש און הערן דעם גרויסן גאַסט'ס דרשה.

דער שינאָווער רב האָט זיך אויפגעשטעלט, און האָט אָנגעהויבן:

— מיט פילע יאָרן צוריק האָט מיין עלטער־שווער, דער ישמח משה זצ"ל, מיך מכבד געווען צו האַלטן אַ דרשה דאָ אין דעם בית המדרש וואו מיר געפינען זיך איצט. זייענדיק נאָך יונג, האָב איך נישט צוגעגרייט די דרשה אינגאַנצן לשם שמים, נאָר כ'האָב געהאָרעוועט און זיך געמוטשעט צוצוגרייטן אַ שיינעם פלפול וואָס די תלמידי חכמים פון שטאָט וועלן דערפון הנאה האָבן, כדי כ'זאָל געפינען חן אין זייערע אויגן. אַ צייט שפּעטער האָב איך איינגעזען וואָסערע גרויסע עבירה איך בין געגאַנגען. האָב איך זיך לעצטנס מיישב געווען, ס'איז שוין הויך צייט תשובה צו טוהן אויף דער דאָזיקער עבירה, און וויבאַלד אונזערע הייליקע חכמים זאָגן אַז תשובה דאַרף זיין "באותו מקום", אויפ'ן זעלבן אָרט וואו מ'האָט געזינדיקט, דערפאַר בין איך געפאָרן אַהער, בכדי תשובה צו טוהן דאָ אויף מיין עבירה.

און דערביי האָט דער שינאָווער רב זיך צעוויינט בדמעות שליש ווי אַ קינד:

— איך בעט ביים הייליקן באַשעפער, ער זאָל מיר מוחל זיין די

נידעריקע עבירה, כ׳האָב געדרשנ׳ט פאַר מײַן אייגענעם כבוד. געוואַלד! ווי זינדיק איך בין! ווי וואַשט מען זיך ריין פון אַזאַ גרויסן פגם, ווײי איז צו מיר. וואָס האָב איך געטוהן, כ׳בין געווען אַ משתמש בתגא, כ׳האָב אויסגענוצט די תורה הקדושה פאַר מיין אייגענער הנאה. מיין חטא איז דאָך אַזוי גרויס! רבונו של עולם, האָב אויף מיר רחמנות, זיי מיך מחזיר בתשובה שלימה. שלעפּ מיך אַרויס פון מיין שפלות, כ׳בין זיך מתוודה אַז כ׳האָב חוטא געווען אַקעגן דיר, כ׳האָב זיך געהאַלטן גרויס מיט דיין הייליקער תורה. אוי ווײ, וואו איז געווען מיין שכל. הייליקער באַשעפער, כ׳וועל חלילה מער אַזוינס נישט טוהן. כ׳בעט דיך, זיי מיר מוחל דאָס מאָל אויף מיין עון פלילי, אוי, אוי, אוי... — אַזוי האָט דער שינאָווער רב געקלאָגט און געוויינט אַ שטיק צייט.

הערנדיק ווי דער הייליקער רבי וויינט אויף זיין מ׳שטיינס־געזאָגט ״גרויסע עבירה״ פון לערנען תורה שלא לשמה, האָבן זיך אַלע פאַרזאַמלטע צעלאָזט אין ביטערע יללות, טראַכטנדיק ווי זיי זעען נעבעך אויס, זיי זיינען פאַרשמירט מיט עכטע עבירות. הלוואי וואָלטן זייערע מצוות אויסגעזען ווי דעם רבינ׳ס עבירה. דער עולם האָט מיטגעוויינט און תשובה געטוהן בציבור מיט צעבראָכענע הערצער און מיט אַן אמת׳ער קבלה לטובה אויף להבא.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די דרשה פון שינאָווער רב האָט מער אויפגעטוהן ווי יעדע אַנדערע מוסר־דרשה וואָס אַ רב וואָלט ווען געזאָגט...

אגב, עס איז באַוואוסט, אַז דער שינאָווער רב האָט געזאָגט ווייניק תורה. ער פלעג זאָגן, אַז אַ רבי מעג זאָגן תורה בלויז אויב מ׳האָט אים געשיקט די רייד פון הימל. (זע די הסכמה אויף דברי יחזקאל פון הרה״צ ר׳ מענדל פריסטיקער). אויך האָט ער געזאָגט, אַז מען זאָל זיך נישט צוגרייטן די תורה פון פריער, און מ׳מוז אינזינען האָבן ביים זאָגן בלויז לכבוד דעם אויבערשטן, צו

ב ע ז ה י " ת

ספר

# דברי יחזקאל

## על התורה ומועדים

מקראות ואגדות וענינים שונים. יקרים מפז ופנינים. יראת ה' מלאים זיו ומפיקים. מתוקים מדבש ונופת צופים: אמרות טהורות. לבאר כל חמורות. בפנים מסבירות. עינים מאירות. בכתב יד קדשו חרות. על הגליונות המדרש. תנד"א משניות. ש"ס. וש"ע ושאר ספרים ואיזה שו"ת הנמצאים למשמרת. מכ"ק אבינו אדמו"ר הרב הגאון הקדוש צדיק יסוד עולם המפורסם בכל קצוי ארץ בתורה בעבודה בקדושה ובטהרה רשכבה"ג

מוהר"ר **יחזקאל שרגא הלברשטאם** זללה"ה

אב"ד בבמה ק"ק ומ"ב בק"ק **שינאווא** יצ"ו זי"ע ועכי".

ניעתק מהשער הנדפס ראשונה. ועתה נתעוררנו נכדי המחבר זצלה"ה להדפיס מחדש הספר הנ"ל ועוד נוספו לזה דברים נפלאים ויקרים מפז ומפנינים אשר לא נדפסו בהדפסה ראשונה.

הוצאה שני.

קראקא.
בדפוס המשובח של מ. לענקאוויטש רחוב מיזעלסא 28.
שנת תרפ"ב לפ"ק.

**DIWRE JECHESKEL**
**Wydawca Chaskiel Halberstam, Wiśnicz. — Druk. M. Lenkowicza w Krakowie.**
**1922.**

Nachdruck in Offsetdruck von Maindruck, Frankfurt am Main. 1000. April 1948

דער שער־בלאַט פון שינאָווער רב'ס ספר "דברי יחזקאל".

לערנען מיט אידן ווי אַזוי צו דינען דעם באַשעפער (דברי יחזקאל פרשת מטות, זע אויך דאָרט נאָך די אגדות הש״ס).

* * *

אַמאָל איז דער שינאָווער רב געווען אין מעליץ אַ פּאָר וואָכן, און דורך דער גאַנצער צייט האָבן די אידן נישט געזאָגט קיין תחנון ווי עס פירט זיך ביי חסידים ווען עס קומט אַן אדם גדול אין שטאָט אַריין.

האָט דער שינאָווער רב געזאָגט:

— דער טעם פאַרוואָס חסידים זאָגן נישט קיין תחנון ווען עס קומט אַ תלמיד חכם אין שטאָט איז, ווייל דער תלמיד חכם איז בבחינת שבת און יום־טוב, און שבת און יום־טוב זאָגט מען נישט קיין תחנון. לפי זה איז רעכט פאַרוואָס די חסידים זאָגן אַצינד נישט קיין תחנון, ווייל זיי האַלטן מיך פאַר אַ תלמיד חכם. אָבער איך וואָס כ׳ווייס אַז כ׳בין נישט קיין תלמיד חכם, פאַרוואָס זאָג איך נישט קיין תחנון? נאָר חז״ל זאָגן דאָך (סנהדרין ט׳ ע״ב) ביי קידוש החודש ״אתם אפילו שוגגין״, אַז אַפילו אויב סנהדרין זיינען בטעות מקדש דעם חודש, איז דער חודש מקודש און מ׳דאַרף האַלטן יום־טוב לויט ווי זיי האָבן באַשטימט. דעריבער, כאָטש דער עולם איז זיך אין מיר טועה, פונדעסטוועגן בין איך בבחינת יום־טוב, און איך טאָר נישט זאָגן קיין תחנון...

* * *

מיט אַזאַ שברון לב און ענוות רוח האָט דער שינאָווער רב גערעדט פון זיך און אַפילו ווען זיין גדלות האָט זיך עטוואָס אַרויסגעוויזן אין אַן ענין פלא וואָס מ׳האָט געזען ביי אים, האָט ער אַוועקגעמאַכט דעם וואונדער דערפון.

אַמאָל איז דער שינאָווער רב געפאָרן אין וועג, און ער האָט געזאָגט דעם גבאי׳ן אַז ער וויל רייכערן. דער גבאי האָט גענומען אַ שוועבל אָנצוצינדן די פייקע, אָבער דער שטאַרקער ווינט האָט

עס פאַרלאָשן. האָט ער נאָכאַמאָל פּראָבירט, און עס האָט זיך ווידער פאַרלאָשן. אַזוי איז געשען עטלעכע מאָל. זאָגט אים דער שינאָווער רב: "לאָז מיך פּראָבירן". האָט ער אָנגעצונדן דאָס שוועבל און עס האָט גוט געלויכטן, און ער האָט זיך פאַררייכערט די פּייקע. ווען ער האָט געזען ווי דער שמש וואונדערט זיך, זאָגט ער אים:

— וואונדער זיך נישט, מ'דאַרף נאָר וויסן ווי אַזוי צו האַלטן דאָס שוועבל אַז דער ווינט זאָל עס נישט קענען פאַרלעשן. כ'דערמאַן זיך אַ מעשה וואָס כ'האָב אַליין געזען:

— דער הייליקער רבי ר' הירש פון רימאַנאָוו זי"ע פלעגט פרייטיק דאַווענען מנחה אינמיטן טאָג, און דערנאָך באַלד קבלת שבת. איינמאָל נאָך מנחה איז געווען אַ מורא'דיקער שטורם־ווינט. דער ווינט האָט אַזוי שטאַרק געריסן, ביז אַ פענצטער האָט זיך אויסגעריסן און ס'האָט זיך צעבראָכן. האָט דער שמש געפרעגט דעם רבי'ן צי ער זאָל פאַרריכטן דאָס פענצטער, ווייל עס איז דאָך נאָך דאָ אַ היפשע צייט ביז שבת. דער רבי ר' הירש האָט אָבער נישט געלאָזט פאַרריכטן. טענה'ט דער שמש, אַז אויב מ'וועט נישט פאַרריכטן דאָס פענצטער וועלן די ווילדע ווינטן אויסלעשן די ליכט אויפ'ן טיש און מ'וועט מוזן זיצן אין דער פינצטער. איז דער רבי ר' הירש צוגעגאַנגען און האָט אַרויסגעבויגן זיין קאָפּ פונעם פענצטער. ער האָט געקערט דעם קאָפּ צו אַלע זייטן, און געזאָגט: "חס וחלילה, די ווינטן וועלן נישט פאַרלעשן די ליכט פון שבת קודש"... איז געווען אַ פלא: די ווינטן האָבן ווייטער אַריינגעבלאָזן שטאַרק אין בית המדרש אַריין, אָבער די שבת'דיקע ליכט אויפ'ן טיש האָבן בנעימות געלויכטן כרגיל. נישט בלויז האָבן זיי זיך נישט אויסגעלאָשן, נאָר זיי האָבן אַפילו נישט געטריפט און דער פלאַם האָט זיך נישט שטאַרק געשאָקלט, נאָר זיי האָבן שיין געלויכטן ביז נאָכ'ן טיש.

האָט דער שינאָווער רב מסיים געווען:



דער ווינט בלאָזט אַריין אין רביין ר׳ הירש׳ס בית המדרש, אָבער די ליכט לייכטן שיין.

— דאָס האָט געקענט אונזער הייליקער רבי ר׳ הירש, וועלכער האָט שולט געווען אויף אַלע ווינטן. אָבער ביי אונז איז דאָס נישט שייך, נאָר איך האָב געוואוסט בעסער ווי אַזוי צו האַלטן דאָס שוועבל...

* * *

אַ חסיד האָט אַמאָל געלאָזט דרוקן אַ ספר, און אויף זיין פאַרלאַנג, האָט דער שינאָווער רב אים אָנגעשריבן אַ הסכמה. דער חסיד האָט אָפּגעדרוקט די הסכמה אין ספר, שרייבנדיק אין דער הייעך: ״הסכמת רבינו הקדוש שליט״א משינאווע״.

ווען דער שינאָווער רב האָט שפּעטער געזען דעם טיטל, האָט ער זיך אָנגעבייזערט אויפ׳ן חסיד זאָגנדיק:

— ווי קען מען אויף מיר שרייבן דעם טיטל וואָס חז״ל האָבן געשריבן אויפ׳ן הייליקן רבי יהודה הנשיא?...

* * *

ווען עס פלעגט קומען קיין שינאָווע אַ חשוב׳ער רב צי אַ צדיק, פלעגט דער שינאָווער רב מיט עניוות זיך פאַרענטפערן פאַר אים:

— לעולם וואָלט איך געדאַרפט פאָרן צו אייך, אָבער ליידער לאָזן מיך מיינע טירדות און שוואַכע כוחות נישט אַרומפאָרן...

איינמאָל האָט ער געזאָגט צו אַ פּאָר רבנים וואָס זיינען געקומען קיין שינאָווע:

— איך בין אייך זעהר דאַנקבאַר פאַר׳ן קומען אַהער, ווייל אין אמת׳ן איז דאָך אַ מצוה צו פאָרן מקבל פנים זיין די גדולי און צדיקי הדור, אָבער איך בין ליידער נישט ביי די כוחות צו קענען פאָרן. דערפאַר פריי איך מיך אַז די צדיקים קומען צו מיר און איך קען זיי דאָ מקבל פנים זיין...

## רודף צדקה וחסד

אַ גוואַלדיקער בעל צדקה איז דער שינאָווער רב געווען, און בפרט האָט ער פיל געשטיצט תלמידי חכמים אין ארץ ישראל. ער איז געווען פון די אָנפירער פון דער צדקה לרבי מאיר בעל הנס לטובת אָרעמעלייט אין ארץ ישראל, און האָט מעורר געווען אידן צו שטיצן די צדקה מיט אַ ברייטער האַנט. אויך האָט ער אַכטונג געגעבן אַז קיינער זאָל נישט שטערן אָדער אָפּשוואַכן ח״ו די צדקה. ווען עס האָט אַמאָל געהערשט אַ הונגער אין ירושלים, האָט דער שינאָווער רב געקויפט אַ וואַגאָן מיט מעל, און האָט עס אָפּגעשיקט קיין ארץ ישראל מיט אַ שיף.

* * *

אין ירושלים האָט געוואוינט אַ חשוב׳ער איד אַ תלמיד חכם מיט׳ן נאָמען ר׳ נחמן כהנא. ער פלעג רוב יאָר אַרומפאָרן אין אייראָפּע צוזאַמענקלויבן געלט פאַר עניי ארץ ישראל, און אין די ווינטער־חדשים איז ער געזעסן אין דער היים און האָט געלערנט.

איינמאָל חנוכה, די ערשטע נאַכט, איז ר׳ נחמן אָנגעקומען קיין שינאָווע. פרעגט אים דער שינאָווער רב נאָכ׳ן צינדן די חנוכה־ליכט:

— נחמן, וואָס טוסטו דאָ אַצינד?

האָט ר׳ נחמן געזאָגט, אַז ער איז געקומען אויף חנוכה צום רבי׳ן.

זאָגט דער שינאָווער רב:

— דו ביסט דאָך עוסק אין אַזאַ הייליקער מצווה, אידן אין ארץ ישראל קוקן אַרויס אויף דיינע געלטער. דעריבער איז אַ שאָד אַז דו זאָלסט אָנזיצן דאָ ביי מיר, נאָר פאָר נאָך היינט נאַכט אַרום צוזאַמענעמען געלט, וועסטו קענען שיקן צדקה קיין ארץ ישראל.




אַ בריוו בכתב־יד־קדשו פון שינאָווער רב וועגן איינטיילן דאָס געלט פון צדקת רמבה״נ (געדרוקט אין ספר ״ילקוט אגרות קודש״, סימן קמ״ז).

טענה׳ט ר׳ נחמן:

— רבי, איך בין נישט צוגעוואוינט צו אַזאַ קעלט, און איך האָב נישט קיין וואַרימען פעלץ אָנצוטוהן, ווי אַזוי קען איך אין אַזאַ פראָסט אַרומגיין איבער די הייזער?

האָט דער שינאָווער רב געהייסן איינעם פון זיינע קינדער שענקען אַ פעלץ פאַר ר׳ נחמנ׳ען כדי ער זאָל תיכף קענען אַרומגיין נאָך געלט, און ער האָט געהייסן ר׳ נחמנ׳ען גיין קלויבן געלט היינט און אַ גאַנצן חנוכה אין שינאָווע און אין נעבנדיקע שטעטלעך...

* * *

אַמאָל ערב פורים איז ביי אַ שינאָווער חסיד געבוירן געוואָרן אַ זון אַ בכור. האָט ער געפרעגט דעם רבי׳ן וועמען צו נעמען אַלס כהן צום פדיון הבן, און דער שינאָווער רב האָט אים געהייסן נעמען אַ איד אַ תלמיד חכם וואָס האָט געוואוינט זעהר ווייט אין אַ שטעטל אין אונגאַרן.

דער יונגערמאַן האָט אַזוי געטוהן, ער איז פאַר פסח געפאָרן קיין אונגאַרן צו יענעם תלמיד חכם, און האָט געמאַכט דעם פדיון הבן. דאָרט האָט זיך דער חסיד דערוואוסט, אַז יענער תלמיד חכם וויל נישט נעמען קיין נדבות פון קיינעם, און ער האָט נאָך דאַן נישט געהאַט אַפילו וויין אויף די ארבע כוסות. נאָר פון פדיון הבן געלט, פון דעם איז ער יאָ נהנה, און ערשט אַצינד, נאָך דעם איצטיקן פדיון הבן, איז יענער געגאַנגען איינקויפן אַלע מאכלים אויף יום־טוב.

מיט זיין ווייטן קוק האָט דער שינאָווער רב געשפּירט דאָס אָרעמקייט פון דעם תלמיד חכם, און פונקט צו דער צייט האָט ער אים אַהינגעשיקט אַ איד וואָס האָט אים געגעבן אויף די הוצאות החג.

* * *

וועגן דעם אופן ווי ער האָט אין זיינע יונגע יאָרן געשטיצט אָרימע משפחות, ווערט דערציילט:

אַלס יונגערמאַן איז דער שינאָווער רב איין אינדערפרי געפאָרן אויפ׳ן וועג. אינמיטן פאָרן הייסט ער דעם בעל עגלה אָפּשטעלן דעם וואָגן, און ער גייט אַליין אַריין אין וואַלד. ווען עס איז אַריבער אַ שטיק צייט און ער איז נישט אַרויסגעקומען, איז דער בעל עגלה געגאַנגען אין וואַלד קוקן וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. זעט ער פון דער ווייטנס ווי דער שינאָווער רב שטייט און לייגט אַרויף שטיינער איינס אויפ׳ן אַנדערן. נאָך אַ פּאָר מינוט האָט דער שינאָווער רב זיך געקערט צו גיין צוריק צום וואָגן. דער בעל עגלה איז נייגעריק געווען פאַרוואָס דער שינאָווער רב האָט געמאַכט דאָס בערגל שטיינער, איז ער אַריין אין וואַלד דורך אַן אַנדערער זייט, און האָט אומגעוואָרפן די שטיינער. דערזעט ער, ווי אונטער׳ן בערגל ליגט אַ הויפן מיט מטבעות. דער בעל עגלה האָט נישט געטראַכט קיין סאַך, ער האָט אַריינגעלייגט העלפט פון די מטבעות אין קעשענע, האָט צוריקגעשטעלט די שטיינער, און איז אַרויס פון וואַלד דורך דער זייט וואו ער איז אַריינגעגאַנגען. ער האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר׳ן שינאָווער רב אַז ער האָט באַדאַרפט אַרויסצוגיין, און האָט גענומען פאָרן ווייטער.

עס לויפט נישט אַדורך קיין מינוט, און דער בעל עגלה פאַלט אין חלשות. ווען ער איז אויפגעקוּמען, האָט ער געשריגן אַז ער האָט גרויסע יסורים. פרעגט אים דער שינאָווער רב: ״צי האָסטו אפשר אָנגערירט דאָס געלט אין וואַלד״?. האָט דער בעל עגלה מודה געווען אַז יאָ. זאָגט דער שינאָווער רב: ״דריי צוריק דעם וואָגן, און לייג שנעל צוריק דאָס גאַנצע געלט, וועט דיר בעסער ווערן״. האָט דער בעל עגלה אַזוי געטוהן, און די יסורים האָבן זיך אָפּגעטוהן פון אים.

יאָרן שפּעטער איז דער בעל עגלה דערגאַנגען, אַז דער שינאָווער רב האָט דאָרט געלייגט דאָס געלט כדי דערמיט צו טיילן צדקה אויף אַ באַהאַלטענעם אופן. ער האָט וועכנטלעך



דער בעל-עגלה אַנטדעקט די מטבעות וואָס דער שינאָווער רב האָט באַהאַלטן.

מפרנס געווען עטליכע משפחות, און נישט ווילנדיג געבן די נדבות אין די הענט פון די אָרימע מענטשן כדי זיי זאָלן זיך נישט פילן פאַרשעמט ביים נעמען דאָס געלט יעדע וואָך, האָט ער באַשטימט פאַרבאָרגענע ערטער אין וואַלד וואו יעדער פון זיי וועט וועכנטלעך טרעפן דאָס געלט אין אַ געוויסן טאָג, און ער פלעג יענעם אינדערפרי אַהינלייגן דאָרט דאָס געלט פאַר זיי. מיט אַזאַ איידלקייט האָט דער שינאָווער רב געטוהן די מצוה פון צדקה, שוינענדיג דעם כבוד פון די אָרימע משפחות...

* * *

אַלס ביישפּיל אויף זיין מדה פון חסד, קען דינען די פאָלגנדע פּאַסירונג:

אַמאָל איז צום שינאָווער רב געקומען אַן אָרעמער חתן וואָס האָט זיך באַקלאָגט, אַז ער שטאַמלט ל״ע ביים רעדן און שעמט זיך עולה צו זיין לתורה און מאַכן אַ ברכה ברבים ביים אויפרופן. דער שינאָווער רב האָט אים געבענטשט.

ערב שבת, קערט זיך דער שינאָווער רב צו זיינע משמשים און זאָגט זיי, "מיר פאָרן קיין קאָלביסוב אויף שבת". טענה'ן זיי: "מ'האָט דאָך שוין אָנגעגרייט דאָ אַלע מאכלי שבת. זאָל מען דאָס אַלץ אַרויסוואַרפן?" זאָגט ער: "כ'וויל פון גאָרנישט וויסן. נעמט אַלץ מיט מיט אונז". ס'איז ביי זיי געווען אַ פּלא פאַרוואָס דער רב שטרעבט אַזוי שטאַרק צו זיין דאָרט שבת. אָבער געזאָגט און געטוהן, אַלץ האָט זיך איינגעפּאַקט און זיך געלאָזט אין וועג. קומענדיק אַהין האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דעם שבת רופט מען דאָרט אויף דעם דערמאַנטן אָרעמען חתן.

בשעת'ן אויפרופן, ווען דער חתן האָט געזאָגט ברכו, האָט דער שינאָווער רב געענטפערט ווי זיין שטייגער בקול רם און פאַמעלעך בהתלהבות "ברוך ה' המבורך לעולם ועד", און בשעת זיין שרייען האָט דער בחור שטילערהייט מסיים געווען די ברכה און דער עולם האָט נישט געהערט זיין שטאַמלען. אויך ביי דער

צווייטער ברכה, האָט דער שינאָווער רב געשריגן, "אמת תורתנו הקדושה והטהורה", און דעם בחור׳ס ברכה איז נישט געהערט געוואָרן.

דעמאָלט האָט מען פאַרשטאַנען, אַז דער הייליקער רב איז געפאָרן קיין קאָלביסוב כדי מציל צו זיין אַ אידיש נפש פון בושה.

* * *

אַמאָל ביינאַכט האָט דער שינאָווער רב געזען ווי עס דרייט זיך אַרום אינדרויסן אַ קראַנקער און קרעציקער איד ל״ע, וועמען קיינער האָט נישט געוואָלט אַריינגעמען אין שטוב מחמת זיין מיאוס׳ן אויסזען. האָט דער שינאָווער רב אים אַריינגערופן צו זיך אין שטוב, און האָט אים צוגעשטעלט אַ מאָלצייט. נאָכ׳ן אָפּעסן, האָט ער אים געהייסן זיך לייגן שלאָפן אין זיין בעט, און דער שינאָווער רב האָט זיך יענער נאַכט נישט געלייגט שלאָפן...

* * *

גרויס און חשוב איז די מדה פון חסד געווען אין די אויגן פון שינאָווער רב, און ווי פאָלגענד:

אַמאָל איז דער שינאָווער רב געווען אין קרעניץ, און ער איז איינגעשטאַנען אין אַ גאַסט־הויז. ביים אַוועקפאָרן, האָט ער אָנגעוואונטשן דעם אייגנטימער:

— אין זכות וואָס איר גיט אידן צו עסן, זאָל אייך דער אויבערשטער בענטשן מיט הצלחה.

רופט זיך אָן דער איד:

— רבי, איך גיב אידן צו עסן? איך נעם דאָך פון זיי געלט דערפאַר, וואָסערער זכות איז דאָס?

זאָגט דער שינאָווער רב:

— גיבן גיט איר אידן צו עסן, און דאָס וואָס איר נעמט געלט,

דאָס איז כדי איר זאָלט קענען ווייטער קויפן עסנוואַרג און געבן פאַר'ן עולם...

פון דאָ זעט מען דאָס גרויסע חשיבות פון הכנסת אורחים ביים שינאָווער רב, ביז אַז אַפילו אימיצער וואָס האָט איבערהויפּט נישט מכוון געווען צו טוהן די מצווה, נאָר ער האָט זיך מפרנס געווען דורך אַריינגעמען געסט, האָט דער שינאָווער רב געהאַלטן אויך דאָס פאַר אַ גרויסן זכות פאַר יענעם...

* * *

דער שינאָווער רב איז געווען אַן אוהב שלום ורודף שלום. ער איז געווען פון די הויפּט איבערוועגענדע קראַפטן אין אַ פייערדיקער מחלוקת וואָס האָט געהערשט אין סיגוט, ווען טייל ערלעכע אידן האָבן זיך געוואָלט אָפּרייסן פון דער געמיינדע צו גרינדן אַ באַזונדערע קהילה. דער שינאָווער רב האָט זיי געוואָרנט נישט חלילה צו טוהן אַזוי, און זיי האָבן צום סוף שלום געמאַכט.

און אָט איז אַ שרעקלעך און מורא'דיק ענין, וואָס צייגט ווי מ'טאָר נישט חלילה גורם זיין אָנצוהאַלטן מחלוקת:

דער שינאָווער רב (זייענדיק דאַן סטראָפּקובער רב) איז אַמאָל געווען ביי זיין הייליקן פאָטער אין צאַנז. שמועסנדיק אין אַן ענין, האָט צווישן זיי אויסגעבראָכן אַ פייערדיקער וויכוח, ביז דער צאַנזער רב האָט שטאַרק אָנגעשריגן זיין זון, און דער שינאָווער רב האָט מיט צער פאַרלאָזט דעם צאַנזער רב'ס הויז. ער איז מיט זיין משמש צוגעגאַנגען צו אַ באַקאַנטן ידיד אין צאַנז, און האָט זיך ביי יענעם אין הויז געזעצט לערנען אויף אַ פּאָר שעה. נאָך דעם האָט ער געבעטן דעם משמש צו גיין צום צאַנזער רב'ס הויז און זען וואָס עס הערט זיך דאָרט. דער משמש איז אַהינגעגאַנגען, און ער איז געוואָר געוואָרן, אַז דער צאַנזער רב האָט געוואָלט פאָרן אויפזוכן דעם שינאָווער רב און אים איבערבעטן, אָבער אַ געוויסער חשוב'ער רבי'ש קינד פון קראָקע וואָס איז דאַן געווען ביים צאַנזער רב, האָט געהאַלטן אַז עס איז נישט לכבודו פון

צאַנזער רב אַזוי צו טוהן און ער האָט נישט געלאָזט דעם צאַנזער רב אַרויספאָרן. ווען דער שמש איז צוריקגעקומען צום שינאָווער רב און האָט דאָס אים איבערגעזאָגט, האָט דער שינאָווער רב געלאָזט עטלעכע טרערן. דערנאָך האָט ער זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ וואָגן, און איז אַהיימגעפאָרן קיין סטראָפּקוב.

נאָך אַ פּאָר שעה, קומט־אָן דער חשוב׳ער רבי״ש קינד קיין סטראָפּקוב, ער פאַלט דעם שינאָווער רב צו די פיס, און וויינט און בעט אַז ער זאָל אים מוחל זיין וואָס ער האָט נישט געלאָזט דעם צאַנזער רב פאָרן צו אים. יענער האָט מיט גרויס פאַרביטערונג דערציילט, אַז אַ פּאָר שעה נאָך דעם ווי ער האָט צוריקגעהאַלטן דעם צאַנזער רב פון פאָרן צו אים, איז אין קראָקע זיינס אַ זון רח״ל דערהרג׳עט געוואָרן, און ער איז תולה אַז דאָס איז אים געקומען ווייל ער האָט מצער געווען דעם שינאָווער רב. דעריבער בעט ער אַז ער זאָל אים פאַרגעבן.

דער שינאָווער רב האָט אים מוחל געווען, און דערנאָך איז יענער אַהיימגעפאָרן צו דער לויה ל״ע פון זיין זון. עס איז דערנאָך נתברר געוואָרן אַז דער אומגליק ל״ע האָט יענעם געטראָפן בשעת דער שינאָווער רב האָט געלאָזט די טרערן.

[דערפון איז אויך צו זען דאָס צדקות פון אַ פאַרצייטישן אידן, וואָס ביים איינזען אַז ער איז באַגאַנגען אַן עוולה, האָט ער צום אַלעם ערשטן געוואָלט ריינוואַשן זיך פון דער עבירה, און דערנאָך איז ער געפאָרן אַהיים זיך מטפל זיין מיט זיין צרה ל״ע. אַז מ׳איז זיך מתבונן אין דעם, איז דאָס ענין מבהיל הרעיון].

* * *

אַ חשובער רב, פון די אָנגעזעענסטע שינאָווער חסידים, האָט כסדר געליטן רדיפות פון אַ געוויסן תלמיד חכם אין שטאָט. האָט ער באַשלאָסן צו פאָרן צום שינאָווער רב און זיך פאַר אים אויסרעדן דאָס האַרץ, כדי דער רבי זאָל יענעם מעניש זיין אָדער רודפ׳ן.

ווי נאָר דער דאָזיקער רב האָט גענומען שלום, זאָגט אים דער שינאָווער רב:

— כ׳האָב אַריינגעטראַכט, עס שטייט אין דער תורה "ואהבת לרעך כמוך". רעך איז פון לשון רע, שלעכט, נעמליך אַז אַפילו אַ איד וואָס איז נעבעך שלעכט, דאַרף מען אים אויך ליבן האָבן. די תורה מיינט זיכער נישט אימיצן וואָס איז אַ חוטא און אַ רשע ל״ע, ווייל אויף אַזאַ איינעם זאָגט דאָך די גמרא אַז "מצוה לשנאותו", עס איז גאָר אַ מצוה אים פיינט צו האָבן. נאָר מ׳מיינט רע״ך — רע לך, איינער וואָס אין אַלגעמיין איז ער אַ ווארילער איד, נאָר צו דיר, צו איין יחיד, פירט ער זיך אויף שלעכט. זאָגט די תורה אַז פונדעסטוועגן זאָלסטו אים ליב האָבן...

דער חסיד האָט געהאָרכט מיט וואונדער ווי דער רבי שפּירט מיט רוח הקודש זיין ווייטיק, און נאָך איידער ער קען פאָרלייגן זיין בקשה, כאַפּט אים דער רבי אויס און לערנט אים צו זיין אַ מעביר על מדותיו...

## פועל ישועות

דער שינאָווער רב איז געווען אויסגערופן אויף דער גאַנצער וועלט אַלס אַ גרויסער בעל מופת און אַ פועל ישועות.

ער האָט אַליין אַמאָל געזאָגט, אַז פון הימל האָט מען אים געגעבן אַ כח צו פראַווען מופתים, ווייל היות ער איז אַראָפּגעשיקט געוואָרן אויף דער וועלט מקרב צו זיין אידן צום באַשעפער, דעריבער העלפט מען אים פון אויבן צו פועל׳ן ישועות כדי מענטשן זאָלן קומען צו אים און זאָלן אים פאָלגן (ספר בני שמעיה, פרשת האזינו).

עס איז פּאַסיג צוצושטעלן צו די דערמאַנטע רייד אַ שיינעם שמועס פון הרה״ק דער באָבאָווער רב זצוק״ל הי״ד:

אין די צייטן פון שינאָווער רב איז אַ געוויסער רבי מפורסם געוואָרן אַלס אַ גרויסער בעל מופת, און פיל אידן האָבן געשטראָמט צו יענעם נאָך השפעות און ישועות. די אמת׳ע מנהיגים און צדיקי הדור האָבן אָבער שטאַרק אַוועקגעמאַכט יענעם ניי־אויפגעקומענעם רבי׳ן, און דער באַבאָווער רב זצ״ל האָט אַמאָל ערקלערט די סיבה פאַרוואָס זיי האָבן נישט געהאַלטן פון אים, זאָגנדיק ווי פאָלגענד:

— אין פריערדיקע צייטן, ווען אַ איד האָט באַדאַרפט אַ ישועה, איז ער געפאָרן צום הייליקן שינאָווער רב. ס׳איז אָבער באַוואוסט, אַז ווער עס האָט אַמאָל געהערט דעם שינאָווער רב דאַווענען שמונה־עשרה, ווי ער האָט אויסגעשריגן ״והנורא״ מיט גרויס ציטערניש און שרעק, איז אים דאָס האַרץ באַלד צעגאַנגען פאַר׳ן באַשעפער מיט אמת׳ער און טיפער תשובה. נאָך דערצו שפעטער, ווען דער איד איז אַריינגעגאַנגען מיט אַ קוויטל, האָט דער שינאָווער רב אים אויסגעפרעגט און אויסגעפאָרשט ווי ס׳זעט אויס זיין צושטאַנד אין עבודת ה׳, און ער האָט אים שטרענג אויסגעמוסר׳ט צו פאַרריכטן און פאַרהייליקן זיין אויפפירונג. ערשט דערנאָך האָט ער אים אָנגעוואונטשן אַ ישועה. אַזאַ איד, ווען ער איז אַרויס פון שינאָווער רב׳ס צימער, איז זיין האַרץ געווען איבערפולט מיט גרויס יראת שמים וואָס האָט אים באַגלייט אַ גאַנצן לעבן.

האָט דער באָבאָווער רב פאָרגעזעצט:

— דער שטן זעענדיק אַז ס׳איז נישט קיין תכלית, ווער ס׳האָט רח״ל אַ צרה אין שטוב פאָרט קיין שינאָווע און ווערט אַן ערלעכער איד, איז דער יצר הרע געגאַנגען, ער האָט אויפגעשטעלט אַן אַנדערן רבי׳ן און יענעם געהאָלפן דערווערבן זיך אַ נאָמען אַלס אַ בעל מופת, און יענער איז שוין ל״ע נישט מקרב די אידן צום באַשעפער ב״ה, נאָר ער ווינטשט זיי בלויז צו אַ ישועה און זיי קענען ווייטער אָנפירן דאָס לעבן ווי פריער...

* * *

דאָס נעמען קוויטלעך און אָנווינטשן אידן, איז געווען אַ הייליקע עבודה ביים שינאָווער רב.

אַמאָל איז ער געווען אין טאָרנע, און האָט אויפגענומען מענטשן מיט קוויטלעך. אינמיטן האָט ער זיך געשפּירט שוואַך, און געבעטן מ׳זאָל אים ברענגען אַ גלעזל קאַווע.

ער האָט דאַן דערציילט, אַז דער הייליקער רבי פון לובלין זי״ע איז אַמאָל ביים נעמען קוויטלעך זעהר שוואַך געוואָרן. האָט ער געבעטן מ׳זאָל אים אַריינגעבן אַ קוכל צו דערכאַפּן זיך דאָס האַרץ, און האָט צוגעגעבן, אַז בשעת׳ן נעמען קוויטלעך זעט ער דעם שם הוי׳, און וויבאַלד ער איז שוואַך געוואָרן, קען ער זיך נישט מצמצם זיין צו זען דעם שם. נאָכ׳ן פאַרבייסן דאָס קיכל האָט ער ווייטער גענומען קוויטלעך...

* * *

דער שינאָווער רב פלעגט זאָגן, אַז יעדערער וואָס פאָרט צו אַ רבי׳ן און גיט־אָפּ אַ קוויטל, פועל׳ט דער רבי פאַר אים תיכף אַ ישועה. נאָר טייל מענטשן פאַרלירן די ישועה ווען זיי קומען אָן צוריק אַהיים, טייל פאַרלירן עס אויפ׳ן וועג, און טייל פאַרלירן עס שוין אין רבינ׳ס הויז, נאָכ׳ן געזעגענען זיך...

די פאָלגענדע קאַפּיטלעך אַנטהאַלטן וואונדערלעכע מעשיות, ווי דער שינאָווער רב האָט געפּועל׳ט ישועות פאַר אידן.

## דער שינאָווער רב בענטשט אידן מיט קינדער

גרויס איז געווען דעם שינאָווער רב׳ס כח אין העלפן צעבראָכענע אידן וואָס האָבן ל״ע נישט געהאַט קיין קינדער. דער הייליקער שינאָווער רב האָט זיי אויסגעבעטן מזל׳דיקע שמחות מיט גוטע פּירות.

ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן, איז אַ חסיד פון דוקלע צוגעגאַנגען צו אים אַמאָל ראש השנה פאַר די תקיעות, און האָט זיך באַקלאָגט אַז ער האָט ל״ע נישט קיין קינדער און דער רבי מוז אים צוזאָגן אַ ישועה. זאָגט דער שינאָווער רב:

— צי דען בין איך ביכולת צו קענען צוזאָגן דיר אַ קינד?

טענה׳ט דער חסיד:

— יאָ, איך ווייס אַז דער רבי קען צוזאָגן אַ ישועה, ווייל דעם רבינ׳ס פאָטער, דער צאַנזער רב, האָט אַמאָל זייענדיק אין דוקלע געזאָגט: ״מיין ר׳ יחזקאל׳ע האָט אַ דעה אין הימל, ער איז אַ הימל־איד״.

האָט דאַן דער שינאָווער רב געזאָגט:

— אויב דער טאַטע האָט אַזוי געזאָגט, ווינטש איך דיר אַז דו זאָלסט פון הימל געהאָלפן ווערן מיט קינדער.

צום יאָר איז ביי דעם חסיד געבוירן געוואָרן אַ בן זכר.

* * *

הרה״צ דער ווערעצקיער רב שליט״א דערציילט, אַז אַ יונגערמאַן וועלכער האָט ל״ע נישט געהאַט קיין קינדער איז געפאָרן קיין צאַנז צום הייליקן דברי־חיים זי״ע צו בעטן אַ ישועה. האָבן צאַנזער חסידים אים געגעבן אַן עצה אַז בשעת׳ן איבערגעבן דאָס קוויטל זאָל ער צוזאָגן דעם דברי־חיים אַ סומע געלט, און אַ חלק פונ׳ם געלט זאָל ער באַלד דאַן אַוועקלייגן. און אויב וועט דער צאַנזער רב נעמען דאָס געלט, איז אַ סימן אַז ער וועט געהאָלפן ווערן. האָט דער יונגערמאַן אַזוי געטוהן, און דער צאַנזער רב האָט טאַקע גענומען דאָס געלט.

אַ צייט נאָכדעם איז דער צאַנזער רב נסתלק געוואָרן. איז דער יונגערמאַן געפאָרן קיין שינאָווע, און האָט ביים שינאָווער רב

געבעטן אַ ישועה אויף קינדער. דער שינאָווער רב האָט אים אָנגעוואונטשן, און צום יאָר איז ביי אים געבוירן געוואָרן אַ קינד.

איז דער יונגערמאַן געפאָרן קיין שינאָווע מיט דעם איבריקן סכום געלט וואָס ער האָט געהאַט צוגעזאָגט פאַר׳ן צאַנזער רב, און האָט עס איבערגעגעבן דעם שינאָווער רב דערציילנדיק אים די מעשה. רופט זיך אָן דער שינאָווער רב:

— דיין ישועה איז אין אמת׳ן געקומען בזכות דעם הייליקן טאַטן. דעריבער געהער דאָס געלט וואָס דו ביסט שולדיק דעם טאַטן פאַר אַלע דעם טאַטנ׳ס קינדער בתורת ירושה...

דער שינאָווער רב האָט אַראָפּגענומען זיין חלק פונ׳ם געלט, און דאָס איבריקע האָט ער געהייסן דעם איד צוטיילן פאַר זיינע ברידער.

* * *

איינער פון די גבאים פון שינאָווער רב מיט׳ן נאָמען ר׳ מתתי׳, האָט עטלעכע יאָרן ל״ע נישט געהאַט קיין קינדער. אַמאָל איז אין שינאָווע אַרומגעגאַנגען אַן עפּידעמיע פון אַ שווערער קראַנקהייט רח״ל, און כאָטש עס איז געווען אַן אַנשטעקיגע מחלה, האָט ר׳ מתתי׳ זיך איינגעשטעלט און איז אַרומגעגאַנגען פון הויז צו הויז צו באַזוכן די חולאים און צושטעלן יעדן וואָס ער באַדאַרף. דער שינאָווער רב האָט שטאַרק אַנערקענט די מצוה וואָס ר׳ מתתי׳ האָט געטוהן, און ער איז געגאַנגען צו אים אין שטוב אויף אַ באַזוך צו באַדאַנקען אים פאַר זיין הייליקן טאַט. דער שינאָווער רב האָט אים געפרעגט צי עס פעלט אים עפּעס, און ר׳ מתתי׳ האָט געבעטן אַ ברכה צו האָבן אַ בן זכר. האָט דער שינאָווער רב אים אָנגעוואונטשן, און איבער־יאָר איז ביי אים געבוירן געוואָרן אַ זון.

מיט יאָרן שפּעטער איז דער זון געוואָרן קראַנק ל״ע, און די גרעסטע דאָקטוירים אין קראָקע האָבן אים אויפגעגעבן. האָט ר׳

מתתי׳ געבעטן רחמים ביים שינאָווער רב אויף זיין זון. זאָגט דער שינאָווער רב:

— דיין זון וועט זיכער לעבן און זיין געזונט...

ר׳ מתתי׳ איז אַהיימגעגאַנגען און האָט געזען אַז מ׳האָט שוין אָנגעצונדן ליכט ביים חולה ווי עס פירט זיך ביי איינעם וואָס גייט ל״ע נפטר ווערן. אָבער אין אַ רגע איז זיין מצב בעסער געוואָרן, און ער איז דערנאָך געוואָרן געזונט.

ווען מ׳האָט דאָס שפּעטער איבערגעגעבן פאַר׳ן שינאָווער רב, האָט ער אַ זאָג געגעבן:

— דאָס איז נישט קיין מופת, ס׳איז אַ פאַרשטענדלעכע זאַך...

האָט הגה״צ דער נאָסאַדער רב זצ״ל ערקלערט, אַז היות דער שינאָווער רב האָט אים געהאַט צוגעזאָגט אַ קינד אין זכות פון ביקור חולים און זיין רצון איז תיכף נתמלא געוואָרן מן השמים, דעריבער איז ער אַצינד געווען זיכער אַז דאָס קינד וועט לעבן, ווייל אויב חלילה נישט, וועט דאָך זיין פריערדיקע הבטחה נישט מקויים ווערן, ווייל אַ קינד הייסט בלויז אַ קינד וואָס לעבט און איז געזונט, און ער האָט דאָך פריער געזען אַז דער אויבערשטער האָט יאָ אויסגעפירט זיין ברכה זאָפאָרט. מוז זיין אַז דאָס קינד וועט האָבן אַ רפואה שלימה, און ממילא איז די פריערדיקע ישועה נישט אומזיסט. דערפאַר האָט דער שינאָווער רב געזאָגט אַז ס׳איז אַ פאַרשטענדלעכע זאַך...

* * *

אַ זעהר ענליכע מעשה האָט דערציילט הרה״ג דער סאַלקער רב זצ״ל:

מ׳האָט אַמאָל מזכיר געווען פאַר׳ן שינאָווער רב, אַז אַ היימישער איד איז ל״ע פלוצלונג זעהר קראַנק געוואָרן, און

דאָקטוירים זאָגן אַז זיינע טעג זיינען געציילטע. האָט דער שינאָווער רב אַוועקגעמאַכט די זאַך זאָגנדיק:

— עס קען נישט זיין!

הגה"צ דער נאַסאַדער רב איז דאַן געווען אין שינאָווע, און הערנדיק דעם רבינ'ס ווערטער, האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז געפאָרן באַזוכן דעם דערמאַנטן חולה, כדי צו דערוויסן זיך פאַרוואָס דער שינאָווער רב האָט געזאָגט אַז ס'קען נישט זיין אַז דער חולה איז אויפגעגעבן. (מערקווירדיג: מיר טרעפן [סנהדרין קא.] ווי חז"ל רופן־אָפּ רבי אליעזר'ן "ספר תורה". אויך זאָגן זיי [מכות כב:] אַז עס זיינען דאָ טפשים וואָס שטייען אויף פאַר אַ ספר תורה און נישט פאַר אַן אדם גדול, און זיי ווייסן נישט אַז אַן אדם גדול איז ווי אַ תורה. באַזירט אויף דעם, האָבן חסידים זיך מייגע געווען צו דערגיין פשט אין אַ רבי'ן, פונקט ווי מ'איז זיך מייגע צו פאַרשטיין תורה. דעריבער האָט דער נאַסאַדער רב נישט געשפאָרט קיין מי צו פאָרן מברר זיין די ווערטער פון רבי'ן).

דער נאַסאַדער רב האָט געכאַפּט אַ שמועס מיט דער משפחה פון חולה, און האָט זיך דערוואוסט אַז מיט אַ פּאָר וואָכן פריער האָט דער איד געשאַפן פאַר'ן שינאָווער רב אַ גרויסן סכום פאַר צדקה. האָט דער שינאָווער רב אים דאַן צוגעזאָגט עשירות.

ערקלערט דער נאַסאַדער רב:

— אויב אַזוי איז אַלץ פאַרשטענדלעך. די גמרא זאָגט דאָך אין מסכת תענית (דף ח:), אַז אויב ס'איז חלילה דאָ אַ הונגער און אַ מגפה און מ'בעט אויס פון אויבערשטן פרנסה, ווערט מען ממילא געהאָלפן אויך מיט לעבן, ווייל "כי יהיב רחמנא שובעא לחיי הוא דיהיב", דער אויבערשטער שיקט פרנסה פאַר לעבעדיקע מענטשן. דעריבער, היות דער רבי האָט געהאַט צוגעזאָגט עשירות פאַר דעם איד, און ער ווייסט אַז ער האָט דאָס אויסגעפועל'ט (ווי חז"ל זאָגן אַז ר' חנינא בן דוסא האָט בשעת'ן דאַוונען געהאַט אַ

סימן צי זיין תפלה איז אָנגענומען געוואָרן), איז ער דורך דעם געוועזן זיכער אַז דער איד וועט זיין געזונט און לעבן, כדי צו געניסן פון זיין עשירות...

* * *

און אָט איז אַ מורא׳דיקע פּאַסירונג, וואָס צייגט דעם מעכטיקן כח פון שינאָווער רב׳ס אַ ברכה:

צום שינאָווער רב איז אַמאָל אַריינגעגאַנגען אַ יונגערמאַן, וועלכער האָט ל״ע פיל יאָרן נאָך דער חתונה נישט געהאַט קיין קינדער. דער שינאָווער רב האָט אים אויסגעפרעגט פאַרשידענע פראַגן, און האָט ביים סוף מיט אַ זיפץ געזאָגט, אַז ער דאַרף טאַקע אַ גרויסע ישועה מן השמים. דערנאָך האָט ער שטאַרק מעיין געווען אין קוויטל, און דערביי האָט ער אַראָפּגעלייגט דעם קאָפּ אויף דער האַנט פאַר אַ לאַנגער צייט. ווען דער יונגערמאַן האָט נאָך אַ פּאָר מינוט געזען אַז דער שינאָווער רב הויבט נישט אויף דעם קאָפּ, האָט ער געטראַכט, אַז דער רבי האָט מסתמא שוין פאַרענדיקט לייענען זיין קוויטל, און האָט דאָך אים געזאָגט אַז ער דאַרף אַ ישועה מן השמים, אַלזאָ, וואַרשיינלעך איז דאָס געווען די ברכה, און אַצינד גייט דער רבי אַביסל שלאָפן. איז דער יונגערמאַן אַרויסגעגאַנגען פון צימער.

נאָך דעם יונגערמאַן איז געשטאַנען אין דער רייע אַריינצוגיין צום שינאָווער רב אַן עלטערער איד פון זיבעציק יאָר. יענער איז אַריין אין שטוב, און וויסנדיק אַז טיילמאָל לייגט דער רבי אַראָפּ דעם קאָפּ צו פאַרטיפן זיך אין זיינע מחשבות, איז ער געשטאַנען דערנעבן און האָט געוואַרט.

פלוצלינג הויבט דער שינאָווער רב אויף דעם קאָפּ, און מיט פאַרמאַכטע אויגן דערלאַנגט ער יענעם איד די האַנט און זאָגט בשמחה:

— דער אויבערשטער וועט דיך בענטשן מיט אַ ישועה, וועסט בקרוב האָבן אַ בן זכר!...

רופט זיך אָן יענער איד, אַז ער האָט ברוך־השם קינדער און אייניקלעך, און ער איז געקומען צוליב גאָר אַן אַנדערע סיבה. ער האָט צוגעגעבן, אַז זיין פרוי איז שוין אויף דער עלטער און זי קען נישט מער האָבן קיין קינדער.

הערנדיק די ווערטער, איז די צורה פון שינאָווער רב געוואָרן בלייך מיט שרעק. ער האָט גאָרנישט גערעדט פאַר אַ פאָר מינוט. דערנאָך האָט ער געפרעגט דעם איד זיין בקשה, און האָט אים אָנגעוואונטשן אַ ברכה.

דער איד איז אַהיימגעגאַנגען, און הפלא ופלא! זיין ווייב האָט צוריקבאַקומען די צייט פון יונגערהייט אַזוי ווי שרה אמנו ע״ה, און צום יאָר האָט זי געבוירן אַ בן זכר!... עס זיינען עד היום דאָ אייניקלעך פון דעם בן זכר.

פון דאָ זעט מען ווי אַן אַרויסזאָג פון דעם שינאָווער רב׳ס מויל האָט געהאַט אַ ווירקונג אַפילו נישט־ווילנדיק (און ווי מ׳טרעפט אין גמרא כתובות דף כ״ג ע״א ״שגגה שיצאה מפי השליט״, עיי״ש).

* * *

אַ יונגערמאַן נאָך דער חתונה האָט באַשלאָסן צו פאָרן וואוינען אין אַנטווערפּן. איז ער אַריינגעגאַנגען געזעגענען זיך מיט׳ן שינאָווער רב, און ער האָט אַריינגעשריבן אין קוויטל, אַז דער אויבערשטער זאָל אים בענטשן מיט קינדער. וואונדערט זיך דער שינאָווער רב:

— עס איז בלויז אַ חודש נאָך דער חתונה, און שוין זאָרגסטו זיך וועגן קינדער?...

ענטפערט ער, אַז היות ער פאָרט קיין אַנטווערפּן זיך באַזעצן,

און ער ווייסט נישט צי ער וועט אַמאָל קענען קומען קיין שינאָווע, וויל ער זיך פאַרזיכערן מיט אַ ברכה אויף קינדער.

זאָגט דער שינאָווער רב:

— זאָרג נישט. וועסט האָבן, און האָבן, און האָבן...

ביים יונגערמאַן זיינען דערנאָך געבוירן געוואָרן דריי קינדער, געגוי ווי די צאָל מאָל וואָס דער שינאָווער רב האָט איבערגעחזר׳ט אַז ער "וועט האָבן".

* * *

אין דעעש האָט געוואוינט אַ איד וואָס האָט ל"ע נישט געהאַט קיין קינדער. האָט דער דעעשער רב הגה"צ בעל כנסת יחזקאל זצ"ל געהייסן אים פאָרן צום שינאָווער רב. דער איד איז געפאָרן קיין שינאָווע אויף שבת, און מוצאי שבת האָט ער געוואָלט אַריינגיין מיט אַ קוויטל. האָט אָבער דער שינאָווער רב נישט אויפגענומען קיין מענטשן דעמאָלט. דער איד האָט פּראָבירט צו פּועל׳ן ביי די גבאים אַז מ׳זאָל אים אַריינלאָזן, אָבער זיי האָבן נישט נאָכגעגעבן.

צוויי אַזייגער ביינאַכט, האָט דער שינאָווער רב פּלוצלינג באַפוילן דעם גבאי׳ן אַריינצולאָזן דעם דעעשער איד. דער שינאָווער רב האָט אים דערלאַנגט אַ פּושקע פול מיט טאַבאַק, האָט אים געבענטשט מיט אַ קינד, און האָט צוגעגעבן:

— אַ העלפט פון דער פּושקע טאַבאַק זאָלסטו אויסטיילן ביים ברית פון קינד, אַ פערטל ביי דער בר מצוה, און דאָס איבעריקע ביים קינד׳ס חתונה.

איבער־יאָר האָט דער איד געבוירן אַ קינד, און האָט פּונקט אויסגעפאָלגט די רייד פון שינאָווער רב.

* * *

ווען דער שינאָווער רב איז אַמאָל געווען אין לימאַנאָוו, איז צו אים אַריינגעקומען אַ איד וואָס האָט חתונה געהאַט מיט 23 יאָר צוריק און האָט ל״ע נישט זוכה געווען צו האָבן קינדער. האָט אים דער שינאָווער רב געזאָגט, אַז אויב ער וועט פאַרריכטן דעם עירוב פון שטאָט, וועט מען קענען ״טראָגן״...

האָט ער זיך גענומען פאַרריכטן דעם עירוב, און נאָך אַנדערע מענטשן וואָס האָבן ל״ע נישט געהאַט קיין קינדער האָבן אים צוגעהאָלפן דערביי, און איבעראַיאָר האָבן אַלע זייערע ווייבער ״געטראָגן״ קינדער!

* * *

אַ יונגערמאַן פון קאָרטשין האָט געלעבט מיט זיין פרוי פופצן יאָר, און זיי האָבן ל״ע נישט געהאַט קיין קינדער. ווען דער יונגערמאַן האָט זיך מזכיר געווען פאַר׳ן שינאָווער רב, האָט ער געהייסן אַז ער זאָל זי גט׳ן. דער יונגערמאַן איז אַהיימגעפאָרן, און האָט איבערגעגעבן זיין ווייב דעם שינאָווער רב׳ס רייד. האָט די פרוי געזאָגט, אַז זי וויל אַליין הערן פון שינאָווער רב׳ס מויל אַז זיי מוזן זיך צעשיידן. זיינען זיי צוזאַמען געפאָרן קיין שינאָווע, און דער יונגערמאַן האָט ווידער איבערגעגעבן אַ קוויטל מיט דער בקשה צו האָבן קינדער. זאָגט דער שינאָווער רב:

— כ׳האָב דאָך דיר שוין געהייסן, אַז זאָלסט זיך גט׳ן.

ווי די פרוי האָט דאָס געהערט, האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ ביטער און יאָמערלעך געוויין. דער שינאָווער רב איז נתרגש געוואָרן פון אירע בכיות, און האָט געזאָגט:

— אויב דער שלום בית איז ביי אייך אַזוי גוט, דאַן וואַרטס־צו נאָך אַ יאָר (כידוע הסיפור במדרש שיר השירים פרק א׳ עה״פ נגילה ונשמחה בך, עם רבי שמעון בן יוחאי).

יענעם יאָר האָט זי געהאַט אַ קינד.

* * *

הרה״ג מוה״ר יוסף צבי דושינסקי זצ״ל איז אַמאָל געווען ביים שינאָווער רב, און ביים געזעגענען זיך מיט אים, האָט דער שינאָווער רב אים אָנגעוואונטשן:

— זאָל דער אויבערשטער העלפן, למען ירבו ימיכם וימי בניכם על האדמה אשר נשבע ה׳.

דער נוסח הברכה האָט אויסגעקוקט מאָדנע, ערשטנס, ווייל ער האָט נאָך דאַן נישט געהאַט קיין קינדער כאָטש עס זיינען פאַראיבער אַ סאַך יאָרן נאָך דער חתונה, און צווייטנס, וואָס האָט ער צו טוהן מיט ״האדמה אשר נשבע ה׳״, מיט ארץ ישראל?

נאָך פיל יאָרן, איז די ברכה פולקאָם מקויים געוואָרן: ער איז פאַרבעטן געוואָרן צו ווערן רב אין ירושלים, ער האָט דאָרט געבוירן זיין זון הרה״ג שליט״א, און האָט זוכה געווען דאָרט צו ״ירבו ימיכם״ באריכות ימים ושנים...

* * *

דער גאון וצדיק בעל דרכי תשובה פון מונקאַטש זצ״ל איז אַמאָל געווען אין שינאָווע מיט זיין זון הגה״צ רבי חיים אלעזר זצ״ל, בעמח״ס מנחת אלעזר. איז דאַן אַריינגעקומען צום שינאָווער רב אַ איד און האָט אים שטאַרק געבעטן צו בענטשן אים מיט קינדער. האָט דער שינאָווער רב געזאָגט, אַז אויב ער וועט געבן אַ שיינעם סכום אויף הכנסת כלה פאַר דעם הייליקן רבי׳ן ר׳ אלימלך׳ס אַן אייניקל וועלכער איז דעמאָלט געווען אין שינאָווע, וועט ער געהאָלפן ווערן.

ווען דער דרכי תשובה האָט דאָס געהערט, האָט ער זיך אָנגערופן אַז אויך זיין זון רבי חיים אלעזר דאַרף געהאָלפן ווערן מיט אַ קינד, פאַרוואָס׳זשע זאָגט דער רבי נישט פאַר אים אַן עצה ווי אַזוי צו האָבן אַ ישועה? ענטפערט דער שינאָווער רב: ״דיין זון דאַרף נישט קיין עצה, ער וועט אָן דעם האָבן אַ קינד״... פרעגט

דער דרכי תשובה צי ער וועט נאָך זוכה זיין צו זען דאָס אייניקל. האָט דער שינאָווער רב געשוויגן און גאָרנישט געענטפערט.

אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז דער דרכי תשובה געוואָרן זייער קראַנק. האָט זיין זון דער מנחת אלעזר אים געזאָגט אַז היות ס'האָט אויסגעזען פון שינאָווער רב'ס שווייגן אַז ער וועט ערשט האָבן אַ קינד נאָך דעם טאַטנ'ס פּטירה, דעריבער איז ער מותר אויף קינדער נאָר דער טאַטע זאָל זיין געזונט. דער דרכי תשובה האָט אָבער באַפוילן אַז ער זאָל נישט מותר זיין אויף דער ברכה. דער דרכי תשובה איז נסתלק געוואָרן, און ביים מנחת אלעזר איז דערנאָך געבוירן געוואָרן אַ טאָכטער...

* * *

די עלטערן פון הרה"ח ר' חנה שיף ע"ה האָבן יאָרן־לאַנג נאָך דער חתונה ל"ע נישט געהאַט קיין קינדער. האָט זיך זיין פאָטער באַקלאָגט פאַר'ן שינאָווער רב, וועלכער האָט אים געענטפערט:

— האָסט נאָך צייט. איך זאָג דיר, אייל זיך נישט.

מיט דעם זעלבן לשון פלעג אים דער שינאָווער רב ענטפערן יעדעס מאָל וואָס ער האָט זיך מזכיר געווען.

פיל יאָרן נאָך דער הסתלקות פון שינאָווער רב, איז ער געהאָלפן געוואָרן מיט אַ בן זכר, אָבער צום באַדויערן איז די מוטער רח"ל אַוועק פון דער וועלט בשעת'ן געבורט, און דאָס קינד האָט מען אַ נאָמען געגעבן "חָנה" אויף דער מוטער'ס נאָמען "חַנה". דאַן האָט מען פאַרשטאַנען דעם שינאָווער רב'ס כוונה מיט די ווערטער "אייל זיך נישט", ווייל וויסנדיק אַז זי וועט נעבעך אַוועקגיין פון דער וועלט ביים געבורט פון קינד, האָט ער איר געוואָלט מזכה זיין מיט לעבן נאָך אַ סאַך יאָרן...

* * *

ווידער האָט פּאסירט ביי אַ זון פון איינעם פון די משמשים

ביים שינאָווער רב הרבני החסיד ר׳ זלמן סאַנדער, וועלכער האָט ל״ע נישט געהאַט קיין קינדער פיל יאָרן נאָך דער חתונה. ר׳ זלמן פלעג כסדר בעטן דעם שינאָווער רב צו העלפן זיין זון מיט קינדער, און דער שינאָווער רב פלעג אים יעדעס מאָל אָנווינטשן. איינמאָל איז ר׳ זלמן אַריינגעגאַנגען און האָט גאָר שטאַרק געבעטן אַז דער רבי זאָל צוזאָגן אַ ישועה ווייל זיין זון׳ס ווייטאָג איז נישט אויסצוהאַלטן. דער שינאָווער רב האָט אים געענטפערט מיט האַרציקע רייד:

— איך טו דאָך וואָס איך קען און איך בין מתפלל פאַר דיר, און דער אויבערשטער טוט זיכער וואָס עס איז צום גוטן, ווייל ווער נאָך ווייסט און פאַרשטייט די באַדערפענישן פון אַ מענטש אַזוי ווי דער אויבערשטער, און ווער נאָך האָט אַזוי פיל רחמנות ווי דער אויבערשטער דער מלך טוב ומטיב.

ר׳ זלמן האָט זיך אָבער נישט געקענט מחזק זיין, און ער האָט געוויינט און געקלאָגט אויפ׳ן קול אַז דאָס לעבן איז אים ביטער און דער רבי מוז אים צוליב טוהן און צוזאָגן אַז זיין זון וועט אינגיכן האָבן קינדער.

דער שינאָווער רב האָט נישט געקענט צוקוקן דעם צער פון זיין געטרייען משמש, און ער האָט אים צוגעזאָגט אַז זיין זון וועט צום יאָר האָבן אַ קינד.

די ברכה איז מקויים געוואָרן, ער האָט צום יאָר געהאַט איין קינד, און דאָס קומענדיקע יאָר האָט ער געהאַט נאָך אַ קינד.

צום באַדויערן אָבער, האָט זיך שפעטער אַרויסגעשטעלט אַז די קינדער זיינען געווען ל״ע טויב און שטום רח״ל. ר׳ זלמן איז ווידער אַריין צום שינאָווער רב מיט ביטערע און האַרצרייסנדע בכיות אויף זיין טרויעריקן גורל. זאָגט אים דער הייליקער שינאָווער רב:

— צי זעסטו יעצט אַז מ׳טאָר זיך נישט איינשפאַרן מיט אַן

עקשנות און דריקן צופיל אַז דער אויבערשטער זאָל טוהן דווקא ווי דער מענטש פאָדערט? אַ איד דאַרף מתפלל זיין, און דער אויבערשטער זאָל טוהן דאָס זייניקע, מ׳טאָר אָבער נישט איינרייסן און נייטן ח״ו. (זע ״דברי יחזקאל״ פרשת וירא, ד״ה וילך און ד״ה ויכלו).

ר׳ זלמן איז געשטאַנען און האָט פאַרגאָסן הייסע טרערן. האָט אים דער שינאָווער רב געטרייסט און צוגעזאָגט אַז דער אויבערשטער וועט העלפן און בענטשן זיין זון אויך מיט געזונטע קינדער.

אַזוי איז טאַקע געווען, ער האָט דערנאָך געבוירן טייערע און חסידישע קינדער, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן גרויסע תלמידי חכמים און יראי השם.

אַן ענלעך ענין:

אין די לעצטע יאָרן, פלעג דער שינאָווער רב נישט פאָרן קיין צאַנז אויף דער הילולא יאָרצייט פון זיין פאָטער, דעם צאַנזער רב זי״ע.

ער האָט אַמאָל ערקלערט, אַז היות מ׳קען גרינג פועל׳ן וואָס מ׳וויל אויפ׳ן ציון פון אַ צדיק אין זיין יומא דהילולא, דעריבער פאָרט ער נישט קיין צאַנז אויף דער יאָרצייט, ווייל וויבאַלד אַז אין יעדער תפילה וואָס אַ איד איז מתפלל, בעט ער אויך אויף דער גאולה, האָט ער מורא אַז ער וועט עובר זיין אויף דער שבועה וואָס דער אויבערשטער האָט באַשוואוירן די אידן נישט צו דריקן און צואיילן דעם קץ הגאולה דורך דאַוונען דערויף מיט פילע און שטאַרקע תפילות. (זע רש״י אין כתובות דף קי״א רע״א).

* * *

עס איז אַמאָל צום שינאָווער רב געקומען אַ גרויסער רב וועלכער האָט ל״ע נישט געהאַט קיין קינדער אַ סאַך יאָרן נאָך דער חתונה. פרעגט אים דער שינאָווער רב צי ער האָט באַצאָלט

רח״ש וואָס מ׳שרייבט אַריין אין די תנאים (רח״ש מיינט רב, חזן, שמש, און די מחותנים פירן זיך צו געבן זיי געלט ביי אַ חתונה), און ער האָט געענטפערט אַז ניין. האָט דער שינאָווער רב אים געהייסן באַצאָלן אַצינד רח״ש געלט, און נאָכדעם ווי ער האָט אַזוי געטוהן, איז ער געבענטשט געוואָרן מיט קינדער.

דער שינאָווער רב האָט שפּעטער ערקלערט, אַז רח״ש איז אויך נוטריקון רחל חנה שרה, וועלכע זיינען געווען עקרות ל״ע און זיינען שפּעטער געהאָלפן געוואָרן מיט קינדער. דעריבער איז די באַצאָלונג פון רח״ש אַ סגולה אויף קינדער.

* * *

ס׳איז געווען אַ יונגערמאַן אין קאַמאַרנע, וואָס האָט ל״ע נישט געהאַט קיין קינדער פיל יאָרן נאָך דער חתונה. ער האָט זיך מזכיר געווען פאַר׳ן שינאָווער רב, אָבער דער שינאָווער רב האָט אים נישט געוואָלט צוזאָגן אַ ישועה. ער האָט אים בלויז געוואונטשן אַ ברכה.

אַמאָל זאָגט אים זיין פרוי, אַז זי וויל זיך פאַרזוימען אין שינאָווע אַ גאַנץ יאָר, כדי צו קענען ביי יעדן עת רצון אַריינגיין צום רבי׳ן מיט אַ קוויטל, ביז ער וועט צוזאָגן אַ ישועה. האָט דער מאַן מסכים געווען, ער האָט איר געגעבן געלט אויף לעבנס־אויסגאַבן פון אַ יאָר, אָבער ער אַליין איז געבליבן אין קאַמאַרנע, וואו ער האָט אָנגעפירט מיט אַ גרויסן מסחר.

די פרוי פלעג כסדר אַריינגיין צום שינאָווער רב מיט אַ קוויטל, און יעדעס מאָל האָט זי געגעבן אַ פדיון פון פינף גילדן.

נאָך אַ יאָר איז דער מאַן געקומען קיין שינאָווע, און איז אַריינגעגאַנגען צום רבי׳ן. פרעגט אים דער שינאָווער רב, וויפל געלט ער האָט געגעבן זיין פרוי אויסצוגעבן אויף פדיונות. האָט דער מאַן געזאָגט אַ געוויסן סכום. עפנט דער שינאָווער רב אויף אַ לעדל, ער נעמט אַרויס 54 גילדן, און גיט עס דעם מאַן, זאָגנדיק:

— דיין ווייב האָט מיר דורך דער צייט געגעבן 54 גילדן מער ווי דעם סכום וואָס דו האָסט געזאָגט, און וויבאַלד אַ פרוי טאָר נישט אויסגעבן איר מאַנ׳ס געלט אָן רשות, נעם דעריבער צוריק דאָס איבעריקע געלט.

צעוויינט זיך דער יונגערמאַן און פרעגט:

— אָבער וואָס איז מכוח אַ ישועה?

האָט אים דער שינאָווער רב באַרואיקט און געזאָגט:

— איך בין דיר מבטיח, אַז דו וועסט היי־יאָר האָבן אַ קינד.

וכן הוה...

* * *

הגאון ר׳ שאול זאב עטינגער (שפעטער פאָדגורזשער רב) האָט פיל יאָרן נאָך דער חתונה נישט געהאַט ל״ע קיין קינדער. האָט ער ביי זיך אָנגעקלערט אַז ער וועט אָנשרייבן אַ ספר מיט חידושי תורה כדי איבערצולאָזן נאָך זיך אַ זכר, און ווי עס ווערט געברענגט אין ספר ״דרך פקודיך״ אַז ווער עס האָט ליידער נישט קיין קינדער זאָל מקיים זיין ״פרי׳ ורבי׳״ דורך מחדש זיין חידושי תורה. האָט ער מחבר געווען אַ ספר אויף מסכת זבחים, און האָט דערויף באַקומען אַן הסכמה פון הגאון דער ברעזשאַנער רב זצ״ל, און ער האָט אַריינגעגעבן דאָס ספר צום דרוק.

אינצווישן איז ער געווען ביים שינאָווער רב, און האָט אים איבערגעגעבן זיין באַשלוס. זאָגט אים דער שינאָווער רב:

— חס ושלום, זיי זיך נישט מייאש. דרוק נישט דאָס ספר און באַגענוגן זיך נישט מיט מקיים זיין פרי׳ ורבי׳ דורך מחבר זיין חיבורים, וועט דיר דער אויבערשטער העלפן מקיים צו זיין פרי׳ ורבי׳ כדת וכדין.

ער האָט געפאָלגט, און האָט דערנאָך געבוירן עטלעכע קינדער...

* * * *

אַמאָל ווען דער שינאָווער רב איז געווען אויף אַ חתונה, איז צו אים צוגעגאַנגען זיין ברודער דער קרייזער רב, און האָט געבעטן ביי אים צו בענטשן זיין זון וועלכער איז זעהר צעבראָכן, ווייל עס זיינען ביי אים געבוירן געוואָרן עטליכע קינדער, און אַלע זיינען ל״ע באַלד נפטר געוואָרן.

האָט דער שינאָווער רב זיך גענומען דערציילן אַ מופת פון אַ צדיק, וועלכער האָט אויסגעפועל׳ט אַ ישועה פאַר איינעם וואָס האָט ל״ע פאַרלוירן זיינע קינדער, אַז ער איז געהאָלפן געוואָרן מיט געזונטע קינדער. דער שינאָווער רב האָט אויסגעפירט:

— דאָס זעלבע מיט אייער זון, פון היינט אָן וועט ער האָבן זרע של קיימא.

די ברכה איז מקויים געוואָרן. עס זיינען ביי אים דערנאָך געבוירן געוואָרן דריי קינדער, און זיי זיינען געווען געזונט און שטאַרק, און דערצויגן געוואָרן לתורה לחופה ולמעשים טובים.

## אַ משפיע פרנסה

אויך פרנסה האָט דער שינאָווער רב משפיע געווען פאַר אידן, און ער האָט זיי געראַטעוועט פון ליידן שאָדענס ח״ו.

אין טאָרנע האָט געוואוינט אַ סוחר מיט׳ן נאָמען ר׳ אהרן סאַפיר, און ער האָט זיך מתפרנס געווען פון פאַרקויפן האָלץ צו ווייטע לענדער. דאָס האָלץ פלעג ער אַהינשיקן דורכ׳ן טייך, ער האָט אָנגעבונדן צוזאַמען פיל העלצער, האָט זיי אַריינגעלייגט אין

דעם טייך ״ווייסל״, און די לויפענדע וואַסערן האָבן זיי אָפּגעפירט צו זייער באַשטימטן פּלאַץ, וואו עס פלעגן זיי אָפּוואַרטן די דאָרטיקע סוחרים. ר׳ אהרן האָט ביי דעם פאַרדינט אַ סאַך געלט, און ער איז געווען זייער רייך.

איין יאָר האָט כמעט גאָרנישט גערעגנט, און דורכדעם איז דער טייך נישט געווען פול און לויפנדיק. ר׳ אהרן האָט נישט געהאַט קיין וועג ווי אַזוי אַרויסצושיקן דאָס האָלץ, און ער איז געווען באַדראָעט מיט ליידן גרויסע שאָדענס. איז ער געפאָרן צום שינאָווער רב און האָט זיך פאַר אים באַקלאָגט אויף זיין לאַגע.

זאָגט דער שינאָווער רב:

— וואָס זאָל איך טוהן, צי דען קען איך ברענגען רעגן?!...

ר׳ אהרן האָט אָבער זעהר שטאַרק געבעטן, און ער האָט איבערגעגעבן פאַר׳ן שינאָווער רב, אַז עטלעכע אלמנות און סוחרים האָבן אים געגעבן געלט אויף באָרג, וויסנדיק אַז ער איז אַ גרויסער עושר און דאָס געלט איז פאַרזיכערט, און אויב ער וועט נישט אַרויסשיקן דאָס האָלץ, וועט ער נישט קענען אָפּגעבן די פאַרמעגנס, און ס׳וועט אַרויסקומען אַ גרויסער חילול השם ח״ו.

האָט דער שינאָווער רב זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע. דערנאָך האָט ער אים געהייסן בלייבן אין שינאָווע אויף שבת, און נאָך שבת זאָל ער ווידער אַריינקומען. מוצאי שבת זאָגט אים דער שינאָווער רב:

— אין אמת׳ן ווייס איך נישט ווי אַזוי איך קען ברענגען רעגן, אָבער איך האָב בקבלה פון הייליקן חוזה פון לובלין זי״ע אַז ווער עס דאַרף אַ ישועה, זאָל העלפן אַן אייניקל פון הייליקן רבי׳ן ר׳ אלימלך זי״ע, וועט ער געהאָלפן ווערן. מיין שוואָגער ר׳ נפתלי אלימלך איז נישט געזונט, און באַזונדערס האָט ער יסורים ווען עס רעגנט אינדרויסן. גיב אים געלט ער זאָל קענען פאָרן קיין אונגאַרן נעמען בעדער אין פישטשאַן, און אין דעם זכות זאָל קומען רעגן.

ר׳ אהרן האָט זאָפאָרט געגעבן ר׳ נפתלי אלימלך׳ן 150 גילדן, און האָט דערנאָך געהייסן זיינע אַרבעטער אַריינלייגן דאָס האָלץ אין טייך. אַנדערע סוחרים האָבן פון אים געלאַכט, אָבער צומאָרגנס האָט אָנגעהויבן גיסן אַ שלאַקס־רעגן און דער טייך איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט וואַסער.

דער שינאָווער רב איז יענעם טאָג געגאַנגען אין גאַס, און דער וועג איז געווען פול מיט וואַסער. האָט ער אַ זאָג געגעבן:

— אַזוי ווייט האָב איך נישט געמיינט...

* * *

דער שינאָווער רב איז אַמאָל געווען אין בריגל, און דער עולם האָט זיך זעהר געשטופּט אַריינצוקומען אין צימער וואו ער איז געווען. זעענדיק דאָס, איז אַ יונגערמאַן אַריינגעשפּרונגען אין דער שטוב דורך אַ פענצטער. דער שינאָווער רב האָט דאָס באַמערקט, און האָט זיך אָנגערופן:

— די וועלט זאָגט, אַז אויב מ׳גייט דורך אַ פענצטער וואַקסט מען נישט. גיי דעריבער צוריק אַרויס פון פענצטער וועסטו אי״ה וואַקסן.

דער איד האָט געפאָלגט, און איז שפּעטער געוואָרן זעהר אַ גרויסער עושר, דורך דעם וואָס דער פריץ פון שטעטל האָט אים איבערגעגעבן דאָס גאַנצע ווייץ־האַנדל פון דער געגנט. ער איז "געוואַקסן" גרויס מיט עשירות.

* * *

דער שינאָווער רב איז אַמאָל געווען אין אַ פרעמדער שטאָט, און האָט דאָרט צוזאַמען מיט אַנדערע אידן געוואַרט אויף אַ באַן. אינצווישן האָט ער געהערט אַ געוויין, און האָט געפרעגט ביי איינעם פון די אידן צי ער ווייסט ווער עס וויינט. ענטפערט יענער, אַז אַ קליין מיידל, אַ גוי׳ע, שטייט און קלאָגט. הייסט דער שינאָווער רב אים פרעגן דאָס מיידל פאַרוואָס זי וויינט, און דער

איד האָט אַזוי געטוהן. דערנאָך האָט ער איבערגעגעבן דעם שינאָווער רב אַז זי ווײנט ווייל זי האָט פאַרלוירן איר בייטל, און זי האָט נישט קיין געלט מיט וואָס צו קויפן אַ בילעט אויף אַהיימצופאָרן. האָט דער שינאָווער רב געזאָגט יענעם איד:

— ס׳וואָלט געווען אַ גלייכע זאַך ווען דו שענקסט איר אַביסל געלט אויף הוצאות הדרך.

דער איד האָט געפאָלגט, און דאָס מיידל האָט אים באַדאַנקט.

יענער איד האָט געהאַט אַ געשעפט וואו ער פלעג אויפנייען און פאַרקויפן קליידונג. אַמאָל האָט דאָס עסטרייכישע מיליטער באַדאַרפט מאַנטלען פאַר די סאָלדאַטן, און היות יענער איד האָט געוואָלט מ׳זאָל ביי אים באַשטעלן די מאַנטלען, האָט ער אָנגעבאָטן אַ זעהר ביליקן פּרייז, און די רעגירונג האָט טאַקע אָנגעשריבן אַ קאָנטראַקט און באַשטעלט די מאַנטלען ביי אים.

שפּעטער אָבער, ווען דער איד האָט געמאַכט אַ קלאָרן חשבון וויפל עס וועט אים קאָסטן איינצוקויפן די סחורה, אויסצוצאָלן די שניידערס און ענליכע אויסגאַבן, האָט ער איינגעזען אַז ער האָט פריער געמאַכט אַ פאַרדריסליכן טעות ביים אָפּשאַצן דעם פּרייז, און אויב וועט ער אָנהאַלטן זיין צוזאָג, וועט ער אָנווערן פיל געלט. איז אים איינגעפאַלן אַן עצה, צו מאַכן די מאַנטלען מיט בערך אַ פוס קורצער ווי דאָס מיליטער האָט באַשטעלט, וועט ער מרוויח זיין די קאָסטן פון דער סחורה, און דורך דעם פאַרמיידן אַ גרויס פאַרלוסט.

ער האָט אַזוי געטוהן, אָבער ווען ער האָט אַריבערגעשיקט די מאַנטלען צום מיליטער, האָבן זיי באַלד באַמערקט זיין שווינדל, און מ׳האָט געשיקט זעלנער צו אַרעסטירן אים פאַר אָפּנאַרן די רעגירונג.

ווערנדיק געוואָר אַז מ׳זוכט אים, האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַנטלאָפן קיין שינאָווע, און האָט אויסגעגאָסן זיין ביטער

האַרץ פאַר'ן שינאָווער רב. דער שינאָווער רב האָט אים געהייסן זוימען זיך עטליכע טעג אין שינאָווע, ביז ער וועט פאַר אים געפינען אַן עצה.

נאָך אַ פּאָר טעג הייסט דער שינאָווער רב ער זאָל פאָרן קיין ווין, און זיך נאָכפרעגן ווער עס איז דער גענעראַל וועלכער איז עוסק מיט דער אָנקלאַגע. ער זאָל צו יענעם אַהיימגיין, און אים דערציילן דעם גאַנצן אמת כמו שהוא, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות אין חשבון, און האָט נישט געפונען קיין אַנדערן אויסוועג ווי אָפּנאַרן דאָס מיליטער, און ער זאָל ביי אים בעטן מוותר צו זיין אויף זיין זינד.

דער איד איז געפאָרן קיין ווין, און האָט זיך דערוואוסט אַז יענער גענעראַל איז אַ גרויסער רשע. ער האָט מתחילה געצווייפלט צי ער זאָל פּראָבירן באַזוכן דעם גענעראַל, אָבער דערנאָך האָט ער זיך אָנגעגאַרטלט מיט אמונת צדיקים, ער איז געגאַנגען צום גענעראַל'ס וואוין־אָרט, און האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. אַ קליין מיידל האָט געעפנט די טיר, און דערזעענדיק אים, האָט זי מיט איבעררעשונג אויסגערופן צו איר פאָטער:

— טאַטע, ווייסט ווער ס'איז דאָ? דער וואוילער מענטש, וועלכער האָט מיר געגעבן געלט ביי דער באַן־סטאַנציע!

דער גענעראַל איז אַקעגנגעלאָפן דעם איד, און האָט אים מיט פרייד איינגעלאַדן אַריינצוקומען אין הויז. נאָכדעם ווי דער איד האָט זיך אַוועקגעזעצט, זאָגט אים דער גענעראַל:

— איר האָט ממש געראַטעוועט מיין קינד. איך האָב אייך שוין לאַנג געוואָלט אָפּצאָלן פאַר אייער גענאַדע, אָבער איך האָב נישט אָנגעהויבן צו וויסן ווער איר זענט און וואו איר וואוינט. אַצינד, מיט וואָס קען איך אייך העלפן?

דער איד האָט מיט טרערן דערציילט זיין צרה, און ווי אַזוי דער טעות האָט אים געצוואונגען צו באַגיין אַן עוולה.

זאָגט דער גענעראַל:

— זאָרגט נישט. איך האָב שוין לאַנג געהאַלטן אַז די מאַנטלען פון די זעלנער ווערן געמאַכט צו־לאַנג, און עס שטערט זיי ביים לויפן בשעת אַ קריג. איר האָט גוט געטוהן אַז איר האָט זיי פאַרקירצט, און מ׳וועט אייך באַצאָלן אַזוי ווי מ׳האָט אָפגעשמועסט.

דער גענעראַל האָט גלייך בטל געמאַכט די אָנקלאַגע, און האָט באַפוילן תיכף אויסצוצאָלן דעם איד דאָס גאַנצע געלט (פון ידידי האברך החסיד ירא ושלם ר׳ נטע לאַנדוי שי׳).

* * *

דער שינאָווער רב האָט אַמאָל באַדאַרפט אַ סאַך געלט פאַר אַ דבר מצוה. האָט ער גערופן אַ גביר פון יעריסלוב, און האָט ביי אים געבעטן אַ שיינעם סכום. דער גביר האָט מגלה געווען בסוד פאַר׳ן שינאָווער רב, אַז לעצטנס האָט ער געליטן אַ סאַך שאָדנס אין געשעפט און ער איז ליידער אַן אָרעמאַן ל״ע, אָבער פונדעסטוועגן וועט ער זיך אָנבאָרגן און געבן דעם רבי׳ן די סומע אויב דער רבי וועט אים בענטשן אַז ער וועט ווידער מצליח זיין. האָט דער שינאָווער רב אים אָנגעוואונטשן.

דערנאָך זאָגט דער גביר צום שינאָווער רב, אַז ס׳איז אויף אים דאָ אַ הקפדה פון דעם צדיק רבי אלימלך רודניקער זצ״ל, און מסתמא האָט ער דורכדעם געליטן פאַרלוסטן. איז דער שינאָווער רב אַריינגעפאָרן קיין רודניק, און האָט זיך משתטח געווען אַ שטיק צייט אויף דעם ציון פון רבי אלימלך. צווישן די פאַרשידענע תפילות וואָס דער שינאָווער רב האָט דאָרט געדאַוונט, האָט מען געהערט ווי ער זאָגט: ״היות דער הייליקער רבי אלימלך רודניקער ווייסט אַז איך דאַרף אַצינד געלט פון יענעם איד פאַר אַ חשוב׳ער מצוה, בין איך זיכער אַז דער רבי איז אים מוחל״.

צוריקקערנדיק זיך אַהיים פון רודניק, האָט דער שינאָווער רב געזאָגט צו זיינע מקורבים. אַז רבי אלימלך האָט זיך געלאָזט איבערבעטן. טאַקע באַלד דערנאָך איז דער גביר צוריק געוואָרן זעהר רייך.

אַן ענלעך ענין האָט הרה״צ דער בריגלער רבי ז״ל דערציילט:

הרה״ק רבי נפתלי ליזשענסקער (אַן אייניקל פון הייליקן רבי׳ן ר׳ אלימלך זי״ע) האָט אַמאָל אין פשעוואָרסק צוזאַמענגענומען געלט. ער איז דאָרט אַריינגעגאַנגען צו אַ גרויסן עושר, און האָט פון אים פאַרלאַנגט פופציק רייניש אויף צדקה. בייזערט זיך דער גביר און זאָגט: ״איר זאָלט מיר נישט זאָגן וויפל איך זאָל געבן, איך גיב אייך צוויי רייניש, און גענוג!״. האָט רבי נפתלי אים צוריקגעזאָגט שאַרף: ״צי מיינסטו אַז דו ביסט פאַרזיכערט מיט דיין פאַרמעגן? וואַרט, דו וועסט נאָך ווערן אַ ביטערער אָרעמאַן״...

אַ צייט שפּעטער, ווען דער שינאָווער רב איז געווען רב אין סטראָפּקוב, איז זיין זון הגה״צ ר׳ נפתל׳טשע ל״ע נפטר געוואָרן אין רוסלאַנד אָן קינדער. האָט דער ברודער רבי משה׳לע געדאַרפט אַהינפאָרן צו געבן חליצה פאַר דער אלמנה, און דער שינאָווער רב האָט באַשלאָסן מיטצופאָרן. עס האָט זיך אָבער געפאָדערט אַ סאַך געלט פאַר די פעסער און פאַר הוצאות פון אַזאַ וויטן וועג. איז דער שינאָווער רב אַרומגעגאַנגען אין די שטעטלעך צוזאַמנעמען געלט. עס איז אָבער דאַן געווען אַ שווערע צייט, און ער האָט נישט מצליח געווען צונויפצוקלויבן אַ געהעריקע סומע. אָנקומענדיק קיין פשעוואָרסק שפּעט ביינאַכט, האָט ער באַגעגנט דעם דערמאַנטן גביר, וועלכער פלעג אַמאָל פאָרן קיין צאַנז, און ער האָט זיך אָנגערעדט פאַר אים ווי שווער עס קומט אים אָפּ צוזאַמענצושטעלן געלט פאַר אַזאַ הייליקער מצוה. פרעגט דער גביר וויפל געלט ער דאַרף, און דער שינאָווער רב ענטפערט, אַכט הונדערט רובל. האָט אים דער גביר דערציילט

די מעשה מיט רבי נפתלי ליזשענסקער, און האָט צוגעלייגט אַז אויב דער שינאָווער רב וועט אַראָפּנעמען די דערמאָנטע לטותא, וועט ער אים געבן די גאַנצע אַכט הונדערט רובל.

זאָגט אים דער שינאָווער רב, אַז ער וועט זיך מיישב זיין אין דעם ענין, און וועט אים מאָרגן זאָגן אַנטוואָרט.

דער שינאָווער רב איז געגאַנגען אויף זיין אכסניא, און האָט זיך געלייגט שלאָפן. ער האָט אָבער נישט געקענט איינשלאָפן. ביי חצות האָט ער זיך אויפגעהויבן פון בעט, און האָט זיך גענומען אַריינטראַכטן אין דעם איד׳ס בקשה. ער האָט געקלערט:

— עס איז אַ סברא, אַז דער הייליקער רבי נפתלי ליזשענסקער וועט האָבן אַ נחת רוח אין עולם הבא אויב איך וועל אַראָפּנעמען זיין הקפדה פון דעם איד, כדי דורכדעם צו קענען פריער מקיים זיין די מצוה פון חליצה, און נישט זיך מצער זיין גאַנצע וואָכן צו זאַמלען דאָס געלט. רבי נפתלי וועט בלי ספק מוחל זיין אויף זיין כבוד פאַר אַזאַ הייליקער מצוה...

דער שינאָווער רב האָט זיך געשטעלט מתפלל זיין צום אויבערשטן. אַ גאַנצע נאַכט איז ער געשטאַנען און האָט אויסגעזאָגט גאַנץ תהלים, בעטנדיק דעם באַשעפער ב״ה אַראָפּצונעמען די קללה. אין דער פרי איז ער געגאַנגען אין מקוה און האָט געדאַוונט שחרית פאַרגיסנדיק הייסע טרערן, אַז דער אויבערשטער זאָל נישט באַשטראָפן דעם איד.

נאָכ׳ן דאַוונען איז דער שינאָווער רב אַריבערגעגאַנגען צום גביר, און האָט אים פאַרזיכערט אַז די קללה איז אַראָפּגעגאַנגען פון אים. דער גביר האָט אים זאָפאָרט דערלאַנגט אַכט הונדערט רובל, און דער שינאָווער רב איז באַלד געפאָרן קיין רוסלאַנד.

דער גביר האָט אויסגעלעבט זיינע יאָרן אין רייכטום, אַדאַנק די תפילות פון שינאָווער רב...

* * *

צוויי יונגעלייט, ר׳ משה און ר׳ איטשע לייזער, האָבן זיך אַמאָל אָנגעבאָרגט ביי דער רעגירונג גרויסע סומעס געלט אויף אַ קורצער צייט. מיט דעם געלט האָבן זיי אָפּגעדונגען גרויסע בערג נעבן רימאַנאָוו, כדי אַרויסצוקלאַפּן פון דאָרט גרויסע שטיינער וואָס זיי וועלן דערנאָך פאַרקויפן פאַר בויערס און דאָס גלייכן. זיי האָבן געדונגען אַרבעטער אויסצוקלאַפּן די שטיינער, און די אַרבעטער האָבן געגראָבן במשך פון אַ פּאָר טעג, אָבער זיי האָבן נישט געטראָפן קיין שום שטיינער.

דער צער פון די ברידער איז געווען גאָר גרויס, און זיי האָבן מורא געהאַט אַז אויב וועלן זיי נישט צוריקצאָלן צו דער באַשטימטער צייט דעם חוב צו דער רעגירונג, וועלן זיי מוזן אַנטלויפן פון לאַנד.

איז זייער פאָטער ר׳ נתן לייזער געפאָרן צום שינאָווער רב און האָט זיך באַקלאָגט אויף זיינע קינדער׳ס קלעם. דער שינאָווער רב האָט אים דאַן גאָרנישט געענטפערט, נאָר קומענדיקן שבת האָט דער שינאָווער רב זיך אָנגערופן צו אים מיט אַ שמייכל:

— ויאמר יעקב לאחיו לקטו אבנים!...

די קומענדיקע וואָך האָבן די קינדער געפונען פיל־פיל שטיינער...

* * *

און אָט איז אַ מעשה ווי אַזוי דער שינאָווער רב האָט זיך באַנוצט מיט רוח הקודש כדי צו ראַטעווען אַ איד מיט זיין פרנסה:

אַ דאָרפס־איד האָט פאַרמאָגט אַ שענק, און ער האָט דערפון געהאַט פרנסה בריווח. דער מאַיאָר פון שטאָט האָט געהאַט קנאה אויף דער איד׳ס הצלחה, און ער האָט געזוכט אַ וועג ווי אַזוי צוצונעמען פון אים דאָס געשעפט.

איין טאָג, ווען דער איד איז געווען זעהר פאַרנומען מיט



דער פּריץ גיסט אַריין סם אִין דעם אידי'ס ברוינפן.

מענטשן וואָס זיינען געקומען קויפן משקה, איז אַריינגעקומען שטילערהייט דער מאַיאָר, ער איז צוגעגאַנגען צו אַן אָפענעם פאַס בראָנפן, און האָט אַריינגעגאָסן דערין אַ פלעשעלע סם. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער זייט צוצוקוקן וואָס עס וועט פאַסירן. נאָך אַ פאָר מינוט האָט דער איד אַרויסגעגעבן פון יענעם פאַס אַביסל בראָנפן צו אַ גוי׳ישן קונה, און יענער איז אויפ׳ן אָרט געשטאָרבן. דער איד האָט באַלד פאַרשטאַנען אַז דאָס איז די אַרבעט פון דעם מאַיאָר, אָבער היות ער האָט געוואוסט אַז מ׳וועט אים נישט גלויבן, האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַנטלאָפן פון שטאָט.

ער איז געפאָרן צום שינאָווער רב, און האָט אויסגעגאָסן זיין צובראָכן האַרץ פאַר׳ן רבי׳ן. דער שינאָווער רב האָט אים געהייסן בלייבן אַ שטיק צייט דאָ אין שטאָט, און דער איד איז זעקס וואָכן געזעסן אין שינאָווע.

איין טאָג רופט אים פלוצלונג דער שינאָווער רב, און הייסט אים גיין תיכף צו דער באַן סטאַנציע. ער האָט אים באַפוילן אַרויפצוגיין אויף דער באַן וואָס וועט אַצינד אָנקומען פון פשעוואָרסק, און מיט דער באַן זאָל ער אַהיימפאָרן. דער איד איז געשטאַנען אַ צעמישטער, און האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, אָבער די גבאים האָבן אים געהייסן שנעל פאָלגן דעם רבי׳ן, וועט ער האָבן אַ זיכערע ישועה.

דער איד איז געלאָפן צו דער סטאַנציע, און איז באַלד אַרויף אויף דער באַן וואָס איז נאָר־וואָס אָנגעקומען פון פשעוואָרסק. ער איז גראַדע אַריין אין דעם וואַגאָן אין וועלכן עס זיינען געזעסן די חשוב׳ע פערזאָנען, און האָט זיך אַוועקגעזעצט ווינען יאָמערלעך. אינצווישן איז פאַרבייגעגאַנגען אַן עלעגאַנט־געקליידעטער מאַן, און האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער וויינט. דער איד האָט אים אַלץ דערציילט, און האָט צוגעלייגט אַז זעקס וואָכן זוימט ער זיך אין הויז פון שינאָווער וואונדער־ראַבין

האַלבערשטאַם, און אַצינד האָט ער אים באַפוילן אַרויפצוגייען זאָפּאָרט אויף דער דאָזיקער באַן. דער מאַן איז געבליבן דערשטוינט, און האָט מיט באַגייסטערונג געפרעגט:

— פון וואו האָט דער ראַבין געוואוסט, אַז איך פאָר אויף דער באַן? איך בין דאָך אויסדערוויילט געוואָרן ווי דער פּראָקוראָר (קטיגור) אין דעם ענין!...

דער איד האָט אויפגעלויכטן, זעענדיק דאָס רוח הקודש פונ׳ם רבי׳ן, און ער האָט דערציילט דעם מאַן ווי דער מאַיאָר לאָקערט אויף אים אַ לאַנגע צייט צוצונעמען זיין פּרנסה. דער פּראָקוראָר האָט אים צוגעזאָגט אַז ער וועט נאָכפאָרשן די זאַך און וועט טוהן אַלץ צו ראַטעווען אים פון זיין צרה.

אַהיימקומענדיק, האָט דער פּראָקוראָר זיך אָנגעטוהן אין קליידונג פון אַ דאָרפס־מאַיאָר, און איז געפאָרן צום מאַיאָר פון דאָרף וואו דער איד האָט געוואוינט. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס מאַיאָר פון אַ געוויסן דאָרף, און האָט זיך פריינדלעך צעשמועסט מיט׳ן אַנדערן מאַיאָר אין פאַרשידענע ענינים. זיי האָבן בשעת׳ן שמועס כסדר געטרונקען וויין און בראָנפן. אינצווישן דערציילט דער פאַרשטעלטער פּראָקוראָר, אַז ער האָט ביי זיך אין שטאָט אַ איד וואָס פאַרקויפט בראָנפן און איז דערפון זעהר רייך, און ער קען נישט צוקוקן ווי זיין עשירות וואַקסט פון טאָג צו טאָג. ״דו ביסט דאָך אַ קלוגער מאַן, גיב מיר עפּעס אַן עצה ווי אַזוי אַוועקצולייגן דעם איד״...

זייענדיק אָנגעטרונקען, האָט דער מאַיאָר דערציילט דעם פּראָקוראָר ווי ער האָט אויך געהאַט דעם פּראָבלעם, און מיט אַ צייט צוריק האָט ער אַריינגעגאָסן סם אין דעם איד׳ס פאַס בראָנפן און דורכדעם וועט מען אים אינגיכן פאַרמשפּט׳ן צום טויט.

אַ וואָך שפּעטער איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס. דער מאַיאָר צוזאַמען מיט נאָך אַ גוי האָבן עדות געזאָגט אַז זיי האָבן געזען ווי

דער איד פאַרקויפט פאַרסמ׳טע בראָנפן, און דורכדעם איז אַ קונה געשטאָרבן. ווען דער פראָקוראָר האָט באַדאַרפט פאָרלייענען די באַשולדיקונג אויפ׳ן איד, האָט ער געבעטן מ׳זאָל אים געבן אַ פּאָר מינוט, ער וועט באַלד צוריקקומען מיט אַ וואונדערלעכער אַנטפּלעקונג אין דעם ענין. ער איז אַרויס פון צימער, און נאָך אַ פּאָר מינוט איז ער צוריקגעקומען אָנגעטוהן אין די קליידער אין וועלכע ער האָט זיך פריער פאַרשטעלט אַלס דאָרפס־מאַיאָר. ער איז צוגעגאַנגען צום דאָרפס־מאַיאָר, פרעגנדיק:

— דו דערקענסט מיך? איך בין דער וואָס דו האָסט פאַר מיר קלאָר מודה געווען, אַז דו אַליין האָסט אַריינגעגאָסן דעם סם אין פאַס...

דער מאַיאָר האָט געחלש׳ט...

דער ריכטער האָט באַלד באַפרייט דעם איד, און האָט באַפוילן אויפצוהענגען דעם דאָרפס־מאַיאָר.

דער דאָרפס־איד האָט די וואונדערלעכע מעשה דערציילט ביי דער לויה פון הייליקן שינאָווער רב.

* * *

אין ווין האָט געוואוינט אַ שינאָווער חסיד מיט׳ן נאָמען ר׳ קלמן פריד. ער איז געווען זעהר אַ גרויסער עושר, און האָט מפרנס געווען די משפחות פון זיינע קינדער וועלכע האָבן געלערנט תורה בהתמדה. אַ גרויסער בעל מכניס אורח איז ער געווען, און ער פלעג אויך געבן דעם שינאָווער רב גרויסע סכומים געלט לטובת די פילע ענינים פון צדקה וואָס דער שינאָווער רב האָט גענומען אויף זיך.

צוליב זיין רייכטום און ערלעכקייט, האָבן אַ סך משפחות באַהאַלטן ביי אים זייערע געלטער. צווישן אַנדערע, האָבן אויך אויפזעער פון יתומים באַהאַלטן ביי ר׳ קלמנ׳ען געלטער, כדי

מ׳זאָל אין יאָרן אַרום קענען חתונה מאַכן די יתומים פון דאָס געלט.

מאַכט זיך, אַז זיינע געשעפטן האָבן אָנגעהויבן גיין שלעכט ל״ע. די ווייץ־פעלדער זיינע האָבן נישט פראָדוצירט פיינע ווייץ ווי עס געהער, און אויך זיינע אַנדערע געשעפטן האָבן געליטן פאַרלוסטן. דער מצב האָט זיך פאַרערגערט פון טאָג צו טאָג, ביז ער האָט געזען אַז ער האַלט חלילה ביי באַנקראָטירן.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט אַן אַדוואָקאַט, און יענער האָט אים געזאָגט אַז ס׳איז פאַראַן איין עצה: היות ער האָט פאַרזיכערונג (אינשורענס) אויף זיינע ווייץ־פעלדער אויף דער סומע פון צען מיליאָן קראָנען, זאָל ״אויסברעכן״ אַ שריפה אין די פעלדער, וועט ער באַקומען די דאָזיקע סומע פון דער פאַרזיכערונגס־פירמע און וועט מיט דעם געלט צוריק קענען אויפבויען די געשעפטן.

מתחילה האָט ר׳ קלמן אינגאַנצן אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן קרומען פאָרשלאַג, אָבער נאָך אַ פּאָר וואָכן, זעענדיק ווי זיין מצב האַלט שמאָל, ווי ער קען מער נישט אויסהאַלטן זיינע קינדער וואָס זיצן על התורה ועל העבודה, און ווי פון אַלע פקדונות פון די יתומים איז גאָרנישט געבליבן, האָט ער אונטער דעם גרויסן דרוק איינגעשטימט צום דערמאַנטן פּלאַן, און אין אַ פּאָר טעג האָבן אַלע זיינע פעלדער אָפּגעברענט...

ליידער איז די זאַך אָבער נישט אַזוי געלונגען. די פאַרזיכערונגס־פירמע האָט געהאַט אַ חשד אַז די מעשה איז געווען אונטערגעשטעלט, און מ׳האָט גערופן ר׳ קלמנ׳ען אין געריכט. דער משפט האָט געדאַרפט פאָרקומען מיט אַ חודש שפּעטער, און עס האָט אים געדראָט יאָרן אין תפיסה ל״ע.

איז ר׳ קלמן אַריינגעפאָרן קיין שינאָווע, און האָט אויסגעגאָסן זיין האַרץ פאַר׳ן שינאָווער רב. וויסנדיק ווי דער שינאָווער רב איז

מקפיד אין דער מדה פון אמת און הלכה, האָט ער מורא געהאַט צו דערציילן אַז ער איז באַגאַנגען אַ שווינדל, נאָר ער האָט געזאָגט אַז מ׳האָט אויף אים איינגעגעבן אַ מסירה אַז ער האָט אַליין געמאַכט די שריפה אין זיינע פעלדער, און עס דראָט אים דערפאַר אַ פּאָר יאָר תפיסה.

זאָגט דער שינאָווער רב:

— יאָ, אמת. אויב מאַכט מען אַליין אַ שריפה, קומט טאַקע אַ האַרבע שטראָף. ראשית, איז עס גזל, און אויך פייניקט מען דורכדעם די נשמות וואָס געפינען זיך אין די ווייצלעך און קוקן אַרויס אויף אַ תיקון דורכדעם וואָס מען מאַכט אויף זיי אַ ברכה, און דורכ׳ן פאַרברענען זיי פאַלן די נשמות צוריק אַריין צו די קליפּות ל״ע. אָבער לויט ווי דו זאָגסט, אַז דו האָסט נישט קיין שום חלק אין דער שריפה, האָסטו נישט וואָס מורא צו האָבן. ״שקר אין לו רגלים״, און דער אמת וועט אַרויסקומען...

ר׳ קלמן איז דערשיטערט געוואָרן פון די שטראָף־רייד. ער האָט אָבער מורא געהאַט אַרויסצוזאָגן דעם אמת, ווייל אַצינד איז ער שוין געווען זיכער אַז דער רבי וועט אים נישט פאַרשוינען די עבירה. ער איז אַרויס פון צימער, און איז אַהיימגעפאָרן אַ צעבראָכענער.

אין ווין האָט דאַן געוואוינט הרה״צ דער ביקאָווסקער רב, וועלכער איז געווען אַ שינאָווער חסיד. ר׳ קלמן פלעג אים אונטערשטיצן מיט אַ סאַך געלט אין פאַרלויף פון די יאָרן. האָט ר׳ קלמן באַשלאָסן אַריבערצוגיין אַצינד צום ביקאָווסקער רב, און אים דערציילן זיינע צרות, און ווי אַזוי דער שינאָווער רב האָט נאָך צוגעלייגט שטעך־ווערטער צו זיין מצב.

דער ביקאָווסקער רב האָט געוואוסט אַז ר׳ קלמן איז באמת אַן אָרנטליכער און ערליכער איד, און בלויז די צרות און דער וויטאָג פון די יתומים האָבן אים געצוואונגען אָנצונעמען דעם קרומען

שריט. איז ער אַריינגעפאָרן צום שינאָווער רב מעורר רחמים צו זיין אויף ר׳ קלמנ׳ען, אַז דער רבי זאָל אויספועל׳ן אַ ישועה כאָטש ער האָט געזינדיקט.

דער ביקאָווסקער רב האָט קודם געשילדערט דאָס גוטסקייט פון ר׳ קלמן, און זיינע מעשים טובים אין משך פון אַלע יאָרן. אויך האָט ער איבערגעגעבן וועגן זיינע קינדער וועמען ער האַלט אויס, און וועגן די פקדונות פון די יתומים. צום סוף זאָגט דער ביקאָווסקער רב:

— זיין איינציקע האָפענונג איז געווען דעם רבינ׳ס אַ ברכה, דערווייל האָט ער דאָ גאָר באַקומען אַ פסק אנשטאָט אַ ברכה...

זאָגט דער שינאָווער רב:

— איך האָב אים נישט געגעבן קיין פסק. איך האָב בלויז געזאָגט אַז אויף מאַכן שריפות קומט שטראָף, אָבער לויט ווי ער זאָגט אַז דאָס איז אַ פאַלשע מסירה, וואָס האָט ער מורא צו האָבן?

פרעגט דער ביקאָווסקער רב:

— און אויב וואָלט ער פון גרויס צער אַליין געטוהן די עוולה, איז ער אינגאַנצן פאַרפאַלן?

ענטפערט דער שינאָווער רב:

— אויב וואָלט ער עס געווען אַליין געטוהן, וואָלט אים געווען זעהר שלעכט. אַזאַ איינעם קען איך נישט העלפן...

טענה׳ט דער ביקאָווסקער רב:

— דער בעל שם הקדוש האָט אַנדערש געטוהן...

און ער דערציילט אַ מעשה, ווי אַ איד וואָס האָט געאַרבעט ביי אַ פריץ האָט זיך אַמאָל גענויטיקט אין געלט. האָט ער פאַרקויפט דעם פריצ׳נס אַן אַלטן בראָנפן־קעסל וואָס איז געשטאַנען אין

הויף יאָרן־לאַנג. ווען דער פּריץ האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער געזאָגט דעם אידן אַז אויב ברענגט ער נישט צוריק דאָס קעסל ביז אַ וואָך, הרג׳עט ער אים מיט׳ן ווייב. לויפט דער איד צום בעל שם טוב מיט אַ געוויין, אַז אימיצער האָט געגנב׳עט אַ קעסל פון פּריץ, און ער דראָט צו הרג׳ענען אים מיט׳ן ווייב אויב ער ברענגט נישט צוריק דאָס קעסל. שרייט דער בעל שם טוב: דו האָסט דאָך אַליין געגנב׳עט דאָס קעסל! ענטפערט דער איד: צי דען בין איך מיט מיין ווייב מחוייב מיתה דערפאַר? פאַרטראַכט זיך דער בעל שם טוב און זאָגט: אויב דו זאָגסט מיר צו, אַז דו וועסט אַזאַ זאַך נאָכאַמאָל נישט טוהן, וועל איך דאָס מאָל מתפלל זיין פאַר דיר. אָבער געדענק, אין לעבן זאָלסטו אַזאַ זאַך נישט טוהן! דער איד האָט צוגעזאָגט, און דער בעל שם טוב האָט געפּועל׳ט אַז דער פּריץ האָט אינגאַנצן פאַרגעסן פון דעם קעסל.

פירט אויס דער ביקאָווסקער רב:

— זעט מען דאָך אַז דער בעל שם טוב האָט יאָ געשאָנקן יענעם איד זיין דורכפאַל, און היתכן דער רבי וויל נישט שענקן אַזאַ טייערן איד ווי ר׳ קלמן זיין געצוואונגענע עוולה וואָס ער איז באַגאַנגען ביים פאַרברענען די פעלדער...

דער שינאָווער רב איז געבליבן זיצן זעהר דערשראָקן. נאָכ׳ן אַריינטראַכטן אַ ווילע האָט ער ערקלערט:

— גוט. כ׳וועל גיין אויפ׳ן דרך פון בעל שם טוב. אויב וועט ר׳ קלמן מקבל זיין אויף זיך נישט צו טוהן מער אַזאַ זאַך אַפילו אונטער שווערע אומשטענדן, וועט אים דער אויבערשטער דאָס מאָל העלפן מיט אַ ישועה...

דער ביקאָווסקער רב איז אַהיימגעפאָרן און האָט איבערגעגעבן ר׳ קלמנ׳ען דעם רבינ׳ס רייד. ר׳ קלמן האָט תיכף מקבל געווען אויף זיך נישט צו טוהן אַזעלכעס בכל אופן שבעולם.

דער משפט איז פאָרגעקומען מיט אַ וואָך שפּעטער, און צום באַוואונדערונג האָט דער ריכטער אָפּגעוואָרפן די באַווייזונגען פון דער פירמע, און האָט זיי געהייסן באַצאָלן די גאַנצע צען מיליאָן קראָנען.

ר׳ קלמן האָט אינוועסטירט דאָס געלט אין די געשעפטן, און האָט צוביסלעך גענומען מצליח זיין. במשך פון אַ פּאָר חדשים איז ער צוריק געווען אַ גאָר גרויסער עושר, און האָט עוסק געווען בצדקה וחסד אויפ׳ן גרעסטן פאַרנעם כל ימי חייו (פון ידידי האברך החסיד הירא ושלם ר׳ נטע לאַנדוי שי׳).

* * *

אַ איד אין שינאָווע מיט׳ן נאָמען שמחה האָט געעפנט אַ געוועלב פון פאַרשידענע מאַטעריאַלן, און דערביי האָט ער קאַליע געמאַכט די איינקונפט פון אַ שכנות׳דיק געשעפט פון אַ איד וועלכער האָט פאַר פילע יאָרן פאַרקויפט די דאָזיקע סחורות. דער שכן איז געגאַנגען צום בית דין מיט אַ געוויין, אַז זיין פרנסה גייט צו גרונד. דאָס בית דין האָט געשיקט רופן שמחה׳ן, און נאָך דעם ווי זיי האָבן אויסגעהערט זיין צד, האָבן זיי געפּסקנ׳ט אַז ער איז משיג גבול דעם ערשטן און ער מוז פאַרמאַכן זיין געוועלב. שמחה האָט נישט געפאָלגט דעם פסק דין, נאָר האָט ווייטער געפירט דאָס געשעפט. דאָס בית דין האָט אים געוואָרנט, אַז אויב ער וועט נישט זאָפאָרט שליסן דאָס געשעפט וועט ער האָבן אַ דין פון ״לא ציית דינא״. זייערע רייד זיינען אָבער געפאַלן אויף טויבע אויערן, שמחה האָט זיך אויסגעלאַכט און האָט ווייטער געטוהן דאָס זייניקע.

ס׳איז געווען פרייטיק צווישן יום כיפור און סוכות, איז איינער פון די דיינים אַריבערגעגאַנגען צום שינאָווער רב און האָט אים דערציילט אַז שמחה וויל נישט מקיים זיין דעם דין תורה. דער שינאָווער רב האָט תיכף געשיקט רופן שמחה׳ן, און אים שטרענג געוואָרנט אַז אויב ער וועט נישט מקיים פסק זיין וועט ער האָבן אַ מיאוס׳ן סוף.

— אויב דו וועסט נישט פאָלגן מיט גוטן, וועט דער כוח התורה אויספירן איר פסק־דין אויף אַן אַנדער אופן — האָט דער שינאָווער רב געזאָגט.

שמחה האָט אַרויסמאַרשירט פון שטוב מיט אַ חוצפה׳דיק געשריי:

— איך פרעג נישט נאָך קיינעם!

מוצאי שבת האָט דער שינאָווער רב דערציילט ברבים די פאָלגענדע מעשה:

אין פרעשבורג האָט געוואוינט אַ מומר אַ רשע מיט׳ן נאָמען שמחה. ער האָט זייער פיינט געהאַט פרומע אידן, און שטענדיק האָט ער זיי מצער געווען מיט רייד און פאַרשידענע שטיקלעך. די אידן האָבן אים איגנאָרירט און זיך נישט אומגעקוקט אויף אים.

איינמאָל איז ער אויפגעקומען מיט אַ פינצטערער המצאה, צו וועלכער ער האָט געוואוסט אַז די פרומע אידן וועלן נישט קענען רעאַגירן מיט גלייכגילטיקייט. ער האָט געסטראַשעט צו גיין מסר׳ן אויף די בחורים אין דער ישיבה, אַז זיי דרייען זיך אַרויס פון מיליטער־דינסט מיט פאַלשע שווינדלערייען.

— איר וועט בקרוב זיין אָנגעטוהן אין מיליטער־מונדירן, — האָט ער מיט רשעות אויסגערופן צו זיי.

די ראשי הקהל, ווערנדיק שטאַרק באַזאָרגט אויף דער ערנסטער סכנה פאַר׳ן קיום פון דער ישיבה און פון דער תורה, זיינען שנעל געלאָפן צו זייער גרויסן רבי׳ן, דעם הייליקן חתם סופר זי״ע, און נישט קוקנדיק אַז ער האַלט אינמיטן פאָרלערנען אַ שיעור פאַר תלמידים, האָבן זיי געמאַכט אַ געוואַלד, אַז אַ געפאַר שוועבט אין די לופטן און מ׳דאַרף שנעל טראַכטן אַן עצה דערצו. דער חתם סופר האָט אויסגעהאָרכט זייערע רייד, אָבער צו זייער וואונדער האָט ער דערנאָך ווייטער פאָרגעלערנט מיט אַ לעבעדיק

פייער, אַזוי ווי ס׳וואָלט גאָרנישט פּאַסירט. די געטרייע עסקנים זיינען געבליבן שטיין אין דער שטוב און האָבן ווידער געבעטן מיט טרערן אַז דער רבי זאָל זען באַלד עפּעס צו טוהן און נישט אָפּלייגן. האָט דער חתם סופר אָנגעוויזן אויף דער גמרא, זאָגנדיק:

— נו, מיר טאָהן דאָך!...

און ער האָט ווייטער פלייסיק געלערנט. זיינען די ראשי הקהל אַרויסגעגאַנגען, און האָבן געוואַרט ביז דער חתם סופר וועט ענדיקן דעם שיעור.

נאָכ׳ן שיעור זיינען זיי צוגעגאַנגען צום חתם סופר און האָבן אים געפרעגט וואָס צו טוהן. האָט ער זיי געזאָגט:

— לאָמיר פּראָבירן מיט גוטן, אפשר דורך דעם וואָס מיר וועלן זיך בעטן ביי אים מיט הכנעה און תחנונים, וועט ער נאָכגעבן אונזער פאַרלאַנג.

איז דער חתם סופר געגאַנגען מיט די ראשי הקהל צום מסור און ער האָט זיך געבעטן ביי אים ער זאָל נישט אויספירן זיין בייזן פּלאַן. אָבער די ווייכע רייד האָבן נישט געפּועל׳ט. דער רשע האָט געזאָגט:

— איר האָט מיט מיר נישט וואָס איינצוטענה׳ן. מאָרגן אין דער פרי וועט איר קענען פאָרלייגן אַלע אייערע רייד אין געריכט.

אויף דעם האָט דער חתם סופר געזאָגט:

— אַזוי? אין דער פרי? נו, נו. בוקר ויודע ה׳ את אשר לו...

און ביי דעם האָבן זיי פאַרלאָזט דאָס הויז.

באַלד דערנאָך האָט דעם מומר אָנגעכאַפּט אַ שטיקעניש. ער האָט זיך צעהוסט און האָט נישט געקענט כאַפּן דעם אָטעם. זיין ווייב האָט איינגעזען אַז דעם חתם סופר׳ס הקפדה האָט אים

געשאַדט, האָט זי זיך אויפגעהויבן און איז אים נאָכגעלאָפן מיט אַ געוויין:

— האָט רחמנות און זייט מתפלל אויף מיין מאַן וועלכער שטיקט זיך מיט יסורים.

— יאָ — האָט דער חתם סופר געענטפערט. — איך וועל פאַר אים מתפלל זיין אַ פּאַסיקע תפילה: "ולמלשינים אל תהי תקוה וכל המינים כרגע יאבדו"...

די פרוי האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים און האָט געפונען איר מאַן אַ טויטן. דער חתם סופר איז געגאַנגען צו דער לוויה פון'ם מומר, האַלטנדיק אַז עס וועט זיין אַ קידוש שם שמים ברבים, צו פאַרציילן דאָרט די מעשה. ער האָט מסיים געווען זיינע רייד מיט דעם נוסח התפלה:

— "שמחה לארצך", שמחה, דו גייסט באַגראָבן ווערן אין דער ערד, "וששון לעירך", און דורך דעם איז דיין שטאָט פרעשבורג פריילעך...

אַזוי האָט דער שינאָווער רב דערציילט מוצאי שבת.

צומאָרגנס אין דער פרי האָט מען געפונען שמחה'ן, דעם מסרב לדין, אַ געשטאָרבענעם אין זיין געלעגער. האָט מען איינגעזען, אַז דער שינאָווער רב האָט דאָס אויסגעפועל'ט דורכ'ן דערציילן די מעשה פון'ם חתם סופר זי"ע.

פון דאַנען קען מען זען, אַז דורכ'ן דערציילן מעשיות פון צדיקים דינט מען דעם באַשעפער ב"ה, און אַלס רעזולטאַט שיקט דער בורא ב"ה אַ ישועה והצלה. דאָס גרויסקייט פון סיפורי צדיקים איז צו דרינגען אויך פון דעם פאָלגנדן אינצידענט:

דער שינאָווער רב האָט אַמאָל דערציילט מעשיות פון צדיקים. אינמיטן שמועס האָט ער באַמערקט ווי איינער פון די צוהערער

האָט אַריינגעלייגט אַ פינגער אין זיין אויער. האָט דער שינאָווער רב מפסיק געווען דעם שמועס און געזאָגט צו דעם איד:

— ס'איז ידוע, אַז דערציילן סיפּורי צדיקים איז גלייך ווי עוסק זיין אין תורה. אין שולחן ערוך (עי' סי' צ"ב סעיף ז') ווערט געפּסק'נט, אַז אויב איינער רירט־אָן די זיעה פון אויער דאַרף ער זיך וואַשן די הענט. גיי־זשע וואַשן די הענט, און האָב נישט מורא אַז דו וועסט עפּעס פאַרפאַסן, ווייל מיר וועלן וואַרטן אויף דיר.

* * *

אין דער שטאָט זמיגרוד האָט אַן אלמנה גערופן אַ איד צו אַ דין תורה פאַר'ן זמיגרודער רב. זי האָט געטענה'ט, אַז זי פלעגט אַלע יאָרן דינגען אַ שענק פון אַ גוי, און אַצינד האָט דער איד איר אויסגעכאַפּט און ער האָט געדונגען די שענק, און ער נעמט דערמיט צו איר פּרנסה. האָט דער זמיגרודער רב געפּסקנ'ט אַז דער איד זאָל איר אומקערן די שענק. יענער האָט אָבער נישט געפאָלגט דעם פּסק פון רב. האָט דער רב געהייסן די אלמנה פאָרן קיין שינאָווע, צו באַקלאָגן זיך פאַר'ן שינאָווער רב אויף דעם איד וואָס כאַפּט ביי איר אויס די פּרנסה.

די פרוי איז אַריינגעפאָרן, און דער שינאָווער רב האָט געשריבן אַ בריוו צו יענעם איד אַז ער מוז מקיים זיין דעם פּסק. ווען עס איז אַדורכגעגאַנגען אַ וואָך און יענער האָט ווייטער אָנגעהאַלטן די שענק, האָט דער שינאָווער רב אַרויסגעשיקט צו אים נאָך אַ בריוו. דער איד האָט זיך אָבער ווייטער געמאַכט נישט־וויסנדיק. האָט דער שינאָווער רב אים געשיקט אַ שאַרפן בריוו אין וועלכן ער האָט געשריבן, אַז אויב ער וועט אָנהאַלטן די שענק נאָך אַכט טעג, וועט ער ביטער באַשטראָפט ווערן.

נאָך די אַכט טעג האָט דער איד פלוצלונג פאַרלוירן די שפּראַך. זיין משפחה איז אַריינגעפאָרן קיין שינאָווע און האָבן איבערגעגעבן דעם שינאָווער רב אַז ער האָט חרטה און וועט

צוריקקערן די שענק, אָבער דער שינאָווער רב האָט זיי געזאָגט אַז די זאַך איז פאַרפאַלן, ס׳איז שוין אַרויס אַ גזר דין אויף אים צו בלייבן פאַראַליזירט אַ גאַנץ לעבן כדי מענטשן זאָלן זען וואָס דער סוף איז פון אַ מענטש וואָס פאָלגט נישט קיין דין תורה.

דער שינאָווער רב אַליין פלעגט דערציילן די מעשה, צוגעבנדיק אַז ער וויל דערמיט ווייזן דעם שטאַרקן כוח פון אַ פסק של תורה...

* * *

ווידעראַמאָל האָט פּאַסירט:

אַ איד האָט זיך באַקלאָגט פאַר׳ן ראַדאַמישלער רב, הגאון מהר״ש ענגעל ז״ל, אַז איינער וויל אים צונעמען די פרנסה דורך אָפּדינגען אַן אַרענדע וואָס ער דינגט שוין אַ פּאָר יאָר. דער מהר״ש ענגעל האָט דעם צווייטן געוואָרנט ער זאָל נישט צונעמען דעם איד זיין פרנסה, אָבער ער האָט נישט געהאָרכט. האָט דער מהר״ש ענגעל געשיקט דעם איד קיין שינאָווע, און דער שינאָווער רב האָט געשיקט וואָרענען דעם צווייטן אַז טאָמער ער וועט נישט אויפגעבן די אַרענדע וועט ער שטאַרק חרטה האָבן. ער האָט אָבער ווייטער נישט געפאָלגט.

אַ קורצע צייט שפּעטער איז דער שינאָווער רב נסתלק געוואָרן. איז דער איד ווידער געגאַנגען צום מהר״ש ענגעל און האָט געוויינט, ״דער רבי איז שוין נישטאָ, און דער אַרענדער האַלט ווייטער אָפּ דאָס געשעפט בהצלחה״. דער מהר״ש ענגעל האָט אים באַרואיקט, זאָגנדיק אַז ער מעג זיין זיכער אַז דעם שינאָווער רב׳ס רייד וועלן מקויים ווערן.

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז דער אַרענדער אַרויס אין זיין פעלד און האָט געזען ווי אַ שייגעץ רייסט אָפּ עפּלעך פון זיין בוים. איז ער צוגעגאַנגען און האָט אים דערלאַנגט אַ שטאַרקן קלאַפּ אין קאָפּ, און דער גוי איז תיכף געשטאָרבן.



דער משיג-גבול שלאָגט דעם שייגעץ וועלכער רייסט אָפּ עפּל פון זיין בוים.

מ׳האָט דעם אַרענדער פאַר׳משפט און איינגעזעצט אין תפיסה, און דער איד איז זיך ווייטער צוריקגעגאַנגען צו דער אַרענדע...

* * *

נאָך אַן עובדא ווי דער שינאָווער רב האָט באַשטראָפט אַ רשע:

אַ איד מיט׳ן נאָמען ר׳ ישראל מאיר פון באַרנוב, האָט געמוזט שטיין פאַר אַ שווערן געריכט נאָכדעם ווי אַ מסור האָט אויסגעטראַכט אַז ער איז באַגאַנגען אַ געוויסע עוולה אַקעגן דער רעגירונג.

ווען זיינע קינדער האָבן אים מזכיר געווען פאַר׳ן שינאָווער רב, האָט ער געהייסן אַז זייער פאָטער זאָל קומען קיין שינאָווע אויף שבועות.

דעם צווייטן טאָג שבועות ביי דער סעודה, האָט דער שינאָווער רב אים געגעבן שיריים, אַ שטיקל קאָפּ פון אַ פיש, זאָגנדיק דערביי:

— נעם קאָפּ, ווייל דו דאַרפסט דאָך אַ קאָפּ...

צומאָרגנס איז ר׳ ישראל מאיר געוואָהר געוואָרן, אַז נעכטן, בשעת דער שינאָווער רב האָט געפירט טיש, האָט דער מסור געריטן אויף זיין פערד. פלוצלונג האָט דאָס פערד אים אַראָפּגעוואָרפן פון זיך און אים מיט דער פוס געגעבן אַ ״קאָפּ״, פון וועלכן ער איז געשטאָרבן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער פּראָצעס איז אינגאַנצן בטל געוואָרן...

* * *

אַ דאָרפס־איד האָט זיך אַמאָל באַקלאָגט פאַר׳ן שינאָווער רב אַז דער פּריץ פון דאָרף איז געקומען צו אים אין שטוב איינצומאָנען געלט, און היות ער האָט נישט געהאַט דאָס געלט, האָט דער פּריץ גענומען שלאָגן אים און זיין פרוי מיט אַ ריט.

דאָס פערד גיט דעם מסור אַ קאָפּע אין יו״ט שבועות.

הערנדיק דאָס, האָט זיך דער שינאָווער רב זעהר אויפגערעגט, און האָט פאַרשאָלטן דעם פריץ אַז עס זאָל אים איינגעמען אַ מיתה משונה ל״ע.

עס זיינען אַדורכגעלאָפן אַ פּאָר וואָכן, און דער פריץ איז טאַקע געהרג׳עט געוואָרן.

מוצאי שבת דערנאָך זיינען חסידים געזעסן אין שינאָווער בית מדרש ביי סעודת מלוה מלכה, און איינער האָט דערציילט די מעשה מיט׳ן פריץ. פלוצלינג קומט אַריין דער שינאָווער רב און פרעגט וואָס מ׳שמועסט. האָט איינער געזאָגט, אַז מ׳רעדט פון רבינ׳ס מופת מיט׳ן פריץ.

זאָגט דער שינאָווער רב:

— דאָס איז נישט קיין שום מופת, און מ׳האָט דאָ גאָרנישט געדאַרפט אויסצופועל׳ן, ווייל אַ רשע וואָס שלאָגט אַ איד און אַ אידענע, צי קומט אים דען נישט קיין מיתה פון הימל?...

* * *

און פונקט ווי דער שינאָווער רב האָט מקפיד געווען אויף מענטשן וואָס באַ׳עוולה׳ן אַנדערע אידן און טוהן עבירות ״בין אדם לחברו״, אַזוי האָט ער אויך געפייערט אַנטקעגן די וואָס מאַכן אַ פירצה אין ענינים ״בין אדם למקום״:

ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז אַ געוויסע פירמע אין אַמעריקע באַקט מצות אויף פסח אויף אַ מאַשין און אַלע אַמעריקאַנער אידן עסן פון די מצות, האָט ער געשריבן צו איינעם פון זיינע באַקאַנטע, אַז ער זאָל איבערגעבן און וואָרענען דעם אייגנטימער פון דער בעקעריי, נישט צו דערוואַגן פאָרצוזעצן מיט׳ן באַקן מאַשין־מצות און דורך דעם מכשיל זיין אידן מיט חמץ וואָס איז אַן איסור כרת ר״ל. (ווי באַוואוסט, פסקנ׳ט דער צאַנזער רב זצ״ל אין שאלות ותשובות דברי חיים ח״א או״ח סי׳ כ״ג, אַז מאַשין־מצות זיינען ממש חמץ).

ליידער האָט דער אייגנטימער נישט געקענט שטאַרקן זיך אויפ׳ן יצר הרע, ווייל ער האָט שוין אויסגעגעבן שווערע געלטער צו קויפן די מאַשינען, און עס האָט אים געדראָהט אַ שאָדן פון טויזנטער דאָלאַרן. האָט ער ווייטער פאָרגעזעצט מיט׳ן באַקן און פאַרקויפן די מצות.

די ערשטע נאַכט פסח, אַזוי ווי נאָר יענער אייגנטימער האָט אַראָפּגעשלונגען דעם ערשטן כזית מצה, האָט ער פּלוצלונג אויסגעהויכט זיין נשמה...

## זיין רוח הקודש

דער שינאָווער רב איז געווען אויסגעהייליקט, אַז עס האָט אויף אים גערוהט אַ גייסט פון רוח הקודש. מיט זיינע ליכטיקע אויגן האָט ער געזען באַהאַלטענע זאַכן און פאָראויסדיקע געשעענישן.

ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן, האָט אַמאָל אַ סוחר געברענגט פאַר׳ן צאַנזער רב אַ מעלאָן, וואָס האָט פון דרויסן אויסגעזען זייער געשמאַק און זאַפטיק. פרעגט דער שינאָווער רב דעם סוחר:

— אַזאַ פאַרטרוקנטע און פאַרפוילטע פרי ברענגסטו פאַר׳ן טאַטן?

ענטפערט דער סוחר:

— איך ווייס נישט וואָס דו ווילסט, די פרי איז פון דאָס שענסטע און דאָס בעסטע.

ווען מען האָט אויפגעשניטן דעם מעלאָן, האָט מען געזען אַז די פרי איז אינווייניק אינגאַנצן פאַרטרוקנט. האָט דער גאָרליצער רב נאָכגעזאָגט פאַר׳ן צאַנזער רב וואָס זיין ברודער, דער

שינאָווער רב, האָט פריער געזאָגט דעם סוחר. זאָגט דער צאַנזער רב:

— נו, האָט ער דאָך אַ גוטן קוק, זיינע אויגן דרינגען צום שורש פון יעדער זאַך....

* * *

דער שינאָווער רב איז אַמאָל געקומען קיין צאַנז צום פאָטער אויף שבת. האָט אַ איד פון נעבנדיקן דאָרף פּיעקלע אים איינגעלאַדנט צו זיין מסדר קידושין ביי זיין טאָכטער׳ס חופה וואָס קומט־פאָר אין אַ פערטל שעה.

אויפ׳ן שינאָווער רב׳ס פראַגע ווער דער חתן איז, האָט דער איד געענטפערט אַז ער איז אַ וואוילער בחור פון דער קראָקעווער געגנט, ער קען לערנען און האָט אויך געלט.

טראַכט דער שינאָווער רב אַ ווייִלע, און גיט דערנאָך אַ זאָג:

— איך בין נישט מסכים צום שידוך.

רופט זיך אָן דער איד:

— רבי, איך גיי נישט איצט טוהן דעם שידוך, עס איז שוין פון לאַנג געשלאָסן. אַצינד בעט איך דעם רבי׳ן צו קומען אויף דער חתונה.

אָבער דער שינאָווער רב זאָגט ווידער:

— ניין, איך בין נישט מסכים צום שידוך...

פרעגט דער איד מיט שטוינונג:

— וואָס זאָל איך איצט טוהן? דער חתן און די כלה און אַלע אורחים זיינען זיך שוין צוזאַמענגעקומען, און מ׳וואַרט בלויז אויף דעם מסדר קידושין.

זאָגט דער שינאָווער רב מיט אַ זיכערקייט:

— פּאָלג מיך, צורייס די תנאים און מאַך נישט די חתונה, און איך זאָג דיר צו אַז בקרוב וועט דיר אונטערקומען אַ גוטער שידוך, פון וועלכן דו וועסט האָבן אַ סאַך נחת.

נאָך דעם ווי דער איד איז אַרויס פון צימער, האָט דער שינאָווער רב זיך געדרייט אַרויף און אַראָפּ און האָט געזיפצט זאָגנדיק צו זיך:

— אוי, וואָס האָב איך געטוהן? כ׳האָב מבייש געווען אַ אידישע טאָכטער. אוי וויי...

דערנאָך זאָגט ער ווייטער:

— כ׳האָב אָבער נישט געהאַט קיין ברירה. כ׳האָב דאָך נישט געטאָרט לאָזן איר אַריינפאַלן צו דעם שלעכטן פאַרשוין...

דער איד איז דערוייל מיט אַ צובראָכן האַרץ צוריקגעפאָרן קיין פּיעקלע, ער האָט אַהיימגעשיקט אַלע געסט, און האָט מבטל געווען דעם שידוך. מענטשן האָבן זיך געוואונדערט אויף דעם מאָדנעם שריט, אָבער ער האָט געזאָגט אַז דער שינאָווער רב האָט אַזוי באַפוילן און עס איז אויף זיין אחריות.

צומאָרגנס קומט אָן קיין צאַנז אַ טעלעגראַם פון אַ רב פון קראָקע, און ער לאָזט וויסן אַז עס דרייט זיך אַרום אין דער צאַנזער געגנט אַ יונגערמאַן אַ גנב, וועלכער האָט יעדע פּאָר חדשים חתונה מיט אַן אַנדערער אידישער טאָכטער, ער נעמט ביי איר צו דעם נדן, און דערנאָך אַנטלויפט ער, איבערלאָזנדיק די פרוי אַן עגונה. דערפאַר זאָל מען זיך זייער היטן פון אים.

נאָכ׳ן אויספאָרשן די זאַך, איז מען דערגאַנגען אַז דער נעכטיקער חתן, דאָס איז יענער גנב, און דער שינאָווער רב מיט זיין רוח הקודש האָט דאָס דערשפּירט.

די כלה האָט באַלד דערנאָך געטוהן אַ פיינעם שידוך, און האָט געבוירן ערליכע קינדער.

* * *

הרה"צ רבי אלעזר אָשפּיצינער זצ"ל הי"ד האָט דערציילט:

אַמאָל אין אַ דאָנערשטיק ביינאַכט אין יאָר תרמ"ט, איז דער שינאָווער רב פּלוצלינג אַריינגעקומען אין בית המדרש, און האָט מיט זאָרג געזאָגט צו די יושבים:

— אידן, זאָגטס תהלים, ווייל עס איז איצט אין עסטרייך געבוירן געוואָרן אַ גרויסער רשע, וואָס אויב ער וועט אויפוואַקסן, וועט ער זיין נאָך אַ גרעסערער רשע ווי המן. מ'דאַרף בעטן דעם אויבערשטן אַז יענער זאָל האָבן אַ מפלה איידער ער וואַקסט אויף...

מיט פופציק יאָר שפּעטער איז מען דערגאַנגען, אַז יענע נאַכט איז געבוירן געוואָרן דער פאַרשאָלטענער כלב און בלוט־דורשטיקער מערדער היטלער ימח שמו...

זייענדיק אין געטאָ, האָט רבי אלעזר אָשפּיצינער איבערגעזאָגט די דערמאַנטע מימרא פון שינאָווער רב, צוגעבנדיק:

— אַצינד זעען מיר דעם געוואַלדיקן כוח פון די ליכטיקע אויגן פון שינאָווער רב... (געהערט פון דודי הרבני החסיד המפואר ר' משה בלום שיחי').

* * *

אַן עגונה האָט אַמאָל שטאַרק געוויינט פאַר'ן שינאָווער רב, אַז דער מאַן האָט איר פאַרלאָזט מיט צען יאָר צוריק, און זי מוז זיך אַליין מטפּל זיין מיט דער שטוב, און אירע כוחות קענען מער נישט דערטראָגן דעם עול פון פּרנסה און דערציאונג פון די קינדער. זאָגט איר דער שינאָווער רב:

— פאָרט צו דער גרויסער שטאָט געוואָהר צו ווערן וועגן אייער מאַן, און דער אויבערשטער זאָל אייך געבן הצלחה...

מיט אַ צעבראָכן האַרץ האָט די פרוי פאַרלאָזט די שטוב פון שינאָווער רב און זי האָט פאַרגאָסן הייסע טרערן, ווייל זי האָט געמיינט אַז דער שינאָווער רב האָט איר אָפגעשטויסן מיט אַ פּאָר הוילע ווערטער. איז צו איר צוגעגאַנגען איינער פון די מקורבים פון שינאָווער רב, און האָט געפרעגט פאַרוואָס זי וויינט. ענטפערט זי אַז דער שינאָווער רב שיקט איר צו "אַ גרויסער שטאָט", און ער זאָגט נישט וועלכע שטאָט, און זי ווייסט ווייטער נישט וואָס צו טוהן. זאָגט דער חסיד:

— ביי אונז ווייסט מען, אַז ווען דער רבי רעדט פון אַ גרויסער שטאָט, מיינט ער די שטאָט לאָנדאָן. פאָרט אַהין, און איר וועט זיכער דאָרט געהאָלפן ווערן.

קלאָגט די פרוי ווייטער אַז זי האָט נישט קיין געלט אויף אַזאַ רייזע. ענטפערט דער חסיד:

— וועגן דעם זאָלט איר אייך נישט זאָרגן. איך האָב אַ פריינד אין ווין, אַ טייערער איד, וועל איך אָנשרייבן צו אים אַ בריוו און איר זאָלט עס אים איבערגעבן, וועט ער אייך האָפנטלעך געבן געלט אויף דער רייזע. אָבער איין זאַך בעט איך אייך, נאָכ'ן אַהיימקומען שרייבט מיר ווי אַזוי די זאַך איז אַדורך און וואָס איר האָט דערגרייכט אין לאָנדאָן.

עס זיינען אַדורך אַ פּאָר וואָכן, און דער חסיד דערהאַלט פון איר אַ בריוו אין וועלכן עס ווערט דערציילט אַזוי:

ווען זי איז אָנגעקומען קיין לאָנדאָן, האָט זי זיך נאָכגעפרעגט וואו עס געפינט זיך אַ אידיש גאַסט־הויז, און האָט זיך געלאָזט אַהינגיין. אויפ'ן וועג האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן רעגענען זעהר שטאַרק. נישט קענענדיק גיין אין רעגן, האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט אין אַן אַריינגאַנג פון אַ הויז צו וואַרטן אַז עס


יחזקאל שרגא הלברשטאם
חופ"ק שינאווא

אַ בריוו בכתב־יד־קדשו פון שינאָווער רב וועגן מתיר זיין אַן עגונה (געדרוקט אין ספר "ילקוט אגרות קודש", סימן קמ"ה).

זאָל אויפהערן רעגענען. עס גייט פאַרביי אַ האַלבע שעה, און דער רעגן גיסט נאָך אַלץ שטאַרק. האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ געוויין אויף איר ביטער׳ן גורל.

אין יענער הויז האָבן גראַדע געוואוינט אידן, און הערנדיק אַ געוויין, זיינען אַרויס דער מאַן און זיין ווייב און האָבן געפרעגט די פרוי וואָס עס האָט פּאַסירט. דערציילט זי, אַז זי זוכט איר מאַן און דער שינאָווער רב האָט איר אַהערגעשיקט. די אידן האָבן איר פאַרבעטן אַריינצוקומען אין הויז צו עסן און שלאָפן, און זיי האָבן איר געזאָגט אַז מאָרגן וועלן זיי טראַכטן אַן עצה ווי אַזוי צוצוהעלפן איר געפינען דעם מאַן, ווייל זיי האָבן געגלויבט אין שינאָווער רב וועלכער איז געווען באַוואוסט אין דער גאַנצער מדינה.

צומאָרגנס זאָגט דער איד צו דער עגונה:

— איך האַלט אַז איר זאָלט גיין צו פלעצער וואו עס זיינען פאַרזאַמלט אַ סאַך אידן, און איר זאָלט זיך איינקוקן אין יעדן איינציקן, אפשר וועט איר דערקענען אייער מאַן. מיין פרוי איז מסכים מיטצוגיין מיט אייך איבעראַל. אַזוי זאָלט איר טוהן אַ פּאָר טעג, און אויב דאָס וועט נישט העלפן, וועלן מיר טראַכטן אַנדערע וועגן ווי אַזוי צו געפינען אייער מאַן. היינט זאָלט איר אַרויסגיין מיט מיר צו מיין פאַבריק וואו עס אַרבעטן זעכציק אידישע אַרבעטער, און גוט אָנקוקן יעדן פון זיי.

זיינען זיי געגאַנגען, און אַזוי קוקנדיק, זאָגט זי צו דער אַנדערער פרוי:

— אין אמת׳ן איז מיר שווער צו דערקענען מיין מאַן אויפ׳ן קוק, עס זיינען דאָך שוין אַריבער צען יאָר זינט איך האָב אים געזען. אפשר איז זיין צורה געענדערט געוואָרן, זיין באָרד איז געוואַקסן, און דאָס גלייכן. איך האָב אַ ספק אויף איין מענטש פון דער דאָזיקער פאַבריק, אָבער עס קען זיין אַז עס דאַכט זיך מיר בלויז אַזוי.

זאָגט איר די פרוי:

— קוק און טראַכט גוט אַריין, און דערמאַן זיך פון דיין מאַן, און זע צי עס איז דאָ אַ פאַרגלייך.

האָט זי ווידער געקוקט, און זיינע תנועות און באַוועגונגען האָבן איר דערמאַנט פון איר מאַן. פרעגט איר די פרוי צי זי געדענקט עפּעס אַן אויסנאַמען סימן אויף איר מאַן. ענטפערט זי אַז אויף די פינגער פון איין פוס האָט ער אַ געוויסן צייכן.

איז דער מאַן, דער בעל אכסניא, צוגעגאַנגען צו יענעם מענטש, און האָט אים געזאָגט: „טו אויס דיינע שיך אויף אַ רגע, איך וויל עפּעס זען".

דעם מענטש איז נישט איינגעפאַלן די סיבה פון דעם פאַרלאַנג, און ער האָט אויסגעטוהן די שיך. דער צווייטער איד איז געבליבן שטיין מיט שטוינונג, זעענדיק קלאָר דעם סימן וואָס די פרוי האט אָנגעגעבן.

ער האָט באַלד גערופן די דיינים פון בית דין, און מ'האָט דעם מענטש געצוואונגען, ביז ער האָט מודה געווען און אָפּגעג'גט זיין פרוי כדת וכדין.

גאַנץ לאָנדאָן האָט דאַן געשטורעמט מיט וואונדער ווי דער שינאָווער רב קוקט מיט זיינע ליכטיקע אויגן ביז לאָנדאָן, און ווי ער האָט צוגעשיקט אַז פונקט דאַן זאָל פאַלן אַ רעגן כדי זי זאָל אַריינגיין אין הויז פון איר מאַנ'ס אַרבעטס־באַלעבאָס...

* * *

אַ געוויסער רב האָט אַמאָל אין אַ פרייטיק געגעסן מיטאָג ביי זיך אין דער היים, און דערנאָך איז ער געגאַנגען צום שינאָווער רב און האָט זיך ווידער געוואַשן מיטצועסן אָנבייסן.

אינמיטן דער סעודה פרעגט יענער רב דעם שינאָווער רב פאַרוואָס טייל חסידים שניידן נישט פרייטיק דאָס ברויט מיט אַ

מעסער, נאָר זיי ברעכן עס אָפּ מיט דער האַנט, לכאורה שטייט דאָך אין שולחן ערוך אַז מ׳זאָל אַזוי נישט טוהן ווייל דאָס איז ״מיחזי כרעבתנותא״, עס זעט אויס ווי מ׳כאַפּט שנעל אַריין דאָס עסן ווי אַ בהמה, און נישט ווי אַ מענטש וואָס עסט געלאַסן און איידל.

ענטפערט אים דער שינאָווער רב:

— ס׳איז אַמאָל אין דייטשלאַנד פאָרגעקומען אַן אסיפה פון רבנים, און מ׳האָט צוגעגרייט אינמיטן אַ פּלאַץ פאַר הגאון רבי נתן אַדלער זצ״ל, טראָץ דעם וואָס ער איז נאָך דאַן געווען אַ יונגערמאַן. ווען ער איז אַריינגעקומען, האָבן זיך אַלע רבנים פאַר אים אויפגעשטעלט. צוקומענדיק צו זיין אָרט, זעט ער אַז די בענקלעך וואָס שטייען דאָרט זיינען געמאַכט פון וואָל און זייד. האָט ער חושש געווען אַז עס איז דאָ אַריינגעמישט שעטנז, און האָט געבעטן מ׳זאָל אים געבן אַ האָלצערן בענקל. רופט זיך אָן אַן עלטערער גדול וואָס איז געזעסן נעבן אים:

— דאָס איז דאָך ״מיחזי כיוהרא״ (עס זעט אויס ווי גאות) צו זיין פרומער ווי אַלע רבנים.

ענטפערט אויף דעם רבי נתן אַדלער:

— איך פאַרשטיי נישט פאַרוואָס די וועלט האָט אַזוי מורא פאַר ״מיחזי כיוהרא״, אָבער פאַר יוהרא אַליין (גאות) איז מען נישט חושש...

— דאָס זעלביקע פרעג איך — פירט־אויס דער שינאָווער רב.
— אויף אויסזען ווי רעבתנותא זענט איר חושש, אָבער אויף רעבתנותא אַליין נישט, נאָר איר עסט צוויי סעודות נאָכאַנאַנד...

יענער רב האָט געשטוינט ווי דער שינאָווער רב האָט דערשפּירט אַז ער האָט נאָרוואָס געגעסן אין דער היים...

* * *

הגה״צ דער אינטערדאַמער רב זצ״ל (שווער פון הגה״צ המפורסם דער נאַסאַדער רב זצ״ל) איז אַמאָל געווען ביים שינאָווער רב אויף שבת. פרייטיק צו נאַכטס ביים טיש, האָט ער בטעות אָנגערירט דעם עק פון זיין שטיוול, און עס איז אים נישט געווען מעגלעך אַרויסצוגיין און זיך וואַשן די הענט.

פלוצלונג דערלאַנגט אים דער שינאָווער רב אַ גלאָז וויין און זאָגט:

— מיר האָבן בקבלה פון הייליקן רבי׳ן דער לובלינער, אַז דאָס וואָס עס שטייט אין שולחן ערוך (סי׳ ד׳) אַז ווער עס טוט זיך אויס די שיך דאַרף זיך וואַשן די הענט, מיינט מען נישט די ״חאליוועס״ (דער אויבערשטער טייל פון די שטיוול).

דער אינטערדאַמער רב איז נתפעל געוואָרן פון דעם אָפענעם רוח הקודש פון שינאָווער רב, און ער האָט דאָס דערציילט פאַר אַ רב וואָס איז געזעסן נעבן אים ביים טיש. אויך יענער רב האָט דאָס דערציילט זיין שכן, ביז דער גאַנצער עולם האָט אַרומגעשמועסט דאָס ענין.

דער שינאָווער רב האָט באַמערקט ווי דער עולם שמועסט עפּעס אינטערעסאַנטס, און ער האָט געפרעגט זיין זון הרה״צ רבי משה׳לע וואָס מ׳שמועסט. ענטפערט ער, אַז מ׳שמועסט וועגן טאַטנ׳ס רוח הקודש, ווי ער האָט מרגיש געווען דעם אינטערדאַמער רב׳ס זאָרג ווען ער האָט אָנגערירט די שטיוול. זאָגט דער שינאָווער רב:

— דאָס איז נישט קיין רוח הקודש, נאָר אויב אַרבעט מען זיך אויס דעם דיבור, דאַן שיקט מען פון הימל אין מויל אַריין טרעפליכע ווערטער לטובת אידן.

רופט זיך אָן ר׳ משה׳לע:

— און אָט דאָס אַליין הייסט דאָך טאַקע ממש רוח הקודש!

* * *

דער מאַקאָווער רב, הגאון ר׳ חיים יהודא דייטש זצ״ל, פלעגט אַלס יונגערמאַן פאָרן צום שינאָווער רב. איינמאָל איז ער אין זיין טאַטנ׳ס יאָרצייט פאַרטאָג געפאָרן קיין שינאָווע, און אויפ׳ן וועג האָט ער אַריינגעקלערט צי ער האָט גוט געטוהן צו פאָרן היינט צום רבי׳ן, ווייל אפשר וועט ער נישט קענען דאַוונען דאָרט פאַר׳ן עמוד לעילוי נשמת זיין פאָטער, היות עלטערע אידן זיינען געוויינלעך געווען די שליחי ציבור ביים שינאָווער רב.

אין דער פרי, ווי נאָר ער איז אַריינגעקומען אין בית המדרש, קערט זיך דער שינאָווער רב צו אים און זאָגט:

— יונגערמאַן, גיי־צו דאַוונען פאַר׳ן עמוד...

* * *

כ״ק הרב הצדיק רבי שלום אליעזר פון ראַצפערד זצ״ל פלעג אַלס יונגערמאַן פאָרן קיין שינאָווע אויף די ימים נוראים. ער האָט דאָרט געדאַוונט שחרית פאַר׳ן עמוד, און דער שינאָווער רב האָט געדאַוונט מוסף. איינמאָל איז רבי שלום אליעזר געווען זעהר שוואַך, און ער האָט געזאָגט דעם שינאָווער רב אַז ער קען נישט דאַוונען פאַר׳ן עמוד. זאָגט אים דער שינאָווער רב:

— זאָרג דיך נישט, דו וועסט היינט דאַוונען נאָך בעסער ווי אַלעמאָל.

רבי שלום אליעזר האָט שפּעטער באַשטעטיקט אַז אַזוי איז טאַקע געווען, ער האָט יענעם ראש השנה געדאַוונט מיט פיל מער כוונה ווי אַלעמאָל. (געהערט פון ידידי החסיד המופלג בנש״ק ר׳ שמחה אברהם קאָרנרייך שי׳).

* * *

דער שינאָווער רב האָט זיך אַמאָל געוואַשן צו אַ סעודה מיט נאָך אַ געוויסן רבי׳ן, און ביים טיש האָט דער משמש אָנגעגאָסן פאַר זיי צוויי בעכערס וויין. דער שינאָווער רב איז געזעסן

פאַרטראַכט און האָט נישט צוגערירט צום כוס וויין, בשעת דער צווייטער גדול האָט יאָ געטרונקען.

נאָך אַ פּאָר מינוט, לויפט דער בעל הבית אַריין און זאָגט אַז דער וויין וואָס מ׳האָט אַרויפגעשטעלט אויפ׳ן טיש איז נישט ווי ס׳געהער, און ער האָט געבראַכט אַ צווייט פלאַש וואָס איז יאָ כשר בתכלית.

האָט דער רבי וואָס האָט יאָ פאַרזוכט פון דעם וויין, זיך באַקלאָגט פאַר׳ן שינאָווער רב:

— איר האָט דאָך, ווי עס שיינט, יאָ געוואוסט אַז דער וויין טויג נישט, און דערפאַר האָט איר דערפון נישט געטרונקען. פאַרוואָס־זשע האָט איר מיר נישט געזאָגט וועגן דעם?

ענטפערט דער שינאָווער רב:

— אין אמת׳ן האָב איך אויך נישט געוואוסט אַז דער וויין טויג נישט. נאָר עס שטייט אין פּרשת מקץ, אַז ווען די קינדער פון יעקב זיינען געווען אין הויז פון יוסף האָבן זיי געטרונקען דאָרט וויין. ברענגט רש״י, אַז זינט זיי האָבן פאַרקויפט יוסף׳ן האָבן זיי נישט טועם געווען קיין וויין, אָבער איצט האָבן זיי יאָ געטרונקען. איז נישט צו פאַרשטיין, די תורה זאָגט דאָך קלאָר אַז זיי האָבן נישט דערקענט יוסף׳ן און האָבן נישט געוואוסט אַז ער לעבט, אויב אַזוי פאַרוואָס האָבן זיי איצט זיך יאָ ערלויבט צו טרינקען וויין? דער תירוץ איז, אַז די הייליקע שבטים האָבן נישט געגעסן אָדער געטרונקען נאָר דאָס וואָס זייערע הייליקע הענט האָבן אַריינגעלייגט אין מויל אַריין, ווייל זייערע הענט זיינען געווען איינגעוואוינט צו טוהן בלויז דאָס וואָס די תורה ערלויבט. איז אַצינד אין הויז פון יוסף, אַז עס האָט זיך געלאָזט טרינקען האָבן זיי געטרונקען. דאָס זעלביקע האָט פּאַסירט אַצינד מיט׳ן וויין, היות ס׳האָט זיך נישט געלאָזט טרינקען, האָב איך נישט געטרונקען...

* * *

ענלעכעס האָט געטראָפן:

אַ חסיד אַ נגיד, וועלכער איז געקומען צו פאָרן אויף שבת צום שינאָווער רב, איז פרייטיק אַריינגעגאַנגען אין אַ אידיש געשעפט, און האָט דאָרט געקויפט אַ פלאַש גוטן ווייַן פאַר׳ן רבי׳ן. דער באַלעבאָס איז נישט געווען דעמאָלט אין געשעפט, האָט זיין טאָכטער אים געגעבן דעם וויין.

פרייטיק צו נאַכטס פאַר קידוש, גיסט דער שינאָווער רב אַריין אין זיין כוס פון דעם וויין, אָבער ער האָט נישט געמאַכט קיין קידוש, נאָר ער איז געבליבן שטיין פאַרטראַכט. אינצווישן האָט אימיצער אַ שטופּ געגעבן דעם טיש, דער כוס האָט זיך איבערגעקערט, און דער וויין האָט זיך אויסגעגאָסן. האָט דער שינאָווער רב געהייסן ברענגען אַנדערן וויין, און האָט דאַן קידוש געמאַכט.

דער חסיד האָט פאַרשטאַנען אַז עפּעס ליגט אונטער דער געשעעניש, האָט ער צומאָרגנס געפרעגט דעם אייגנטימער פון געשעפט, צי זיין וויין איז בתכלית הכשרות. האָט דער סוחר אים פאַרזיכערט אַז יאָ, אָבער ער האָט צוגעגעבן אַז אויף איין אָרט האָט ער שטיין גוי׳ישער וויין וואָס ער גיט פאַר ערלים. ווען דער סוחר איז אַהיימגעגאַנגען, האָט ער געפרעגט זיין טאָכטער וואָסערע וויין זי האָט געגעבן דעם חסיד, און זי האָט געענטפערט פון וואו זי האָט גענומען דעם וויין. שרייט דער סוחר:

— אוי וויי, דאָרט שטייען דאָך טאַקע די גוי׳ישע ווייַנען !...

* * *

דער אָסטראָווצער גאון זצוק״ל האָט אַמאָל געהאַט אַ פּלאַן אַז אַלע חכמי ישראל זאָלן מסמיך זיין דעם שינאָווער רב אַלס נשיא הדור, און אַזוי אַרום וועט מען קענען ווידער איינפירן צו געבן מלקות פאַר דעם וואָס וועט עובר זיין אויף אַ לא תעשה, און דאָס

וועט זיין אַ גרויסער תועלת אויף כפרת עוונות. איז ער אויף שבת געפאָרן קיין שינאָווע פאָרצושלאָגן פאַר׳ן רבי׳ן זיין פּלאַן.

דער שינאָווער רב האָט מרגיש געווען זיין רצון, און נישט וואַרטנדיק ער זאָל אים דאָס פאָרלייגן, האָט ער ביים טיש געזאָגט תורה אויפ׳ן פסוק "ארבעים יכנו לא יוסיף", אַז חז"ל זאָגן מ׳זאָל בלויז שלאָגן 39 מלקות און נישט 40, ווייל דאָס פערציקסטע איז דאָס צעבראָכנקייט און דערשלאָגנקייט פון האַרץ, וואָס איז וויכטיקער ווי דער גאַנצער מלקות, און וואָס איז שייך אין אַלע דורות, אַפילו ווען עס זיינען נישטאָ די סנהדרין.

באַלד נאָך דער תורה האָט ער דערציילט, אַז אַמאָל האָט ער בדעה געהאַט צו רעדן מיט זיין שווער דעם ארי׳ דבי עילאי זצ"ל וועגן תעניתים. איז ער אַריינגעקומען אין זיין שטוב און האָט געהערט ווי זיין שווער זאָגט צו אַ איד, אַז תעניתים איז טאַקע אַ גוטע זאַך אָבער נישט דער עיקר. האָט ער מער גאָרנישט געפרעגט דעם שווער.

מיט דער דערציילונג האָט דער שינאָווער רב געלאָזט קלאָר הערן, אַז ער האָט שוין געזאָגט אַ תשובה אויפ׳ן אָסטראָווצער׳ס פאָרשלאַג...

* * *

דער ראש הקהל פון דעש איז אַמאָל אַהיימגעקומען פון אַ חתונה מיט זיין פרוי. די פרוי האָט אויסגעטוהן די טייערע צירונג וואָס זי האָט געטראָגן, און האָט זיך געלייגט שלאָפן. צומאָרגנס אין דער פרי זוכט זי איר צירונג, אָבער זי געפינט עס נישט. זי האָט אַרומגעזוכט אין אַלע שענקלעך און לעדלעך, אָבער עס איז ווי פאַרשוואונדן. זי האָט זיך זייער געוואונדערט: עס קען נישט זיין אַז אַ גנב איז דאָ געווען, ווייל אַלע טירן און פענצטער זיינען פאַרשלאָסן ווי פריער...

איר צירונג איז ווערד געווען גאָר אַ סך געלט, און זי האָט



דער ראש הקהל און די קינדער זוכן די צירונג, וועלכע זענען אין הענגלייכטער.

געהאַט גרויס ווייטאָג פון דעם פאַרלוסט. איז איר מאַן מיט איר אַריינגעגאַנגען צו הגה״צ רבי משה מדעעש זצ״ל, און זי האָט געקלאָגט פאַר אים אויפ׳ן גרויסן שאָדן. זעענדיק דאָס צעבראָכנקייט, האָט רבי משה׳לע צוגעשיקט אַ טעלעגראַם צום שינאָווער רב, בעטנדיק אַז דער אויבערשטער זאָל זיי אומקערן דעם אוצר.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט זי געפּוצט דעם הענגלייכטער לכבוד שבת, און זי האָט אין איינס פון די קריגלעך פאַר׳ן בוימל געפונען די צירונג. זי האָט ביינאַכט נאָך דער חתונה געהאַט באַהאַלטן דאָרט די צירונג, און זייענדיק פאַרשלאָפן און מיד האָט זי אינגאַנצן פאַרגעסן דערפון. באַלד נאָכ׳ן געפינען די צירונג, קומט אַריין אַ שליח פון דעעשער רב מיט אַ טעלעגראַם פון שינאָווער רב אין האַנט. דער טעלעגראַם האָט זיך געלייענט:

— ווירד געפינען. פיליכט שוין געפונען... (זי וועט עס געפינען, און אפשר האָט זי עס שוין געפונען).

* * *

אַמאָל איז ביים שינאָווער רב׳ס טיש געזעסן אַ חסיד וואָס האָט זיך נישט גוט געשפּירט, און ער האָט געטראַכט ביי זיך אַז ווען דער רבי וואָלט אים מכבד געווען מיט בענטשן, וואָלט ער זיכער געהאַט אַ רפואה שלימה.

פלוצלונג דערציילט דער שינאָווער רב:

אַמאָל ווען הרה״ק רבי אשר׳ל ראָפּשיצער זי״ע האָט געפירט טיש, האָב איך מיך געשפּירט זייער שוואַך. האָב איך ביי מיר געטראַכט, אַז ווען דער רבי הייסט מיך בענטשן, וואָלט איך זיכער געפילט גוט. ווען ס׳איז געקומען צום בענטשן, רופט דער רבי אויס: ״זאָל רבי יחזקאל׳ע בענטשן״...

האָט דער שינאָווער רב צוגעלייגט:

— איך האַלט נישט אַז ער האָט זיך דאָ באַנוצט מיט רוח הקודש, נאָר דער אויבערשטער פירט צו פאַר אַ צדיק צוצוטרעפן גוט...

נאָכ׳ן פאַרענדיקן דעם סיפור, קערט זיך דער שינאָווער רב צו יענעם חסיד און זאָגט:

— דו זאָלסט בענטשן!...

* * *

אַ איד איז אַמאָל געפאָרן אויף שבת שירה קיין שינאָווע. האָבן זיך אויף דער באַן נעבן אים אַוועקגעזעצט פּראָסטע מאָדערנע אידן, און האָבן חוזק געמאַכט פון רבי׳ס און פון זייערע חסידים וואָס גלויבן אין זיי. דער איד איז געפאַלן ביי זיך פון זייערע שפּאָט־רייד, וועלכע האָבן אים אַריינגעבערענגט אין האַרץ אַ קרירות אין אמונת צדיקים.

שבת ביים לייענען, האָט דער שינאָווער רב געלייענט מיט גרויס דביקות און התלהבות די ווערטער ״ויאמינו בה׳ ובמשה עבדו״, און ער האָט זיך דערביי געקערט צו יענעם חסיד אויסשרייענדיק אויף אידיש:

— און נישט אַזוי ווי זיי זאָגן!...

דאָס אָפענע רוח הקודש האָט דעם חסיד מחזק געווען די אמונה.

* * *

זייענדיק אַמאָל אויפ׳ן ציון פון הרה״ק רבי מענדל פון קאָסוב זצ״ל, האָט דער שינאָווער רב זיך דאָרט פאַרזוימט אַ לאַנגע צייט. אויף דער פראַגע פאַרוואָס ער האָט אַזוי לאַנג פאַרברענגט, האָט דער שינאָווער רב געענטפערט, אַז היות ער האָט דאָרט געשפּירט די קדושה פון ארץ ישראל, האָט ער זיך נישט געקענט אָפּשיידן דערפון.

ווען מ׳האָט דאָס איבערגעזאָגט פאַר הרה״ק רבי חיים קאָסובער (זון פון הרה״ק רבי מענדל), האָט ער געזאָגט:

— ווי אמת דעם שינאָווער רב׳ס כח ההרגש איז! איך האָב דאָך טאַקע אַמאָל געהערט פון טאַטן, אַז ער האָט אַזוי מקדש געווען זיינע ד׳ אמות, ביז זיי האָבן באַקומען קדושת ארץ ישראל...

* * *

אין דאָרף פלאַווינקע, וואָס איז געווען נעבן באָבוב, האָט געוואוינט אַ נגיד אַ חסיד מיט׳ן נאָמען ר׳ ישעי׳ פלאַטנער. ער האָט געהאַנדלט מיט פעלדער, הייזער און גיטער, און ער פלעגט טוהן מעקלעריי פאַר׳ן פריץ פון פלאַווינקע מיט׳ן נאָמען דאָבראָווסקי. ער האָט געאַרבעט זעהר געטריי פאַר׳ן פריץ, וועלכער האָט אים דערפאַר שטאַרק געערט און מכבד געווען. אויך די פרוי פונ׳ם פריץ האָט זעהר הויכגעשאַצט ר׳ ישעי׳ן. זי האָט זיך מיט אים דורכגערעדט יעדע וויכטיקע זאַך וואָס זי איז געגאַנגען טוהן, ווייל זי האָט געהאַלטן אַז ער איז אַ זעהר קלוגער און פאַרלעסלעכער מענטש.

עס זיינען אַדורכגעלאָפן יאָרן, און דער פריץ איז געשטאָרבן. זיין פאַרמעגן איז אַריבער צו זיין זון, און אויך ער האָט געערט און ליב געהאַט ר׳ ישעי׳ן.

איין טאָג דערהאַלט ר׳ ישעי׳ אַ בריוו פון הייליקן שינאָווער רב. ער עפנט עס אויף און לייענט ווי דער שינאָווער רב שרייבט וועגן אַ געוויסן איד וואָס פלעגט יאָרן־לאַנג דינגען אַ גאַסט־הויז אין אַ דאָרף נעבן יערוסלוב פון דעם דאָרטיקן פריץ זאַביטקאָ, און אַצינד וויל יענער פריץ פאַרדינגען די שענק צו אַ צווייטן און דורך דעם וועט דער איד ח״ו פאַרלירן זיין פרנסה. דער שינאָווער רב האָט אויסגעלאָזט דעם בריוו: איך בעט דיך אַרויסצוהעלפן דעם איד אין זיין צרה, און דו וועסט פון דעם האָבן אַ טובה אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט...


יחזקאל שרגא הלברשטאם
רופשיץ שינאווא יצ"ו

אַ בריוו בכתב־יד־קדשו פון שינאָווער רב וועגן געבן שענערע שטיצונגען פאַר חשוב'ע אידן פונעם געלט פון קופּת רמבה"נ (געדרוקט אין ספר "ילקוט אגרות קודש", סימן קפ"ג).

ר׳ ישעי׳ האָט זיך געוואונדערט און נישט פאַרשטאַנען: יערוסלוב איז דאָך זעהר ווייט פון פלאַווינקע; ער האָט קיינמאָל נישט געהערט פונ׳ם פריץ זאַביטקאָ און פון דעם איד וואָס זיינען דערמאַנט אין בריוו; און ער זעט נישט ווי אַזוי ער קען אַ טובה טוהן יענעם. איז ער מיט׳ן בריוו אַריינגעגאַנגען צו הרה״ק דער באָבובער רב זצ״ל און האָט אים געפרעגט וואָס צו טוהן. זאָגט אים דער באָבובער רב: ״דער פריץ דאָבראָווסקי איז דאָך דיין פריינד, גיי צו אים אַהיים און פרעג אים צי ער קען דעם פריץ זאַביטקאָ און צי ער קען דיר עפּעס אַרויסהעלפן אין דעם ענין״. האָט ר׳ ישעי׳ אַזוי געטוהן.

זייענדיק אַ מקורב ביים פריץ, פלעגט ר׳ ישעי׳ אַריינגיין צו אים נישט דווקא דורך דעם הויפּט־אַריינגאַנג אַזוי ווי אַלע געסט, און נישט דווקא נאָך אַ באַשטעלונג, נאָר ער איז אַריינגעגאַנגען ווען נאָר ער האָט געוואָלט, און דורך דער קיך, אַזוי ווי אַנדערע הויז־מענטשן. אַריינקומענדיק אין קיך, האָט ער באַגעגנט די אלמנה פונ׳ם אַלטן פאַרשטאָרבענעם פריץ. די אלמנה האָט זיך פאַר אים אויפגעשטעלט און אויסגערופן בשמחה:

— ווי גוט אַז דו ביסט פונקט איצט געקומען! איך האָב ערשט געוואָלט שיקן אַ וואָגן דיך אַהערצוברענגען, ווייל כ׳דאַרף פון דיר אַ גרויסע טובה, און אָט ביסטו געקומען פון זיך אַליין!... הער־אויס וואָס כ׳וויל דיך בעטן. מיין זון דער פריץ האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק געקויפט אַ גרויס פאַרמעגן פון פעלדער אין אַ געוויסן דאָרף נעבן יערוסלוב פון דעם דאָרטיקן פריץ, זאַביטקאָ, וועלכער איז אים גוט באַקאַנט. אַצינד איז אָבער מיין זון געוואָהר געוואָרן אַז די פעלדער זיינען קאַליעדיקע, זיי זיינען פאַרווייקט מיט וואַסער, און מ׳קען אין זיי גאָרנישט פלאַנצן. האָט ער אַהערגערופן דעם זאַביטקאָ, און האָט זיך אויף אים אָנגעבייזערט פאַרוואָס ער האָט אים אַריינגענאַרט אין אַ פאַלש געשעפט. מיין זון האָט דערקלערט אַז ער ציט זיך צוריק פון דאָזיקן געשעפט, און ס׳איז אַ מקח טעות. הערנדיק דאָס, האָט

זאַביטקאָ זיך אויך אויפגערעגט, און גענומען אויסרעכענען פאַר מיין זון אַלטע מאָנונגען און טענות פון פריערדיקע צייטן, און ער האָט געטענה׳ט אַז היות מיין זון האָט אים דעמאָלט פאַרקויפט פאַרמעגנס וואָס זיינען נישט געווען אַזוי פיל ווערד און ער האָט דאַן נישט צוריקגעצויגן דעם מקח, זאָל אויך מיין זון אַצינד אָנהאַלטן דעם מקח. מיין זון האָט אָבער נישט געוואָלט נאָכגעבן. האָט זאַביטקאָ געדראָהט אַז אויב וועט ער זיך צוריקציען פונ׳ם מקח, וועט ער גיין אין געריכט און מסר׳ן פאַרשידענע עוולות וואָס ער ווייסט אויף אים. עס האָט אויסגעבראָכן צווישן זיי אַ קריגעריי, ביז זיי האָבן געשוואוירן צו הרג׳ענען איינער דעם צווייטן...

האָט די פרוי פאַרגעזעצט:

— זיי קענען דאָך נישט גיין אין געריכט, ווייל אויב וועלן זיי אויפדעקן איינער דעם צווייטנ׳ס עבירות וועט זייער נאָמען זיין צו שאַנד, דעריבער איז נישטאָ קיין אַנדערע עצה ווי פאַרצולייגן די טענות פאַר דיר, ווייל דו ביסט אַ קלוגער מאַן און אַ בעל סוד, און ביידע וועלן זיך פאַרלאָזן אויף דיין באַשלוס.

ר׳ ישעי׳, הערנדיק דעם נאָמען פונ׳ם פריץ זאַביטקאָ, איז געבליבן שטיין דערשטוינט און געפלעפט. אָט איז דאָך דאָס דער נאָמען וואָס דער שינאָווער רב דערמאנט אין זיין בריוו, און פונקט געפינט זיך יענער פריץ אַצינד דאָ אין שטאָט! צי צייגט דען נישט די וואונדערלעכע ערשיינונג שפּראָצונגען פון דער ישועה פאַר יענעם איד?!...

פון דער צווייטער זייט אָבער, האָט ר׳ ישעי׳ מורא געהאַט אַריינצומישן זיך אין אַ מחלוקה צווישן צוויי גוי׳ישע פריצים, וואָס קענען ח״ו שפּעטער נקמה נעמען אין אים. אָבער ער האָט זיך נישט געקענט העלפן, ווייל די אַלטע פריצה איז באַלד אַריינגעגאַנגען צו איר זון און האָט אויסגערופן:

— די ישועה איז געקומען. ישעי׳ פלאַטנער איז דאָ, ער וועט הערן אייערע טענות, און וועט אַרויסגעבן אַ פסק ווער עס האָט רעכט.

די צוויי פריצים האָבן אין אמת׳ן ביי זיך אין האַרצן פיינט געהאַט אַז עס האָט אויסגעבראָכן אַ שנאה צווישן אַזעלכע צוויי גוטע און אַלטע פריינד, און עס זיינען ביי ביידע פאַרעקלט געוואָרן די זידל־רייד און סטראַשונגען וואָס זיי האָבן געוואָרפן איינער אויף דעם אַנדערן. אויך האָבן זיי דאָך געוואוסט אַז ביידע זיינען נישט ריין פון די עבירות אַנטקעגן דער רעגירונג, און אויב וועלן אַרויסקומען די עוולות עפנטלעך, וועלן ביידע זיצן אין טורמע. דעריבער, הערנדיק אַז עס איז דאָ אַ וועג אַרויס פון דעם פלאָנטער, האָבן ביידע מיט פרייד צוגעשטימט צו הערן די מיינונג פון ר׳ ישעי׳.

ר׳ ישעי׳ איז באין ברירה אַריינגעגאַנגען צו זיי, און ער האָט קודם־כל דערקלערט:

— איך וויל איר זאָלט ביידע וויסן, אַז איך וועל דן זיין די זאַך מיט אַן אמת לויט מיין מיינונג, און דעריבער זאָל דער יעניקער וואָס וועט אַרויסגיין שולדיק נישט האָבן קיין תרעומות אויף מיר, ווייל גערעכטיקייט איז חשוב׳ער פון אַלעם אויף דער וועלט.

ר׳ ישעי׳ האָט דערנאָך אויסגעהאָרכט ביידע צדדים, און האָט געמאַכט אַ פשרה, אַז אין דעם פרט איז דער גערעכט, און אין דער צווייטער טענה האָט דער אַנדערער רעכט, און ער האָט אַרויסגעבראַנגט אַ גלייכן און פיינעם פסק־דין וואָס האָט שטאַרק צופרידנגעשטעלט ביידע פריצים.

פרעגן אים די פריצים:

— וויפל געלט זאָלן מיר דיר געבן פאַר דיין פסק?

ענטפערט ר׳ ישעי׳:

— איך וועל ביי אייך נישט נעמען קיין געלט, ווייל איך בין נישט קיין ריכטער וואָס באַשעפטיקט זיך מיט אויסגלייכן סכסוכים, איך האָב דאָס בלויז געטוהן אַלס פריינדשאַפט. אָבער אַ קליינע טובה וועל איך יאָ בעטן ביים פריץ זאַביטקאָ. ביי אייך וואוינט מיינס אַ קרוב וואָס האָט פרנסה פון אַ גאַסט־הויז, און לויט ווי איך האָב געהערט, ווילט איר, חשוב׳ער פריץ, פאַרדינגען עס צו אַ צווייטן. בעט איך ביי אייך, נעמט נישט צו די פרנסה פון מיין קרוב, נאָר לאָזט אים בלייבן דאָרט רואיק אַ גאַנץ לעבן זיינס.

דער פריץ האָט זיך אַנטשולדיקט און געבעטן ר׳ ישעי׳ן ער זאָל אים מוחל זיין וואָס ער האָט מצער געווען זיין קרוב, און ער האָט אים אויפ׳ן אָרט געגעבן אַן אָנגעשריבענעם קאָנטראַקט אַז ער וועט פאַרדינגען דאָס הויז צו יענעם איד אויפ׳ן גאַנצן לעבן און לויט׳ן איצטיקן פרייז.

ווען ר׳ ישעי׳ איז נפטר געוואָרן, האָט ער איבערגעלאָזט אַ צוואה אַז מ׳זאָל אים באַגראָבן מיט׳ן שינאָווער רב׳ס בריוו, היות דער שינאָווער רב פאַרהאַפט דערין אַז ער וועט האָבן אַ טובה אויף יענער וועלט...

* * *

נאָך אַן עובדא וואָס ציִיגט אויפ׳ן רוח הקודש פון שינאָווער רב:

הרה״ג דער ביטשקאָווער רב ז״ל (בעמח״ס ידות אפרים) פלעגט זעהר אַכטונג געבן נישט אַרויסצוזאָגן פון מויל ווערטער וואָס קוקן אויס ווי אַ נדר. דערפאַר האָט ער מקפיד געווען נישט צו מאַכן קיין ״מי שברך״ ווען ער האָט עולה געווען צו דער תורה, ווייל אין דעם נוסח שטייט אַ התחייבות פון געלט.

אַמאָל האָט ער געדאַוונט אין קרעניץ ביים שינאָווער רב, און ווען מ׳האָט אים אויפגערופן צום ספר, האָט ער זיך שטאַרק געזאָרגט אַז ער וועט נישט קענען אויספירן זיין מנהג. אָבער ווי

דערשטוינט איז ער געווען ווען דער שינאָווער רב האָט ביי דער צווייטער ברכה אַריינגעקוקט אין זיין פנים, און דערנאָך געזאָגט צום גבאי נישט צו מאַכן קיין "מי שברך"...

* * *

אַ איד פון בריגל איז אַוועקגעלאָפן פון הויז און האָט איבערגעלאָזט זיין פרוי אַן עגונה פאַר פופצן יאָר. אַמאָל האָט אַ חבר'טע מייעץ געווען די פרוי צו פאָרן קיין שינאָווע, און זי האָט אַזוי געטוהן. האָט דער שינאָווער רב איר געהייסן פאָרן קיין גראָסוואַרדיין, און ער האָט מיטגעגעבן אַ בריוו צום גראָסוואַרדיינער רב, הגאון ר' פנחס צימעטבוים ז"ל, אין וועלכן ער בעט צו העלפן די עגונה. ר' פנחס האָט געלייענט דאָס בריוול, און האָט זיך זעהר געוואונדערט, ווייל ער האָט איבערהויפט נישט געקענט דעם מאַן און האָט נישט געזען קיין שום וועג ווי אַזוי צו העלפן די פרוי. האָט ער באַשלאָסן צו הייסן די פרוי זיך פאַרזוימען אין שטאָט אַ שטיק צייט, אפשר וועט זי זיך דערוויסן עפּעס וועגן איר מאַן, און ער האָט באַפוילן די קהילה־פאַרוואַלטונג צו שפייזן די פרוי פון דער קהלה'שער קאַסע.

די פרוי האָט דאָרט פאַרבראַכט עטלעכע חדשים, און זי האָט נישט דערהאַלטן קיין שום ידיעה וועגן איר מאַן. די קהילה־אָנפירער האָבן געבעטן אַז זי זאָל אַהיימפאָרן, ווייל זיי קענען איר נישט אויסהאַלטן אַזאַ לאַנגע צייט, אָבער זי האָט געזאָגט אַז בשום אופן וועט זי נישט אַוועקפאָרן אָן באַגעגענען איר מאַן, אויסער אויב דער שינאָווער רב וועט איר הייסן אַזוי טוהן. האָט דער גראָסוואַרדיינער רב געשריבן אַ בריוו צום שינאָווער רב וועגן דעם ענין.

פונקט צומאָרגנס גייט די פרוי אַרויס, און זי זעט פּלוצלונג איר מאַן גיין אין גאַס. זי האָט אָפּגעשטעלט אַ פּאָליציי־מאַן, וועלכער האָט דעם מאַן געפירט צום רב, און ער האָט די פרוי געגעבן אַ גט.

דער מאַן האָט דערציילט, אַז ער איז געווען אויפ'ן וועג צו

פאָרן קיין פעסט צוליב פרנסה, און ווען די באַן האָט זיך נעכטן אָפּגעשטעלט אין גראָסוואַרדיין, האָט ער באַשלאָסן צו נעכטיקן אין שטאָט און פאָרן ווייטער היינט, און פונקט אין דער פרי האָט די פרוי אים געטראָפן!

ווען דער גראָסוואַרדיינער רב האָט דאָס שפּעטער דערציילט מיט שטוינונג פאַר׳ן שינאָווער רב, האָט דער שינאָווער רב ערקלערט:

— ביי אייך איז יעדע זאַך אַ מופת. דאָס איז אָבער נישט אמת. איך האָב בלויז פאַרשטאַנען מיט׳ן שכל אַז מסתמא וועט דער מאַן פאָרן קיין גראָסוואַרדיין...

* * *

נאָך אַ געשיכטע ווי דער שינאָווער רב האָט אַרויסגעהאָלפן אַן עגונה:

דער שינאָווער רב האָט חתונה געמאַכט זיין רביצינ׳ס אַ טאָכטער (פון איר זיווג ראשון) אין פשעצלאוו, און די קעכערין אויף דער חתונה איז ל״ע געווען אַן עגונה.

האָבן פרויען איר געזאָגט, אַז איידער דער שינאָווער רב פאָרט אַוועק פון אַ חתונה, גיט ער לעצט־געלט פאַר די קעכערין. זאָל זי אָבער נישט נעמען קיין געלט, נאָר זי זאָל בעטן אַז איר מאַן זאָל צוריק אַהיימקומען. האָט זי טאַקע אַזוי געטוהן, און דער שינאָווער רב֞ האָט איר אָנגעוואונטשן.

אַכט טעג דערנאָך, איז איר מאַן אָנגעקומען קיין פשעצלאוו. ער האָט דערציילט, אַז ער איז געווען אין ווין און האָט דאָרט געהאַנדלט און שיין פאַרדינט, האָט זיך אים נישט געגלוסט אַהיימצופאָרן. פאַר די לעצטע אַכט טעג אָבער, איז מען געקומען יעדע נאַכט צו אים אין חלום און געהייסן אים זאָפאָרט אַהיימפאָרן. ער האָט געמיינט אַז ס׳איז סתם אַ חלום. נעכטן

ביינאַכט אָבער, האָט מען אים געוואָרנט אַז טאָמער פאָרט ער נישט שוין אַהיים, וועט ער באַשטראָפט ווערן. איז ער תיכף אַהיימגעפאָרן...

ווען מ׳האָט די געשיכטע שפּעטער איבערגעגעבן דעם שינאָווער רב, האָט ער דערויף דערציילט אַן עובדא פון זיין זיידן, דער ״ברוך טעם״. ער האָט אַמאָל געפסקנ׳ט אַ דין־תורה, און דער שולדיקער צד, וועלכער איז געווען אַ גרויסער גביר, האָט מיט עזות נישט געפאָלגט דעם פסק־דין. איין נאַכט גייט דער פאַרשוין אַרויס אויף אַ שפּאַציר, און פלוצלונג פילט ער ווי מ׳לויפט אים נאָך, און ער נעמט זיך לויפן מיט אַלע כוחות ביז ער איז אָנגעקומען צום טייך. ער האָט זיך דאָרט אָפּגעשטעלט, און האָט זיך גענומען שרייען: ״יאָ, איך וועל פאָלגן דעם פסק־דין, איך זאָג־צו אַז כ׳וועל פאָלגן״. און זאָפאָרט דערנאָך איז ער געלאָפן צום הויז פון ברוך־טעם, און האָט צוגעזאָגט אַז ער וועט מקיים זיין דעם פסק־הלכה.

האָט דער ברוך טעם שפּעטער געזאָגט:

— יעדן אינדערפרי, איידער איך גיס מיר אָפּ די נעגל, קומען צו מיר מזיקים און שדים, און בעטן אַז איך זאָל זיי געבן עפּעס אַ שירות וואָס צו טוהן, ווייל זיי ווילן האָבן אַן אחיזה אין אַ גוטער זאַך. איך בין זיי כסדר מדחה, אָבער היינט האָב איך ביי מיר געטראַכט אַז זיי קענען מיר צונוץ קומען צו צווינגען דעם גביר מקיים פּסק צו זיין, האָב איך מיך מיט זיי באַנוצט...

אַזוי האָט דער שינאָווער רב דערציילט אַלס ערקלערונג אויף דער מעשה מיט דער עגונה, און עס האָט משמע געווען אַז אויך דער שינאָווער רב האָט זיך איצט משתמש געווען מיט יענער חברה...

* * *

הרבני החסיד ר׳ יהושע גפן האָט דערציילט, אַז איידער זיין

מוטער איז געבוירן געוואָרן, האָט איר פּאָטער געשיקט אַ בריוו צום שינאָווער רב אָנפרעגנדיק וועלכן נאָמען צו געבן דאָס קינד אויב עס וועט זיין אַ אינגל, און וועלכן נאָמען צו געבן אויב עס וועט זיין אַ מיידל.

ערהאַלטנדיק דעם בריוו, האָט דער שינאָווער רב זיך אַוועקגעזעצט און האָט אָנגעשריבן, אַז אויב ס'וועט זיין אַ מיידל זאָל ער איר געבן דעם און דעם נאָמען. דערנאָך האָט ער זיך באַרעכנט, ער האָט אויסגעשטראָכן דעם אָפּגעשריבענעם נאָמען, און האָט צוגעשריבן אַן אַנדער נאָמען. אַ נאָמען פאַר אַ בן־זכר האָט ער איבערהויפּט נישט אַריינגעשריבן.

עס זיינען אַדורך אַ פּאָר וואָכן, און די פּרוי האָט טאַקע געבוירן אַ מיידל. ווען דאָס מיידל איז אויפגעוואַקסן און איז געוואָרן אַ כלה, האָט איר פּאָטער באַמערקט אַז די מוטער פון חתן טראָגט דעם נאָמען וואָס דער שינאָווער רב האָט צוערשט געהאַט אויפגעשריבן און דערנאָך אויסגעשטראָכן. איר פּאָטער האָט געשטוינט ווי דער שינאָווער רב האָט מרגיש געווען אַז ער מוז ענדערן דעם נאָמען, כדי זי זאָל קענען טוהן דעם ריכטיקן שידוך און נישט פאַרפּלאָנטערן זיך אין דער שאלה פון "כלה וחמותה" (געהערט פון ידידי החסיד המופלג בנש"ק ר' שמחה אברהם קארנרייך שי').

* * *

הרה"ג ר' הערשל קינסטליכער האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון אַ גרויסן גביר, און ער האָט נאָך דער חתונה געוואָלט עוסק זיין אין מסחר. איז ער געפאָרן צום שינאָווער רב בעטן אַ ברכה אויף הצלחה אין געשעפט.

ער האָט דערלאַנגט דעם שינאָווער רב זיין קוויטל, און האָט איבערגעגעבן זיין פּלאַן. ווינטשט אים אָבער דער שינאָווער רב:

— דער אויבערשטער זאָל העלפן זאָלסט עוסק זיין בתורה בהרחבת הדעת.

רופט זיך ר׳ הערשל אָן:

— רבי, איך גיי האַנדלען, און איך בעט אַ ברכה אויף הצלחה.

זאָגט דער שינאָווער רב ווידער:

— זיי זוכה עוסק צו זיין בתורה בהרחבת הדעת.

ר׳ הערשל איז אַהיימגעפאָרן, און האָט זיך גענומען האַנדלען. האָט ער אָבער אין אַ קורצער צייט ל״ע פאַרלוירן זיין גאַנץ געלט, און ער איז געווען געצוואונגען אָנצונעמען דאָס רבנות אין הערמענשטאַדט, וואו ער איז געזעסן און האָט געלערנט תורה בהרחבת הדעת...

* * *

אין חודש ניסן יאָר תרנ״ו, האָט דער שינאָווער רב געשיקט אַ בריוו צו הגה״צ ר׳ משה יוסף טייטעלבוים פון אוהעל, אַ זון פון הגאון הקדוש בעל ייטב לב און אַן איידעם פון הגאון הצדיק דער קשאַנעווער רב. אין דעם בריוו האָט דער שינאָווער רב אים באַפוילן נישט צו האַלטן קיין לאַנגע דרשה קומענדיקן שבת הגדול, נאָר איבערצוחזר׳ן בקיצור הלכות פסח, און דאָס וועט זיין פאַר אים אַ טובה. ר׳ משה יוסף, כאָטש ער האָט נישט פאַרשטאַנען די סיבה וואָס דער שינאָווער רב הייסט אים אַזוי טוהן, האָט ער אָבער געפאָלגט.

זומער איז ר׳ משה יוסף געווען ביים שינאָווער רב אין קרעניץ, און ווען דער שינאָווער רב האָט אים געזאָגט אַז אויך שבת שובה זאָל ער נישט האַלטן קיין דרשה, האָט ר׳ משה יוסף געטענה׳ט אַז אין אונגאַרן קען קיין רב נישט אַרויסדרייען זיך פון האַלטן אַ דרשה, ווייל דאָרט איז אַ דרשה פון אַ רב ווי אַ יסוד אין אידישקייט. דער שינאָווער רב האָט אָבער ווייטער געזאָגט, אַז ס׳איז פאַר אים אַ טובה נישט צו האַלטן מער קיינמאָל קיין דרשה. ער האָט ערקלערט, אַז היות ער האָט אַ גרויסן כוח אין זיין רעדן

מחזיר בתשובה צו זיין צוהערער, נעמט ער דורך דעם אַוועק זייער בחירה, ווייל זיי מוזן תשובה טוהן און פירן זיך געהעריק. איז דעריבער דער בעל דבר מרעיש אין הימל אַז ער קען נישט ערפילן זיין אויפגאַבע צוצורעדן זיי צו עבירות, ווייל ר׳ משה יוספ׳ס השפעה איז צו שטאַרק אויף זיי. דער שינאָווער רב האָט צוגעלייגט, אַז די גמרא זאָגט אין ברכות (דף י״ג ע״ב): כל המאריך באחד מאריכין לו ימיו ושנותיו, אמר רב אשי ובלבד שלא יחטוף, זאָגט רש״י, שלא יקראנה בחטף. זאָגט דער שינאָווער רב: פשט אין רש״י איז, ער זאָל מתפלל זיין ס׳זאָל אים נישט אָנטרעפן קיין געכאַפּטע און פלוצים׳דיקע פּטירה חלילה...

ר׳ משה יוסף האָט געשטוינט אויף דעם מאָדנעם פשט פון שינאָווער רב אין דער רש״י. דערנאָך האָט ער זיך געזעגנט און איז אַהיימגעפאָרן.

אין חודש טבת תרנ״ז איז ר׳ משה יוסף געווען אין טשאַבאַ. מ׳האָט אים דאָרט שטאַרק געבעטן צו האַלטן אַ דרשה, און ער האָט זיי צוליב געטוהן. אינמיטן דער דרשה האָט ער געחלש׳ט, און ער איז דערנאָך נפטר געוואָרן כ״ד טבת. דאַן האָט מען פאַרשטאַנען, אַז דער שינאָווער רב האָט אים אַזוי געוואָרנט נישט צו האַלטן קיין דרשות, ווייל ער האָט אים געוואָלט אויפהאַלטן ביים לעבן...

* * *

דער שינאָווער רב האָט שטאַרק ליב געהאַט חפצים פון פאַרצייטישע צדיקים. ווען מ׳האָט פאַר אים געברענגט אַ חפץ פון אַ צדיק, פלעגט ער עס נעמען אין די הענט און באַקוקן אַ לאַנגע צייט מיט גרויס הנאה.

אַמאָל שבת ביים טיש האָט דער שינאָווער רב געפרעגט די אָנוועזנדע, צי אימיצער האָט ביי זיך אַ טאַבאַק־פּושקעלע. האָבן עטלעכע אידן דערלאַנגט זייערע טאַבאַק־פּושקעס. אָבער דער

שינאָווער רב האָט באַלד צוריקגעגעבן די פושקעס, און האָט אַפילו נישט געגעבן אין זיי קיין שמעק. האָבן אַנדערע דערלאַנגט זייערע פושקעלעך, אָבער ער האָט ווידער אַלע צוריקגעגעבן.

איז צוגעגאַנגען אַ פשוט׳ער איד און האָט דערלאַנגט זיינס אַ פושקעלע. האָט דער שינאָווער רב זיך דערמיט זייער דערפרייט, ער האָט דערין געשמעקט, און האָט פאַר אַ פאָר מינוט גוט באַקוקט דאָס פושקעלע פון אַלע זייטן. דערנאָך פרעגט ער דעם איד פון וואַנען ער האָט די פושקע. ענטפערט ער, אַז ער האָט עס בירושה פון הייליקן חוזה פון לובלין זי״ע.

דאַן האָט מען פאַרשטאַנען פאַרוואָס ער האָט צוריקגעגעבן אַלע פושקעס און זיך צוגעכאַפּט דווקא צו דער דאָזיקער פושקע, ווייל היות ער האָט געשפּירט ברוח קדשו אַז איינער האָט דאָ אַ הייליק פושקעלע, האָט אים זעהר צוגעצויגן צו געניסן דערפון, אָבער סתם איינפאַכע פושקעלעך האָבן אים נישט אינטערעסירט...

* * *

אַמאָל קומט דער שינאָווער רב אַריין אין בית המדרש, און פרעגט דעם עולם:

— וואו איז שמעון אוהעלער?

ענטפערן די מענטשן, אַז ער איז איבערהויפּט נישט געקומען.

עס לויפן אַדורך אַ פּאָר שעה, און ר׳ שמעון פון אוהעל קומט צופאָרן מיט דער באַן. ער איז אַריינגעגאַנגען צום שינאָווער רב, און מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער איז ער אַרויסגעקומען צוזאַמען מיט׳ן רבי׳ן.

רופט זיך אָן דער שינאָווער רב צום עולם:

— וואָס זאָל איך טוהן, ווען איינער איז נאָך אויפ׳ן וועג צו

קומען צו מיר, מיין איך אַז ער איז שוין דאָ, און מ׳וועט נאָך זאָגן אַז דאָס איז אויך אַ מופת...

* * *

און אָט איז אַ פלא׳דיק ענין, פון וועלכן מ׳קען זען וואָס עס טייטש אַ קוק פון אַ צדיק:

אַ מאָדערנער איד פון דער שטאָט ביליץ מיט׳ן נאָמען אהרן, איז אַמאָל אַריינגעגאַנגען צום ביאַלער־ביליצער רב, און האָט אים געבעטן צו שיקן פאַר זיינעטוועגן אַ קוויטל צום שינאָווער רב, מיט אַ בקשה אַז דער גוי וואָס האָט אַ געשעפט אַקעגנאיבער אים זאָל בקרוב האָבן אַ מפלה, ווייל ער שטייט אים אין וועג און מאַכט אים קאַליע זיין הצלחה. דער ביאַלער רב האָט אים צוליב געטוהן, און האָט געשיקט דאָס קוויטל. אָבער דער שינאָווער רב האָט דערויף גאָרנישט געענטפערט. נאָך אַ קורצער צייט האָט דער איד געבעטן דעם ביאַלער רב צו שרייבן נאָך אַ בריוו קיין שינאָווע און בעטן אַ ברכה. האָט דער רב ווידער אַזוי געטוהן, און ער האָט געבעטן אין בריוו אַז דער שינאָווער רב זאָל אים אָפּשרייבן אַן ענטפער מיט אַ ברכה. אַ פּאָר טעג שפּעטער קומט אָן אַ בריוו פון שינאָווער רב׳ס גבאי, הרה״ח ר׳ שלמה זלמן סאַנדער, און ער שרייבט ווי פאָלגענד:

דער הייליקער רב שליט״א האָט ערהאַלטן אייער בריוו מיט דאָס קוויטל פאַר אהרן בן הענדל, און ער האָט מיר געהייסן אייך ענטפערן, אַז עס זעט אויס אַז ער איז אין איר צוגעקניפּט ווי אַ הונט, און עס וועט אים נישט העלפן נאָר בלויז תשובה, און אויב וויל ער טאַקע באמת תשובה טוהן, זאָל ער פאַרלאָזן זיין אָרט און ציען זיין וואוינונג ערגעץ־אַנדערשוואו, דאַן וועט ער האָבן אַ תיקון. און הלוואי זאָל זי האָבן בקרוב אַ מפלה כדי אַ אידיש נפש זאָל נישט נכשל ווערן ח״ו.

שלמה זלמן הכהן

ווען דער ביאַלער רב האָט געלייענט דעם בריוו, האָט ער געשטוינט אויף די אויסטערלישע רייד. ער האָט זיך גענומען פאָרשן און אויסשפּיאָנירן דעם איד אהרן, ביז ער איז דערגאַנגען אַז יענער איז באַפריינדעט מיט דער פּרוי פון דעם גוי וואָס האָט אַ געשעפט אַנטקעגנאיבער, און ער וויל מיט איר חתונה האָבן, דעריבער וויל ער אַז דער גוי זאָל האָבן אַ מפּלה און שטאַרבן !...

דער ביאַלער רב האָט מיט וואונדער דערציילט פאַר מקורבים, ווי דער שינאָווער רב האָט ביים לייענען דאָס קוויטל געזען מיט זיינע ליכטיקע אויגן דעם גאַנצן אמת וואָס ליגט באַהאַלטן אונטער דער חוצפּה׳דיקער בקשה פון דעם אהרן...

* * *

ווען הגה״צ רבי דוד דוב מייזליש פון אוהעל הי״ד איז געווען אַ יונגערמאַן, האָט די רעגירונג איינגעשריבן צו נעמען אים אויף מיליטער־דינסט. איז ער אויף ראש השנה געפאָרן קיין שינאָווע, און פאַר תקיעת שופר איז ער אַריינגעגאַנגען צום שינאָווער רב און האָט זיך זעהר באַקלאָגט אויף זיין גורל אַז פונקט אים איז באַשערט מ׳זאָל אים ווען אַלס זעלנער.

זאָגט אים דער שינאָווער רב אַ משל פון מדרש, אַז אַן אָרימאַן איז אַמאָל געגאַנגען שעפּן וואַסער, און זיין קריגל האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זיין האַנט און איז אַריינגעפאַלן אין דעם ברונעם. האָט ער דערפון געהאַט גרויס צער. אינצווישן קומט אַהין אַ קנעכט פון קעניג מיט אַ טייערער כלי צו שעפּן וואַסער, און ביים שעפּן איז אויך זיין כלי אַריינגעפאַלן אין דעם ברונעם. האָט מען געברענגט אַ גרויסן לייטער, און אַ באַדינער איז אַראָפּגעגאַנגען אין דעם ברונעם אַרויפצוברענגען צוריק די כלי פון קעניג. אין איין־וועגס האָט ער אויך אַרויפגעברענגט דאָס קריגל פון דעם אָרימאַן.

האָט דער שינאָווער רב אויסגעפירט:

— עס איז אַמאָל דאָ וואָס אַ חשוב׳ן איד טרעפט ל״ע אַ צרה, כדי אַז דורך זיין ישועה זאָלן אַנדערע פשוט׳ע אידן מיטגעהאָלפן ווערן. זאָל דער אויבערשטער העלפן אַז דורך דעם וואָס דו וועסט באַפרייט ווערן פון מיליטער, זאָלן אַנדערע אויך באַפרייט ווערן.

ר׳ דוד דוב האָט זיך נאָכאַמאָל געשטעלט פאַר׳ן מיליטער־אַמט, און דאָס מאָל האָט מען אים באַפרייט צוזאַמען מיט נאָך פיל אידן...

* * *

נאָך אַ מעשה וועגן ווערן געראַטעוועט פון מיליטער־דינסט:

אַ בחור פון בודאַפעסט האָט געדאַרפט שטיין צום מיליטער. ער איז געווען אַ פעסטער און הויכער בחור, און אַלע סימנים האָבן געוויזן אַז ער וועט בלי־ספק אַסענטירט ווערן. איז ער אַריבערגעפאָרן קיין שינאָווע צו בעטן דעם הייליקן רב אויסצופועל׳ן פאַר אים ער זאָל נישט דאַרפן גיין אין מיליטער וואָס איז אַ מקום סכנה פאַר׳ן גוף און פאַר דער נשמה.

דער שינאָווער רב האָט אים געהייסן בלייבן אין שינאָווע אויף שבת, און ער זאָל ערשט אַהיימפאָרן די קומענדיקע וואָך. פרייטיק צו נאַכטס בשעת׳ן טיש, האָט אים דער שינאָווער רב געשיקט שיריים, באַטיטלנדיק אים מיט׳ן נאָמען ״צדוק״.

דער בחור האָט דערמאַנט פאַר׳ן שינאָווער רב אַז ער הייסט נישט צדוק נאָר חיים, אָבער מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער שיקט אים דער שינאָווער רב ווידעראַמאָל שיריים, און רופט אים נאָכאַמאָל ״צדוק״. דאָס זעלביקע האָט זיך איבערגעחזר׳ט צומאָרגנס ביים טיש עטלעכע מאָל, צו דער באַוואונדערונג פון דעם בחור.

אויך ביים געזעגענען זיך נאָך שבת, האָט דער שינאָווער רב אים אָנגעוואונטשן:

— צדוק! דער איבערשטער זאָל דיר העלפֿן מיט אַ ישועה, אַז דו זאָלסט נישט דאַרפֿן דינען אין מיליטער.

— אייך הייס דאָך נישט צדוק — האָט דער בחור געזאָגט. — איך הייס חיים.

— פֿאָר אַהיים, און מיר זאָלן הערן בשורות טובות.

ער איז אַהיימגעפֿאָרן, און האָט זיך געשטעלט צום מיליטער־אַמט. אַ דייטשער דאָקטאָר האָט אים אונטערזוכט, און האָט אים באַפֿרייט זאָגנדיק:

— ביסט צו־דיק, קענסט נישט זיין קיין געהעריקער זעלנער.

דאַן האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז ביים רופֿן אים "צדוק" האָט דער שינאָווער רב אויסגעפּועל׳ט אַז דער דאָקטאָר זאָל אים באַפֿרייען מיט׳ן תירוץ אַז ער איז "צו־דיק", טראָץ דעם וואָס אין אמת׳ן איז ער בכלל נישט געווען איבערוואָג...

* * *

און ווידעראַמאָל האָט דער שינאָווער רב באַפֿרייט אַ בחור פֿון מיליטער דורך זיין רוח הקודש:

אַ איד איז געקומען צום שינאָווער רב, און האָט מזכיר געווען אַז זיין זון מוז שטיין צום מיליטער, און ער דאַרף גרויס סייעתא דשמיא אַז מ׳זאָל אים נישט נעמען אַלס זעלנער.

דער שינאָווער רב האָט אים אָנגעוואונטשן אַ ישועה. דערנאָך זאָגט ער אים, אַז אויפֿ׳ן וועג אַהיימפֿאָרנדיק זאָל ער קויפֿן ציגאַרן, און ער זאָל נעכטיקן אין אַ געווויסן גאַסטהויז. (דער שינאָווער רב האָט אים געזאָגט גענוי וואו דאָס געפֿינט זיך). פֿאַרשטייט זיך, אַז דער איד האָט אַלץ אויסגעפֿאָלגט. ער איז אָנגעקומען אין דער קרעטשמע, און האָט דאָרט געדונגען אַ שטוב.

ביינאַכט קלאַפּט ביי אים אָפּ דער אידישער אייגנטימער פון גאַסטהויז, מיט אַ בקשה. ער האָט דערציילט, אַז עס זיינען אָנגעקומען חשוב׳ע עלעגאַנטע פּערזאָנען, צווישן זיי אַ דאָקטאָר, אַ גרויסער גענעראַל, און אַ מאַיאָר, זיי האָבן זיך אָנגעשיכור׳ט, און אַצינד פאַרלאַנגען זיי פון אים ציגאַרן, און אויב ער וועט נישט דערפילן זייער פאַרלאַנג, קענען זיי אים חלילה שלאָגן. האָט ער געפרעגט דעם גאַסט צי ער האָט ביי זיך ציגאַרן. דער איד האָט אים געענטפערט אַז יאָ, און ער האָט אים געגעבן עטליכע ציגאַרן.

מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער, קלאַפּט ווידער אָפּ דער בעל־הבית און בעט נאָך אַ פּאָר ציגאַרן. האָט דער איד אים צוגעגעבן נאָך ציגאַרן.

גייט דורך נאָך אַ שטיק צייט, און דער פאַרשוין קלאַפּט נאָכאַמאָל אָן, און בעט ווידער ציגאַרן. איז דאַן דעם איד איינגעפאַלן, אַז אפשר ליגט זיין ישועה אין די ציגאַרן וואָס ער טיילט. איז ער אַראָפּגעגאַנגען אין זאַל וואו די גויים האָבן געשיכור׳ט, און ער האָט מיט העפלעכקייט געגעבן יעדן פון די גויים אַ ציגאַר. די גויים האָבן אים זעהר געדאַנקט, ערקלערנדיק אַז זיי האָבן נאָך קיינמאָל נישט גערייכערט קיין ציגאַרן מיט אַזאַ געשמאַקן טעם, און זיי האָבן מיט דורשט אויסגערייכערט אויך די ציגאַרן. דערנאָך האָט ער זיך צעשמועסט מיט זיי, און ער איז געוואָר געוואָרן אַז דער דאָקטאָר און דער גענעראַל זיינען די יעניקע פאַר וועמען די יוגנט דאַרף שטיין צום מיליטער דאָ אין דער געגנט.

דער איד האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און האָט ביי זיי געבעטן צו באַפרייען זיין זון פון מיליטער־דינסט, און אַלס אנערקענונג פאַר די געשמאַקע ציגאַרן, האָבן זיי אים צוליב געטוהן.

אַזוי האָט דער שינאָווער רב מיט׳ן כוח פון רוח הקודש, און דורכ׳ן אַריינגעבן אַ געשמאַק אין ציגאַרן, געשענקט אַ איד אַ

ישועה... (געהערט פון ידידי האברך החסיד ירא ושלם ר׳ נטע לאַנדוי שי׳).

* * *

אַ חסיד איז אַמאָל געקומען אויף שבת קיין שינאָווע. זיצנדיק ביים טיש, האָט ער מהרהר געווען פאַרוואָס ער שפירט נישט קיין געהויבנקייט און קדושה ביים רבי׳ן.

דער שינאָווער רב האָט מרגיש געווען זיינע מחשבות און אויסגערופן:

— עס שטייט אין פרשת בראשית ״הלא אם תטיב שאת ואם לא תטיב לפתח חטאת רובץ״. פשט איז אַזוי, אם תטיב, אויב דו וועסט אויסבעסערן דיינע וועגן און וועסט תשובה טוהן איידער דו קומסט אַהער, שאת, וועסטו שפירן אַ דערהויבונג אין דיין נשמה, אָבער אם לא תטיב, אויב דו וועסט נישט אויסבעסערן דיינע וועגן, דאַן לפתח חטאת רובץ, איז די טיר פון דיין האַרץ פאַרשטעלט מיט עבירות, און זיי לאָזן נישט די קדושה אַריינגיין...

* * *

אַ דיין פון אַ שטאָט האָט פאַלשערהייט פאַרמסר׳ט פאַר׳ן שינאָווער רב, אַז אַ געוויסער שינאָווער חסיד וויל נישט קומען צו אים צו אַ דין תורה.

ביים שינאָווער רב איז אַ ״מסרב לדין״ געווען איינס פון די גרעסטע עבירות, און ער האָט אַזאַ איינעם בשום אופן נישט פאַרשווינט. דעריבער, ווען יענער חסיד איז געוואָר געוואָרן אַז זיין דיין האָט אים פאַרמסר׳ט, איז ער צומאָרגנס געפאָרן קיין שינאָווע כדי צו פאַרענטפערן זיך פאַר׳ן רבי׳ן. ביים אַריינקומען האָט ער דערוואַרט צו כאַפּן אַ פסק, דערווייל אָבער האָט אים דער שינאָווער רב זעהר שיין אויפגענומען, און האָט אים רוהיקערהייט געפרעגט צי מ׳רופט אים עפעס צו אַ דין תורה אין זיין שטאָט.

האָט דער חסיד דערציילט די גאַנצע מעשה ווי עס איז, און האָט ערקלערט ווי דאָס האַלטן אים פאַר אַ מסרב־לדין איז אַ פאַלשער בלבול.

זאָגט דערנאָך דער שינאָווער רב:

— ברוך השם, איך גלויב נישט דאָס וואָס איך דאַרף נישט גלויבן...

* * *

אַ פשוט׳ער קראָקעווער איד האָט זיך געמוזט שטעלן פאַר אַ שווערן און פאַרפּלאָנטערטן משפט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט אַן אַדוואָקאַט אויסצואַרבעטן טענות וואָס זאָלן אים ראַטעווען פון ווערן באַשטראָפט. אָבער נאָך לאַנגע באַמיאונגען, האָט דער אַדוואָקאַט נישט געקענט אויפקומען מיט פאַרענטפערונגען וואָס זאָלן אים קענען באַשיצן.

האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג צו פאָרן קיין שינאָווע. אָבער מחמת גרויסע שנייען איז ער פאַרהאַלטן געוואָרן אויפ׳ן וועג, און ווייסנדיק אַז מאָרגן קומט פאָר זיין משפט, האָט ער זיך צוריקגעקערט אַהיים מיט אַ צובראָכן האַרץ.

ביינאַכט האָט זיך דער איד געחלומ׳ט ווי ער באַקלאָגט זיך פאַר׳ן שינאָווער רב, און דער שינאָווער רב זאָגט אים טענות וואָס ער זאָל זאָגן אין געריכט כדי צו געווינען דעם משפט. ביים סוף האָט דער שינאָווער רב געהייסן ער זאָל אים צוברענגען נאָכ׳ן משפט אַ געוויסע סומע געלט.

ווען דער איד איז אין דער פרי אויפגעשטאַנען, האָט ער באַוואונדערט די קלוגע טענות וואָס האָבן זיך אים געחלומ׳ט, און ער האָט טאַקע ביים משפט פאָרגעלייגט די דאָזיקע רייד. ער האָט געוואונען דעם פּראָצעס, און אַלע אַדוואָקאַטן האָבן באַוואונדערט זיין שאַרפזיניקע המצאה.

דער איד איז נאָכ׳ן משפט אַריינגעפאָרן קיין שינאָווע, און באַלד ביים שלום געבן, פרעגט דער שינאָווער רב:

— האָסטו מיר געברענגט דאָס געלט וואָס דו קומסט מיר?...

ווען הגה״צ רבי דוד׳ל קשאַניוער זצ״ל האָט געהערט די מעשה, איז ער שטאַרק נתפעל געוואָרן, זאָגנדיק:

— כ׳ווייס אַז מיין ברודער איז אַ בעל מופת. אָבער כ׳האָב נישט געוואוסט אַז ער האַלט שוין ביי אַזאַ הויכער מדרגה צו העלפן מענטשן וואָס זיינען למעשה נישט געווען ביי אים נאָר זיי האָבן בלויז פראָבירט צו פאָרן צו אים. און נאָך דערצו איז דער איד גאָר געווען אַ פרעמדער מענטש, נישט קיין שינאָווער חסיד, און דאָך האָט ער געוואוסט צו קומען אין חלום און אים העלפן...

* * *

נאָך אַ מעשה ווי דער שינאָווער רב האָט אויסגעפועל׳ט צו ראַטעווען אַ איד פון אַ צרה רח״ל דורך אַ וואונדערלעכער המצאה, דערציילט הרבני החסיד מו״ה אליעזר מענדל דאָרמאַן שיחי׳:

אין אַ דאָרף נעבן שינאָווע האָט געוואוינט אַ שוחט, און אין זיין שכנות האָט געוואוינט אַ גוי וואָס האָט געהאַט אַ גיט. דער גוי פלעגט פון צייט צו צייט פאָרן מיט זיין ווייב אין שטאָט אַריין, כדי צו פאַרקויפן הינער, אייער, און דאָס גלייכן, און דעם פינף־יעריקן זון וואָס זיי האָבן געהאַט, פלעגן זיי איבערלאָזן אַליין אין דער היים.

איינמאָל, ווען דער גוי איז געפאָרן אין שטאָט אַריין צום מאַרק, איז דאָס קינד פון שוחט, אַ זעקס־יעריק אינגל, געגאַנגען זיך שפילן מיט דעם גוי׳ישן קינד וואָס האָט געהייסן ״יאַשעק״. שפּעטער־צו קומט דעם שוחט׳ס זון אַהיים צום פאָטער מיט אַ שמחה, און ער רופט אויס:

— טאַטע! יאַשעק איז כשר!

— וואָס הייסט? — וואונדערט זיך דער פאָטער.

— כ׳האָב אים געשאָכטן! — ענטפערט דאָס אינגל.

ווען דער פאָטער האָט דאָס געהערט, איז אים די נשמה שיער אַרויס. ער האָט געוואוסט אַז ווען זיינע שכנים וועלן קומען אַהיים און אויסגעפינען אַז זיין זון האָט געהרג׳עט זייער איינציק קינד, וועלן זיי זיך נוקם זיין אין זיין זון און אין אים. איז ער שנעל געלאָפן צום הייליקן שינאָווער רב.

נאָכ׳ן אויסהערן דעם איד׳ס ביטערע געוויינען, האָט אים דער שינאָווער רב צוגעזאָגט:

— האָסט דיך נישט וואָס צו זאָרגן, פאָר אַהיים און אַלץ וועט מיט׳ן אויבערשטנ׳ס הילף זיין גוט.

דער איד איז מיט בטחון אַהיימגעפאָרן, און האָט פון דער ווייטנס געזען ווי אַ גרויסער רויך גייט אַרויף אין זיין געגנט. צוקומענדיק נענטער האָט ער געזען, אַז דאָס הויז פון גוי איז אַרומגענומען מיט פלאַמען. דאָס הויז האָט אינגאַנצן אָפּגעברענט, און דורכדעם איז דער שוחט ניצול געוואָרן מיט׳ן לעבן, ווייל ווען די גוי׳ישע שכנים זיינען אַהיימגעקומען, האָבן זיי אָנגענומען אַז זייער קינד איז אומגעקומען אין פייער...

* * *

ווידער האָט געטראָפן:

אַ שינאָווער חסיד מיט׳ן נאָמען ר׳ ראובן פון קאָרטשין, האָט זיך באַקלאָגט פאַר׳ן שינאָווער רב אַז ער דאַרף שטיין פאַר אַ שרעקלעכן געריכט. האָט אים דער שינאָווער רב צוגעזאָגט אַ ישועה.

אין אָנהויב פון משפט, האָט מען געהייסן דעם באַשולדיקטן

דער חסיד פרייט זיך ווען דעם גוייס הויז ברענט.

מענטש אויפשטיין, און מ׳האָט אים געפרעגט זיין נאָמען. ווען דער איד האָט געענטפערט ווי ער הייסט, האָט דער ריכטער נאָכגעקוקט די באַשולדיקונגס־פּאַפּירן וואָס ער האָט געהאַט, און האָט ערקלערט אַז דאָרט געפינט זיך אַן אַנדערער נאָמען, ממילא איז דאָס נישט דער זינדיקער מענטש. מ׳האָט אים זאָפאָרט באַפרייט...

## זיין כח אין ברענגען רפואות

וואונדערלעכע מעשיות ווערן דערציילט ווי אַזוי דער שינאָווער רב האָט אויסגעהיילט ערנסטע און אויפגעגעבענע חולאים ל״ע. דער אויבערשטער, דער רופא כל בשר ומפליא לעשות, האָט געטוהן דעם רצון פון דעם צדיק, און געשיקט אַ רפואה פאַר די צעבראָכענע נפשות.

הרה״ג דער קירכדאָרפער רב ז״ל איז אַמאָל געפאָרן קיין שינאָווע מזכיר זיין אַ חשוב׳ע פרוי וואָס איז זעהר ערנסט קראַנק געוואָרן ר״ל. אָנקומענדיק האָט ער געזען ווי אַ איד זיצט אין דרויסן נעבן דער טיר פון שינאָווער רב׳ס הויז. פרעגט ער יענעם צי ער קען אַריינגיין צום רבי׳ן. ענטפערט יענער:

— איך בין נישט דער גבאי, גייט אַריין אינווייניק. אָבער איך וויל אייך מייעץ זיין, אויב איר ווילט אַ ישועה, זאָלט איר וויסן אַז דער רבי וועט זיך אַרויסדרייען פון צוזאָגן אַ ישועה זאָגנדיק אַז ער איז נישט בכוח דערצו. דעריבער זאָלט איר זעהר שטאַרק בעטן ביים רבי׳ן, און ווען דער רבי וועט אַרויפלייגן זיין קאָפּ אויף דער האַנט און טיף אַריינטראַכטן, דאַן זאָלט איר וויסן אַז איר זענט געהאָלפן געוואָרן.

און יענער האָט ווייטער דערציילט:

— אין דער שטאָט וואו איך האָב געוואוינט, איז געווען אַ

פרוי פון ווען דער מאַן איז אַנטלאָפן שוין אַ היפּשע פּאָר יאָר. איז זי געקומען קיין שינאָווע צום רבי׳ן. אין אָנהויב האָט דער שינאָווער רב געזאָגט אַז ער קען איר נישט העלפן. האָט זי זיך אָבער איינגעשפּאַרט און געזאָגט, אַז זי וועט נישט אַרויסגיין ביז דער רבי וועט איר זאָגן וואו איר מאַן איז. לייגט דער שינאָווער רב אַרויף דעם קאָפּ אויף דער האַנט, און דערנאָך זאָגט ער: ״פאָרט קיין בעלגיע״. האָט די פרוי אַזוי געטוהן, און זי האָט דאָרט געפונען דעם מאַן און באַקומען אַ גט. ווען די פרוי איז אַהיימגעקומען צו אונז, האָט זי דערציילט די מעשה. האָב איך געטראַכט: אויב עס זיצט אין שינאָווע אַזאַ הייליקער מענטש, אַן אָפּענער בעל רוח הקודש, דאַן פאַרקויף איך דעם אַפּטייק וואָס איך האָב אין שטאָט און איך ווער אַ ״יושב״ ביים שינאָווער רב, ווייל איך וויל האָבן די זכיה אָפּצולעבן מיינע יאָרן אין הויף פון אַזאַ צדיק.

דער קירכדאָרפער רב איז אַריינגעגאַנגען, און האָט מזכיר געווען די פרוי. דער שינאָווער רב האָט קודם נישט געוואָלט צוזאָגן אַ ישועה, אָבער דער קירכדאָרפער רב האָט שטאַרק געבעטן, ביז דער שינאָווער רב האָט אַרויפגעלייגט דעם קאָפּ אויף דער האַנט, האָט אַריינגעטראַכט אַביסל, און דערנאָך געזאָגט:

— פאָרט אַהיים. ווען איר וועט אָנקומען, וועט איר טרעפן די חברה קדישא ביי דער פרוי׳ס בעט, ווייל זי וועט האַלטן ביים נפטר ווערן. זאָלט איר צוגיין און געבן איר אַ גלאָז וואַסער צו טרינקען, וועט זי האָבן אַ רפואה שלימה.

אַזוי איז טאַקע געווען, דער קירכדאָרפער רב האָט געטוהן ווי דער שינאָווער רב האָט געהייסן, און די פרוי איז געזונט געוואָרן!

* * *

הרה״ג דער טשאַקעווער רב ז״ל האָט דערציילט:

עס איז אַמאָל געקומען צום שינאָווער רב אַ איד וואָס איז ל״ע געווען אַ חולה נופל (ער איז פון צייט צו צייט פלוצלונג אומגעפאַלן, רחמנא ליצלן). האָט אים דער שינאָווער רב געגעבן איינעם פון זיינע י״ב חלות אויף וועלכע ער האָט זיך געוואַשן שבת, ער האָט אים געהייסן אָפּבינדן אַ שטריקל דערצו, און עס אויפהענגען אַרום זיין האַלדז. דער איד האָט אַזוי געטוהן, און כל זמן ער האָט געטראָגן די חלה, האָט ער נישט געליטן פון דער מחלה.

אויף שבת הגדול איז דער חסיד געקומען קיין שינאָווע, ווילנדיק פרעגן דעם רבי׳ן וואָס צו טוהן פסח ווען ער מוז מבער זיין די חלה. מוצאי שבת, האָט דער שינאָווער רב אים צוגערופן און האָט ביי אים געבעטן די חלה. ער האָט גענומען די חלה, און מיט דער הבדלה־ליכט האָט ער עס אַרומגעברענט, ביז ס׳איז געוואָרן ווי אַ פאַרברענטע קויל. דערנאָך האָט ער עס צוריקגעגעבן דעם איד זאָגנדיק:

— אַצינד מעגסטו עס טראָגן אַפילו פסח. קיין ״בל יראה״ איז שוין נישטאָ דערויף ווייל עס איז נפסל מאכילת כלב. אָבער די סגולה איז נישט אָפּגעטוהן געוואָרן דערפון.

דער איד האָט מאריך ימים געווען, און דער טשאַקעווער רב האָט געדענקט ווי ער האָט די פאַרברענטע חלה געטראָגן אויף זיך ביז׳ן לעצטן טאָג.

* * *

אויך איז דער שינאָווער רב געווען געבענטשט מיט אַ הייליקן כוח אין די הענט אויסצוהיילן קראַנקהייטן.

ווען דער שינאָווער רב איז געווען אין שטאָט טעגלאַש, איז צו אים געקומען אַ חסיד מיט׳ן נאָמען ר׳ מאיר ראָזענפעלד, און האָט זיך צעוויינט אַז עס האָט גענומען ל״ע אַרויסקומען אַ געוויקס אויף זיין אויג, און די דאָקטוירים זאָגן אַז ער איז אין אַ סכנה. דער

שינאָווער רב האָט מיט זיינע הייליקע הענט געטאַפּט אויפ׳ן אויג, און האָט אויסגערופן:

— כ׳ווייס נישט וואָס זיי ווילן, עס איז דאָך גאָרנישט דאָ קיין געוויקס...

צומאָרגנס איז ער געגאַנגען צום דאָקטאָר, און דער דאָקטאָר האָט מ׳יט פאַרוואונדערונג געזאָגט אַז דאָס געוויקס איז פאַרשוואונדן...

דער שינאָווער רב האָט אַמאָל געשמועסט וועגן דעם כוח וואָס דער ערשטער בעלזער רב זי״ע האָט געהאַט אין זיין האַנט, אַז ווען ער האָט אָנגערירט אַ חולה האָט ער אים דערביי אויסגעהיילט. האָט דער שינאָווער רב ערקלערט, אַז ווען אַן אבר טוט וויי, איז דאָך דאָס אַ סימן אַז דער אבר האָט געזינדיקט און די קדושה דערפון איז אַוועקגעגאַנגען, דערפאַר האָט ער דערין יסורים ווייל קדושה איז דאָס חיות פון אַן אבר. דעריבער ווען דער בעלזער רב האָט אַדורכגעפירט זיין הייליקע האַנט אויף יענעם אבר, האָט ער אַרויפגעגעבן דערויף קדושה, איז די קראַנקהייט ממילא אַוועק...

און אויפ׳ן זעלבן דרך האָט דער שינאָווער רב אויסגעהיילט חולאים מיט זיין האַנט וואָס איז געווען אויסגעהייליקט מיט קדושה, ווי הרה״ק רבי משה׳לע ראָזוואַדאָווער זי״ע פלעגט זאָגן:

— יעדן טאָג געב איך אַ פּרוטה פאַר צדקת רבי מאיר בעל הנס, אַז דער שינאָווער רב זאָל מאריך ימים זיין. ער איז אַ איד וואָס זיינע אַלע אברים און גלידער זיינען אויסגעלייטערט פאַר׳ן איין־איינציקן באַשעפער...

הרה״צ רבי משה׳לע דאָמבראָווער זצ״ל האָט אַמאָל געהאַט גרויסע יסורים אויף דער האַנט. איז ער אַריינגעפאָרן צום הייליקן צאַנזער רב זי״ע. דער צאַנזער רב האָט מיט זיינע פינגער באַטאַפּט ר׳ משה׳לעס גאַנצע האַנט, און האָט אים אויף יעדעס אָרט געפרעגט צי דאָ טוט אים וויי. נישט שפּירנדיק קיין ווייטאָג אויף

יענעם אָרט, האָט ר׳ משה׳לע געענטפערט — ניין. נאָכ׳ן דורכטאַפּן די גאַנצע האַנט, זאָגט אים דער צאַנזער רב:

— זעהסט דאָך אַז ס׳טוט דיר נישט ווי...

און אַזוי איז טאַקע געווען. די יסורים זיינען פולקאָם פאַרשוואונדן.

אַ צייט נאָך דער פּטירה פון צאַנזער רב, זיינען די יסורים צוריקגעקומען. איז ער געקומען צום שינאָווער רב, און האָט אים דערציילט וואָס דער צאַנזער רב האָט אים געטוהן כדי אָוועקצונעמען זיינע ווייען. רופט זיך אָן דער שינאָווער רב:

— ווייז מיר נאָר דיין האַנט.

דער שינאָווער רב האָט אים באַטאַפּט די גאַנצע האַנט, און די יסורים זיינען ווידער פאַרשוואונדן...

* * *

הרבני החסיד ר׳ חיים זילביגער פון אָשפּיצין, איז אַמאָל געווען ביים שינאָווער רב אויף שבת. אינמיטן דאַוונען איז געוואָרן אַ טומל, ווייל עס האָט אַ אידן אין בית המדרש אָנגעכאַפּט שרעקלעכע שמערצן אין זיין בויך.

האָט דער שינאָווער רב צוגערופן ר׳ חיים׳ען, און האָט אים געהייסן צוגיין צום חולה און אים דערוואַרימען דעם בויך. איז ר׳ חיים צוגעגאַנגען צום אויוון, ער האָט אַראָפּגענומען דאָס שטערצל (דעקל) וואָס איז געווען אויפ׳ן טאָפּ ״טשאָלנט״, און האָט עס צוגעלייגט צום בויך פון חולה. אין דער מינוט האָבן זיך די יסורים אָפּגעטוהן פונ׳ם חולה.

די מעשה האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט, און זינט דעמאָלט פלעגט מען רופן ר׳ חיים׳ען צו קראַנקע מענטשן אין אָשפּיצין. מיט זיין אמונה פשוטה, פלעג ר׳ חיים מיטנעמען צום חולה אַ

שטערצל פון אַ וואַרימען טאָפּ, און ער האָט טאַקע באַוויזן אויסצוהיילן קראַנקע מענטשן פון זייערע יסורים... (געהערט פון הרה"ח המפואר בנש"ק ר' צבי אלימלך קאָרנרייך שי').

* * *

אַמאָל חול המועד סוכות איז צום שינאָווער רב געקומען אַ איד פון יאַשניצע, און האָט מיט הייסע טרערן מזכיר געווען זיינס אַ קינד, וועלכער האָט אַריינגעלייגט אַרבעס אין אויער, און די אַרבעס האָבן אויפגעיוערן און זיינען אַרויף ביים מוח, און דאָקטוירים האָבן פעסטגעשטעלט אַז אַפילו אַן אָפּעראַציע וועט נישט העלפן. דער שינאָווער רב האָט אים אָנגעוואונטשן אַ רפואה שלימה.

די נאַכט פון הושענא רבא בשעת דער שינאָווער רב האָט געבונדן הושענות, איז דער איד ווידער אַריינגעגאַנגען און האָט ביטער געוויינט אויף זיין קינד'ס מצב. דער שינאָווער רב האָט געפרעגט צי אַ דאָקטאָר גיט זיך כסדר אָפּ מיט דעם קינד. האָט דער איד געענטפערט, אַז אַ בייהעלפער פון אַ דאָקטאָר קומט יעדן טאָג אַ קוק טוהן אין אויער, און ער זאָגט אַז דער מצב פאַרערגערט זיך ל"ע.

דערציילט אים דער שינאָווער רב אַ מעשה:

ס'איז אַמאָל געווען אַ איד וואָס האָט געהאַט אַן ערנסטע קראַנקהייט ל"ע אין זיין נאָז, און די גרעסטע דאָקטוירים האָבן אים אויפגעגעבן. איז ער געפאָרן צום הייליקן רבי'ן ר' שלומ'קע בעלזער זיך מזכיר זיין. הייסט אים דער בעלזער רב פאָרן קיין לעמבערג צו דאָקטאָר ראַפּאַפּאָרט. דער דאָקטאָר האָט אַריינגעקוקט אין דעם איד'ס נאָז און האָט אויך באַשטעטיקט אַז ער האָט אַן אומהיילבאַרע מחלה רח"ל. אָבער פלוצלונג בשעת'ן אונטערזוכן האָט די מכה געפּלאַצט, און עס האָט זיך אַרויסגעגאָסן פיל בלוט און אייטער. דער דאָקטאָר האָט דערנאָך

ווידער אַריינגעקוקט אין דער נאָז, און האָט דערקלערט אַז די מכה וועט זיך פאַרהיילן, וכן הוה. ער האָט דאַן געפרעגט דעם איד: "זאָג מיר נאָר, ווער האָט דיך אַהערגעשיקט?". ענטפערט ער, — דער בעלזער רב. רופט אויס דער דאָקטאָר: "אַלעמאָל טוט מיר דער בעלזער רב אַזעלכע זאַכן..."

דער שינאָווער רב האָט אויסגעפירט:

— רשעים טוען נישט קיין תשובה אַפילו ווען זיי שטייען שוין ביי דער טיר פון גיהנום. דאָקטאָר ראַפּאַפּאָרט האָט פיל מאָל געזען וואונדערלעכע נסים, אָבער ער האָט נישט קיין תשובה געטוהן.

נאָכ׳ן דערציילן דעם סיפּור, האָט דער שינאָווער רב אָנגעוואונטשן דעם איד אַ ישועה.

שמחת תורה ערהאַלט דער איד אַ בריוו פון זיין פרוי אין יאַשניצע, אין וועלכן זי דערציילט אים אַז די נאַכט פון הושענא רבה איז דער באַהעלפער פון דאָקטאָר געקומען צום קינד, און פלוצלונג האָט אַרויסגעפּלאַצט פון אויער אַ שטראָם פון אייטער, און די שטיקלעך אַרבעס האָבן נאָכגעפאָלגט. דער דאָקטאָר איז שפּעטער געקומען, און נאָכ׳ן אונטערזוכן דאָס קינד האָט ער דערקלערט אַז דאָס קינד וועט איינגיכן האָבן אַ רפואה שלימה.

דער איד איז אַריינגעלאָפן צום שינאָווער רב, און האָט אים מיט שטוינונג דערציילט די פּאַסירונג, אָבער דער שינאָווער רב האָט אים געזאָגט:

— ס׳וועט זיין אַ טובה פאַר אונזביידע, אַז דו זאָלסט נישט דערציילן און רעדן פון דעם ענין...

* * *

ווידעראַמאָל האָט דער שינאָווער רב געפּועל׳ט אַ ישועה דורך דערציילן אַ מעשה, ווי עס פלעג איבערגעבן הרה״ק דער

באָבובער רב זצ״ל הי״ד, וועלכער האָט אַליין בייגעוואוינט די פּאַסירונג:

מ׳האָט מזכיר געווען פאַר׳ן שינאָווער רב אַ קראַנק קינד ל״ע, וועמען די דאָקטוירים האָבן נישט געקענט אויסהיילן. די מעדיצינען וואָס זיי האָבן געגעבן האָבן גאָר פאַרערגערט דעם מצב.

דערקלערט דער שינאָווער רב:

— אויב פון הימל וויל מען דאָס קינד אויסהיילן, וועט קומען אַ מענטש אַפילו פון יענעם עק וועלט צו ברענגען אים אַ רפואה.

און דערביי האָט דער שינאָווער רב דערציילט אַ מעשה:

דער באַוואוסטער גרויסער גביר מיט׳ן נאָמען ״פּינטע קצין״, האָט געהאַט אַ קאַמער אין קעלער טיף־טיף אונטער זיין הויז, וואו עס איז געווען פאַרשלאָסן זיין ריזן־פאַרמעגן פון געלט, גאָלד, זילבער, פּערל, דיאַמאַנטן־שטיינער, און דאָס גלייכן. דער קאַמער איז געווען אַ פעסט־פאַרמויערטע שטוב מיט דיקע פעלזערנע ווענט, און די טיר איז געווען אַ שווערע, פון אייזן. צוליב פאַרזיכערונג האָט ער געמאַכט אַ פּאַטענט, אַז אויב וועט אימיצער באַקומען די שליסלען און עס וועט אים געלינגען אַריינצוגיין אין דעם קאַמער, זאָל זיך די טיר פאַרמאַכן אונטער אים אַז ער זאָל נישט קענען אַרויסגיין פון דאָרט. בלויז ער אַליין האָט געוואוסט ווי אַזוי אַריינצוגיין אין קאַמער און לאָזן די טיר אויפגעשלאָסן, ער זאָל קענען דערנאָך אַרויס.

איינמאָל, ווען ער איז געגאַנגען באַקוקן זיין אוצר, האָט בטעות די טיר זיך פאַרשלאָסן אונטער אים, און ער איז געבליבן שטעקן אין קאַמער. ער האָט געשריגן אויפ׳ן העכסטן קול מ׳זאָל קומען אויפברעכן די טיר, אָבער זייענדיק אַזוי טיף אין דער ערד און אונטער אַזעלכע דיקע מויערן, איז זיין קול נישט אַרויס פון צימער. עס זיינען דורכגעלאָפן אַ היפּשע פּאָר שעה, און ער האָט

איינגעזען אַז ער וועט קיינמאָל נישט אַרויס פון דאָ נאָר ער וועט שטאַרבן דאָ פון הונגער ל״ע, האָט ער אויפגעשריבן אויף דער וואַנט מיט בלוט פון זיין פינגער: ״זאָל יעדער וויסן אַז איך דער גרויסער גביר פינטע קצין, בין געשטאָרבן פון הונגער זייענדיק אַרומגערינגלט מיט מיין אומשעצבאַרן פאַרמעגן״...

ווי די נאַכט איז צוגעפאַלן און פינטע קצין איז נישט אַהיימגעקומען, האָט זיין משפחה זיך גענומען זאָרגן און נאָכפאָרשן וואו דער פאָטער איז אַהינגעקומען. מ׳האָט אַרומגעשיקט שליחים אין אַלע עקן לאַנד אים אויפצוזוכן, אָבער מ׳האָט אים נישט געפונען. נאָך אַ פּאָר חדשים ווען די משפחה האָט געזען אַז ער איז נישט צוריקגעקומען, האָבן זיי אָנגענומען, אַז ער איז מסתמא געשטאָרבן ערגעץ אין אַ וואַלד אָדער דערטרונקען געוואָרן אין אַ ים. זיינען זיי געגאַנגען איינטיילן זיך מיט זיין גוואַלדאָווגער ירושה. אָנקומענדיק צום קאַמערל, האָבן זיי אויפגעבראָכן די טיר, און זיינען געבליבן שטיין מיט שרעק און שוידער זעענדיק ווי זייער פאָטער ליגט טויט. מיט ציטער האָבן זיי געלייענט די אויפשריפט וואָס ער האָט אָנגעשריבן אויף דער וואַנט...

דער שינאָווער רב האָט דאָ ערקלערט ווי מ׳דאַרף פון דעם אַרויסלערנען אַ מוסר השכל, אַז געלט פאַר זיך אַליין איז גאָרנישט ווערד, דער גאַנצער תועלת דערפון איז בלויז אַז מ׳קען דערפון קויפן עסנוואַרג און קליידונג, אָבער אויב מ׳קען נישט איינקויפן די זאַכן, דאַן איז עס נישט מער ווי אַ פשוט שטיקל אייזן אָדער ווי אַ שטיין פון דער ערד (זע גיטין דף נ״ו ע״א). פונדעסטוועגן לויפן מענטשן נאָכ׳ן געלט, און זיי זיינען קיינמאָל נישט צופרידן מיט וויפיל זיי האָבן...

די משפחה האָט געמאַכט אַ גרויסע לוויה פאַר׳ן פאָטער, און האָבן שפעטער גענומען איינטיילן די ירושה. אַרומזוכנדיק, האָבן זיי געפונען אין זיין אוצר אַ גרויסן דיאַמאַנט־שטיין, וואָס האָט געבלישטשעט מיט וואונדערלעכער פראַכטפולקייט. האָבן זיי

פינטע קצין פאַרשלאָסן אין דעם קאַמער פון זיינע אוצרות.

באַשלאָסן צו פאַרקויפן דעם שטיין און צעטיילן דאָס געלט גלייך צווישן אַלע. זיי האָבן גענומען נאָכפרעגן זיך ווער עס איז פאַראינטערעסירט אין אַזאַ טייערן שטיין און ער קען צאָלן די ריזיקע סומע וואָס עס איז ווערד, ביז זיי זיינען דערגאַנגען אַז דער סולטאַן פון טערקיי האָט ליב און קלויבט צוזאַמען דיאַמאַנטן־שטיינער. האָבן זיי געשיקט צוויי ברידער מיט'ן שטיין צום סולטאַן.

ווי נאָר דער סולטאַן האָט אַ בליק געטוהן אויפ'ן שטיין, האָט זיין געזיכט אויפגעלויכטן, דערקוויקנדיק זיך מיט דער שיינקייט דערפון. ער האָט זיי געזאָגט אַז עס איז נישטאָ נאָך אַזאַ שטיין אויף דער גאַנצער וועלט. זיין האַרץ האָט שטאַרק געגלוסט איינצושאַפן זיך דעם דיאַמאַנט, און ער האָט זיי אָנגעבאָטן אַ ריזיקן סכום געלט וואָס ער וועט זיי באַצאָלן דערפאַר. האָבן זיי ביי זיך געטראַכט, אַז היות דער סולטאַן וויל קויפן דעם שטיין, האָט ער עס מסתמא אָפּגעשאַצט אויף אַ קליינער סומע. זאָגן זיי, אַז זיי ווילן מיט אַ דריטל מער געלט ווי ער האָט אָנגעבאָטן. אָבער דער סולטאַן האָט נישט געוואָלט געבן מער, זאָגנדיק אַז די סומע וואָס ער וויל געבן, דאָס איז אַקוראַט די ווערד פון דעם שטיין. זיי האָבן זיך געדונגען מיט אים אַ שטיק צייט, אָבער זיי זיינען נישט געקומען מיט אים צו קיין פאַרגלייך. האָבן זיי גענומען דעם שטיין און זיינען אַרויסגעגאַנגען.

זיי האָבן ביי זיך געטראַכט, אַז היות ס'איז געווען קענטיק אויפ'ן סולטאַנ'ס פנים אַז ער גלוסט שטאַרק צום שטיין, און דער סולטאַן ווייסט דאָך אַז ס'איז נישט פאַראַן נאָך אַזאַ שטיין איבער דער גאָרער וועלט, וועט ער זיכער נישט פאַרנאַכלעכסיקן די געלעגנהייט וואָס עס איז אים אונטערגעקומען זיך איינצושאַפן עס, נאָר ער וועט געוויס נאָכשיקן אַ שליח נאָך זיי און צושטימען צו באַצאָלן זייער פּרייז. זיינען זיי אַוועקגעפאָרן, און האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין הויז פון אַ דאָרפסמאַן נעבן דער טערקישער גרעניץ, וואַרטנדיק דאָרט אויפ'ן סולטאַנ'ס שליח.

אינצווישן האָבן זיי זיך גענומען רעכענען פאַרשידענע חשבונות פון דער איבעריקער ירושה, אָבער היות אין יענער שטוב איז געלעגן אַ קליין קינד אין אַ בעטל און האָט זעהר געוויינט, האָט זיי דאָס געוויין געשטערט אין מאַכן די חשבונות. האָבן זיי דערלאַנגט פאַר׳ן קינד דעם בלישטשענדיקן שטיין, און דאָס קינד, דערזעענדיק די קאָלירפולע ליכטיקייט, האָט זיך געשפּילט דערמיט מיט פרייד און איז שטיל געבליבן. די ברידער האָבן זיך פאַרזוימט דאָרט אַ היפּשע צייט, און ווען זיי האָבן געזען אַז דער שליח פון סולטאַן קומט נישט, האָבן זיי צוריקגענומען דעם שטיין פונ׳ם קינד, און באין ברירה צוריקגעקערט זיך צום סולטאַנ׳ס פּאַלאַץ, זאָגנדיק צו אים אַז זיי האָבן זיך באַרעכנט און זיינען מסכים צום פּרייז וואָס ער האָט אָנגעבאָטן.

דער סולטאַן האָט מיט באַגייסטערונג גענומען דעם שטיין, און האָט אַריינגעקוקט דערין. אָבער פּלוצלונג גיט ער אַ זאָג מיט אויפרעגונג:

— איך וויל נישט דעם דאָזיקן איינפאַכן שטיין. וואו איז דער אַנדערער שטיין, וואָס איר האָט פריער געהאַט?

שמייכלען די ברידער און זאָגן:

— צי מיינט דער סולטאַן אַז מיר וועלן אים געבן דעם שטיין פאַר ביליגער מחמת זיין אויסרייד אַז עס איז אַן אַנדערער שטיין? אָט דאָס איז דער טייערער שטיין וואָס מיר האָבן פריער געהאַט, און מיר וועלן נישט נאָכלאָזן קיין איין פּרוטה פונעם פּרייז וואָס דער סולטאַן האָט פריער באַשטימט.

אָבער דער סולטאַן שרייט־אויס:

— איר זענט גנבים, און ווילט מיך אויסנאַרן מיט אָט־דעם נאָכגעמאַכטן שטיין וועלכער האָט געגנבעט די גרויסקייט און די וואָג פון דעם אַנדערן שטיין. איך וועל אייך באַשטראָפן דערפאַר!

אָבער די ברידער שווערן און פאַרזיכערן, אַז זיי האָבן נישט חלילה אויסגעטוישט דעם שטיין און אַז די מעשה איז אַ בלבול.

— זאָל דער סולטאַן אַליין זאָגן — האָבן זיי געטענה'ט — צי איז דען מעגלעך נאָכצומאַכן אַ שטיין פּינקטלעך צו דער האָר ווי אַן אַנדער שטיין?

האָט דער סולטאַן געזאָגט:

— איר האָט רעכט, מ'קען טאַקע נישט נאָכמאַכן פּינקטלעך מיט אַלע איינצלהייטן. דערציילט מיר אָבער וואו איר זענט געווען, און וואָס איר האָט אַלץ געטוהן מיט דעם שטיין פון ווען איר האָט פאַרלאָזט מיין פּאַלאַץ ביז אַצינד.

האָבן זיי דערציילט, אַז זיי זיינען געווען אין אַ הויז נעבן דער גרעניץ, און האָבן געגעבן דעם שטיין צו אַ וויינענדיק קינד. זאָגט דאַן דער סולטאַן:

— צום באַדויערן איז די זאַך שוין פאַרשטענדלעך. פרעגט זיך נאָך, ווען איר געוואָהר ווערן אַז דאָס קינד איז געווען קראַנק. דער שטיין האָט פון זיך אַרויסגעגעבן די סגולה און דעם היילונגס־קראַפט וואָס איז אין אים געווען פאַרבאָרגן, און האָט דעם כוח אַריינגעגעבן אין קינד און עס אויסגעהיילט. דערפאַר האָט עס דערנאָך אויפגעהערט צו וויינען. איז דעריבער דער שטיין געבליבן אויסגעליידיקט פון איר גאַנצער ווערד, ווייל דערפאַר ווערן די טייערע שטיינער אָנגערופן (קהלת ב', ח', ועי' רש"י יתרו י"ט ה') "סגולת מלכים", ווייל זיי אַנטהאַלטן פאַרשידענע סגולות וואָס דער באַשעפער האָט אין זיי אַריינגעלייגט, (עי' בבא בתרא דף ט"ז ע"ב, אבן טובה היתה תלויה בצווארו של אברהם אבינו שכל חולה הרואה אותו מיד מתרפא). דער שטיין האָט געהאַט די סגולה פון אויסהיילן, און ווען די סגולה איז אויסגענוצט געוואָרן, איז דער שטיין געוואָרן הויל פון זיין גלאַנץ און פראַכט.

די ברידער האָבן נאָכגעפאָרשט די זאַך, און האָבן ליידער געטראָפן אַז דער סולטאַן איז גערעכט.

האָט דער הייליקער שינאָווער רב אויסגעפירט:

— די ברידער האָבן געמיינט, אַז זיי פאָרן קיין טערקיי מיט דער אויפגאַבע צו פאַרקויפן אַ טייערן שטיין, אָבער אין אמת'ן האָט דער אויבערשטער זיי דאָרט אַהינגעשיקט כדי אויסצוהיילן אַ קראַנק קינד, און ער האָט צוגעפירט אַז זיי זאָלן זיך דינגען אויפ'ן קעניג'ס פרייז און צופאָרן צו דער אכסניא צו וואַרטן אויפ'ן קעניג'ס שליח. זעען מיר דערפון אַז אויב מען וויל פון הימל שיקן אַ רפואה פאַר אַ קראַנקן, דאַן קען קומען אַ מענטש פון אַנדערן עק וועלט און ברענגען אַ רפואה...

האָט דער באָבובער רב זצ"ל איבערגעגעבן, אַז ווי נאָר דער שינאָווער רב האָט פאַרענדיקט די מעשה, איז אָנגעקומען אין שטאָט אַ דאָקטאָר פון אַ זעהר ווייטער מדינה, און מ'האָט אים געבעטן אונטערצוזוכן דאָס קינד. דער דאָקטאָר האָט זאָפאָרט אָנגעשריבן אַ רעצעפּט, און דאָס קינד איז אינגיכן אויסגעהיילט געוואָרן.

דאַן האָט מען פאַרשטאַנען פאַרוואָס דער שינאָווער רב האָט דערציילט באריכות די מעשה, ווייל דאָס דערציילן איז געווען ווי אַ תפילה מעורר רחמים צו זיין אַז דער אויבערשטער זאָל ברענגען פון דער ווייטנס אַ רפואה במהרה.

* * *

און אָט איז נאָך אַ פאַל ווי דער שינאָווער רב האָט זיך באַנוצט מיט אַ מעשה אויסצופירן אַן ענין:

עס איז געווען אינמיטן חודש טבת, און די לבנה האָט זיך נישט געהאַט באַוויזן אַ גאַנצן חודש. מוצאי שבת איז אויסגעפאַלן די לעצטע נאַכט וואָס מ'האָט געמעגט מחדש זיין די לבנה.

נאָך מעריב, הייסט דער שינאָווער רב מ׳זאָל אים ברענגען דעם ״טיליפּ״, ווייל ער וויל גיין מחדש זיין די לבנה.

רופט זיך אָפּ איינער:

— עס איז פאַרוואָלקנט, און ס׳איז נישטאָ קיין אויסזיכט אויף אַ לבנה.

זאָגט דער שינאָווער רב:

— אַלס יונגערמאַן, בין איך אַמאָל געווען ביי הרה״ק רבי חיים קאָסובער זצ״ל. האָב איך מיך באַקלאָגט פאַר אים אַז איך האָב יענעם חודש נאָך נישט מחדש געווען די לבנה, די צייט איז קורץ, און דער הימל איז פאַרוואָלקנט. זאָגט מיר דער קאָסובער: אויב וועסט שטעלן פינף פערטלעך מעד, וועסטו האָבן אַ לבנה. האָב איך געגעבן מעד, און די לבנה איז אַרויסגעקומען. ווען כ׳האָב דאָס דערציילט דעם טאַטן (דעם צאַנזער רב זי״ע), האָט ער געזאָגט: ביי אים איז נישט קיין קונץ צו געבן פאַר אַ ביסל מעד אַ לבנה...

אַזוי האָט דער שינאָווער רב דערציילט, און דערנאָך זאָגט ער ווידער צום משמש אַז ער זאָל אים ברענגען דעם טיליפּ. דער משמש האָט עס געברענגט, און דער שינאָווער רב איז אַרויסגעגאַנגען און האָט געזאָגט דעם מזמור ״הללוי-ה״, נישט קוקנדיק אַז ס׳איז נישטאָ קיין לבנה. ווי נאָר ער האָט פאַרענדיקט דאָס קאַפּיטל, איז אַ שיינע לבנה אַרויסגעקומען, און דער שינאָווער רב האָט בהתלהבות געמאַכט די ברכה...

* * *

פאָרנדיק קיין קרעניץ זומער אין יאָר תרנ״ו, האָט זיך דער שינאָווער רב אויפ׳ן וועג אָפּגעשטעלט אין שטעטל שעבעש און איז איינגעשטאַנען ביי הרה״ג החסיד ר׳ ברוך גרינפעלד. דער בעדער פון שטאָט איז דאַן געלעגן ל״ע פּאַראַליזירט נישט

קענענדיק רירן קיין אבר. דעם בעדער׳ס פרוי האָט געבעטן ר׳ ברוכ׳ן צו פועל׳ן ביים רבי׳ן אַז ער זאָל קומען באַזוכן איר מאַן און אים אָנווינטשן אַ רפואה, ווייל די דאָקטוירים קענען אים נישט העלפן. ווען ר׳ ברוך האָט איבערגעגעבן פאַר׳ן שינאָווער רב די בקשה פון דער פרוי, האָט דער שינאָווער רב געזאָגט:

— ביקור חולים, אַ הווה אמינא? — און איז תיכף געגאַנגען צום בעדער.

דער שינאָווער רב האָט אָנגעכאַפּט דעם בעדער׳ס הענט און האָט זיי אַרומגעטאַפּט, און דערנאָך האָט ער געטאַפּט זיין קאָפּ און דעם גאַנצן קערפּער. נאָך דעם האָט ער צוגעזאָגט אַ רפואה שלימה, צוגעבנדיק אַז מען זאָל קויפן אַ געוויסן זאַלב צו באַשמירן דעם בעדער׳ס קערפּער.

מ׳האָט אַזוי געטוהן, און אין אַ פּאָר שעה איז דער איד אויפגעשטאַנען אויף די פיס, און האָט געלעבט געזונט און שטאַרק לאורך ימים.

* * *

אַ יונגערמאַן האָט אַמאָל געוויינט פאַר׳ן שינאָווער רב, אַז די פרוי מיט וועמען ער האָט ערשט חתונה געהאַט איז ל״ע זעהר קראַנק, און דאָקטוירים גיבן איר שוואַכע האָפענונג צו לעבן.

האָט דער שינאָווער רב אַ מאַך־אַוועק געגעבן מיט דער האַנט, זאָגנדיק:

— אמת אַז נישט יעדער איז זוכה צו אריכות ימים, אָבער צוויי און פופציק יאָר וועט זי לעבן...

אַזוי איז געווען. איר מצב איז בעסער געוואָרן, און זי האָט געלעבט גענוי 52 יאָר...

* * *

ווען דער שינאָווער רב איז געווען אין צפת, איז געקומען צו אים אַ יונגערמאַן וואָס איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן און פול מיט יסורים ל״ע. דער שינאָווער רב האָט אים אָנגעוואונטשן אַ ישועה.

שבת פרשת כי תבא האָט דער שינאָווער רב געהייסן אויפרופן דעם יונגערמאַן צו דער תורה, און ער האָט פאַר אים געלייענט די פרשה פון דער ״תוכחה״. נאָכ׳ן לייענען, גייט צו דער יונגערמאַן צום שינאָווער רב מיט אַ געוויין, היתכן דער רבי האָט געהייסן אויפרופן אים צו דער תוכחה, ער איז דאָך שוין ליידער גענוג באַשטראָפט מיט עונשים פון דער תוכחה רח״ל, צי פעלן אים נאָך צרות?

קלאַפּט אים דער שינאָווער רב אין דער פּלייצע און זאָגט:

— יונגערמאַן, אַ שטאַרקע אריכות ימים און אַ שפע פון ברכה והצלחה!

פון דאַן אָן האָט ער אָנגעהויבן מצליח זיין אין פרנסה, און זיינע ווייען האָבן זיך אָפּגעטוהן פון אים אויפ׳ן גאַנצן לעבן. ער האָט געלעבט נאָענט צו הונדערט יאָר...

* * *

אויך די אַלטע באָבובער רביצין ע״ה האָט געהאַט אַ ברכה פון שינאָווער רב אויף אריכות ימים, און זי איז נפטר געוואָרן אין ניו יאָרק זייענדיק 93 יאָר אַלט.

* * *

מיין זיידע הרבני החסיד ר׳ לייבוש בלייוויס, האָט ל״ע געהאַט שווּעריקייטן ביים האָבן קינדער, ווייל זיין ווייב איז געווען זעהר אַ שוואַכע פרוי. איז ער אַריינגעפאָרן צום שינאָווער רב און האָט זיך מזכיר געווען אַז ער דאַרף אַ ישועה מיט קינדער. דער שינאָווער רב האָט אים פאַרזיכערט אַז ער זאָל זיך נישט

זאָרגן, ער וועט האָבן קינדער. האָט ער זיך ווייטער באַקלאָגט, אַז זיין פרוי איז זעהר שוואַך, זי איז ממש אַ "צעבראָכן שערבל", און באַדאַרף אַ רפואה און אַ ברכה אויף אריכות ימים. רופט דער שינאָווער רב אויס:

— אַ שערבל? איז וואָס? אַ צעבראָכן שערבל האַלט אויס לענגער ווי אַ גאַנצער טאָפ!...

די באָבע ע"ה האָט דערנאָך געבוירן צוויי קינדער, און אַזוי "שוואַכערהייט" האָט זי מאריך ימים געווען ביז אין די הויכע אַכציקער יאָרן, איבעלעבנדיק איר מאַן... (געהערט פון אאמו"ר הרה"ח המפואר שליט"א).

## מתקן נשמות און דיבוקים

פאַרשידענע נשמות פון יענער וועלט וואָס האָבן נויטיק באַדאַרפט אַ תיקון, האָבן טיילמאָל נישט געפונען קיין אַנדער אויסוועג ווי מדבק זיין זיך אין נפשות וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער וועלט. די דאָזיקע "דיבוקים" פלעגן פייניקן די אומשולדיקע נפשות, און עס האָט זיך געפאָדערט אַ צדיק, וועלכער האָט מיט זיין כוח הקדושה געהאָלפן די אומגליקלעכע נשמה מיט אַ תיקון, און דערנאָך האָט ער באַפוילן דעם דיבוק אַרויסצוגיין פון דעם קערפער אין וועלכן ער איז אַריין.

איינער פון די צדיקים, וואָס איז געווען באַקאַנט מיט זיין הייליקן כוח אַרויסצוטרייבן דיבוקים, איז געווען דער שינאָווער רב. צעבראָכענע נפשות פון וועמען עס האָט אַרויסגעשריגן אַ דיבוק, פלעגן קומען צום שינאָווער רב, און זיי זיינען שפעטער אַהיימגעפאָרן געזונט און שטאַרק אַדאַנק זיין הייליקן קראַפט.

* * *

אַמאָל איז אויף שבת שקלים געקומען צו פאָרן אַ יונגערמאַן, אין וועמען עס איז אַריין אַ דיבוק ל"ע. ווען דער שינאָווער רב איז אַריינגעקומען פרייטיק פאַרנאַכט דאַוונען מנחה און האָט אָנגעהויבן זאָגן "הודו", האָט זיך דער יונגערמאַן אַראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד און אָנגעהויבן שרייען מיט מורא'דיקע קולות. דער שינאָווער רב האָט באַפוילן מ'זאָל אים זאָגן אַז ער הייסט אים זיין שטיל און נישט שטערן דאָס דאַוונען. דער יונגערמאַן איז געבליבן שטיל אויף אַ האַלבער שעה, אָבער דערנאָך האָט ער ווידער געשריגן און זיך געוואָרפן משונה'דיק.

נאָכ'ן דאַוונען האָט דער שינאָווער רב געשיקט צוויי שטוב־מענטשן צו פרעגן דעם דיבוק ווי ער הייסט. האָט דער דיבוק געענטפערט אויף דייטש, אַז זיין נאָמען איז יעקב און ער האָט אין זיין לעבן קיין טלית ותפילין נישט געלייגט. ער האָט דערציילט מיט אַ ביטער געוויין, אַז ווען ער איז געשטאָרבן האָט מען אים באַגראָבן מיט אַ טלית, אָבער נאָכדעם ווי מען האָט באַדעקט זיין קבר מיט ערד, האָבן מלאכים פון אים אַראָפּגענומען דעם טלית. שוין פילע יאָרן לאָזט מען אים נישט אַרויף אין הימל, און ער איז שוין אַריין אין עטלעכע מענטשן צו געפינען מנוחה, אָבער ער האָט נאָך אַלץ נישט באַקומען קיין תיקון. לעצטענס איז ער אַריין אין אַ וואַלד, און האָט געהערט ווי די ביימער רעדן צווישן זיך אַז דער הייליקער שינאָווער רב מאַכט באַלד קידוש, און פיר הונדערט מייל אַרום און אַרום הערט מען זיין קידוש. האָט דער דיבוק פאַרשטאַנען אַז ביי אַזאַ הייליקן צדיק וועט ער זיכער באַקומען אַ תיקון, און האָט געזוכט אַ געלעגנהייט צו קומען צו אים. טרעפט ער אַמאָל אָט דעם חסידישן יונגערמאַן ווי ער שלאָפט אַליין אין אַ הויז, — כאָטש ס'איז באַוואוסט אַז מ'טאָר נישט שלאָפן אַליין (שבת דף קנ"א ע"ב) — איז ער אין אים אַריין כדי ער זאָל אים נעמען צום רבי'ן וואו ער וועט באַקומען זיין תיקון.

מוצאי שבת האָט דער שינאָווער רב עוסק געווען מיט דעם

דעם שינאַווער רבי'ס קול פון קידוש דערהערט זיך אין וואַלד.

יונגערמאַן אין הייליקע ענינים פון תיקון נשמה, און זונטיק אינדערפרי איז דער יונגערמאַן אַהיימגעפאָרן געזונט און נאָרמאַל...

* * *

עס איז אַמאָל אַריין אין אַ יונגערמאַן אַ דיבוק ל״ע, און יעדעס מאָל וואָס דער יונגערמאַן האָט געוואָלט גיין אין בית מדרש דאַוונען און בעטן ביים אויבערשטן אַ רפואה, האָט דער דיבוק אים נישט געלאָזט אַריינגיין אין בית מדרש, נאָר ער איז געבליבן שטיין אינדרויסן ביי דער טיר ווי איינער וואָס איז צוגעבונדן דאָרט מיט קייטן. האָט מען דעם יונגענמאַן געברענגט אַמאָל פרייטאָג קיין שינאָווע, און ער האָט זיך אָוועקגעלייגט ביים שוועל פון בית מדרש. ווען דער שינאָווער רב איז געקומען פאַרנאַכט דאַוונען מנחה און קבלת שבת, האָט דער דיבוק אויסגעבראָכן אין אַ ביטער געוויין:

— וויי איז צו מיר, אַלע אידן זיינען אין בית מדרש און דאַוונען, און איך מוז דאָ ליגן אינדרויסן.

זאָגט דער שינאָווער רב:

— ווער זאָגט אַזוי, ווער האַלט דיך צוריק פון גיין אין בית מדרש? גיי אַריין!

תיכף האָט דער יונגערמאַן זיך אויפגעהויבן, און איז אַריינגעגאַנגען דאַוונען כאחד האדם.

אויך איז דער יונגערמאַן שפעטער ביינאַכט געקומען צום שינאָווער רב׳ס טיש, און ער איז געשטאַנען נעבן דער טיר. ווען דער שינאָווער רב האָט נאָך ״שלום עליכם״ געזאָגט די ווערטער ״אדון כל הנשמות״, איז דער יונגערמאַן אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט, און האָט געגעבן אַ פאַל־צו ביז צום טיש, עס האָט אויסגעזען ווי איינער האָט אים געגעבן אַ וואַרף אַהין. ער איז

געבליבן ליגן אויף דער ערד, און זיין גאַנצער קערפּער האָט שוידערלעך געציטערט מיט גרויס שרעק.

נאָך אַ פּאָר מינוט האָט ער זיך באַרואיקט, און איז געשטאַנען נאָרמאַלביים גאַנצן טיש. נאָך שבת איז ער אַהיימגעפאָרן געזונט און שטאַרק.

* * *

הצדיק המפורסם דער גאָרליצער רב זצ״ל פלעגט פיל מאָל זיך אויסדריקן מאָדנע אַנטקעגן אַנדערע געוויסע רבי׳ס. טיילמאָל ווען ער האָט גערעדט פון שינאָווער רב, האָט ער אים גערופן ״דיבוק״, צוליב אַן אויסגערופענער מעשה ווי דער שינאָווער רב האָט אַרויסגעטריבן אַ דיבוק פון איינעם.

אַמאָל איז אין גאָרליץ געווען אויף שבת אַ חשוב׳ער שינאָווער חסיד, און דער גאָרליצער רב האָט עטלעכע מאָל גערעדט פון שינאָווער רב, אָנרופנדיק אים ״דיבוק״. נאָך אַ שטיק צייט, האָט זיך יענער חסיד מער נישט געקענט איינהאַלטן, און האָט זיך אָנגערופן:

— היתכן מ׳מאַכט חוזק און ליצנות פון אַ הייליקן צדיק?

גיט אים דער גאָרליצער רב אַ קלאַפּ און קאָפּ, און זאָגט:

— נאַר וואָס דו ביסט, איך מאַך דען חוזק פון אים? דו פאַרשטייסט נישט מיין כוונה. איך מיין דאָך אַז ער איז ״דבוק״ אין בורא כל העולמים...

אַמאָל האָבן חסידים אים געפרעגט פאַרוואָס ער שפּעט דווקא פון הייליקן שינאָווער רב, עס זיינען דאָך דאָ גענוג רבנים אין דור, וואָס זיינען באמת ווערד מ׳זאָל פון זיי לאַכן.

האָט דער גאָרליצער רב געענטפערט:

— ווען מ׳וועט מיך דן זיין דערויף אין בית דין של מעלה,

וועל איך בעטן מ׳זאָל אויך ברענגען צום דין תורה דעם צווייטן בעל דין, דהיינו דעם צדיק אויף וועמען איך האָב גערעדט. און ווען איך וועל האָבן מיין הייליקן ברודער נעבן מיר, וועט ער מיך שוין פאַרזאָרגן מיט אַ שיין פּלאַץ אין גן עדן...

* * *

דער שינאָווער רב איז אַמאָל געווען אין פּריסטיק. זיינען געקומען צו אים אַ טאַטע מיט אַ זון. דער זון האָט ל״ע נישט געקענט שלאָפן צוויי חדשים, און פון דעם איז ער נעבעך אַראָפּ פון זינען רח״ל. ער האָט נישט געגעסן און נישט גערעדט צו קיינעם.

צום שינאָווער רב איז געווען שווער אַריינצוגיין מיט אַ קוויטל, ווייל ער האָט שטאַרק אָנגעהאַלטן זיינע שיעורים פון משניות, גמרא און שולחן ערוך, און אין דער צייט ווען ער האָט שוין יאָ אַריינגעלאָזט צו זיך, האָבן די גבאים זעהר געקליבן וועמען אַריינצולאָזן. פאַר דעם דאָזיקן איד איז נישט געבליבן קיין צייט אַריינצוגיין, נאָר ווען דער שינאָווער רב איז געגאַנגען צום דאַווענען, איז דער איד צוגעלאָפן צו אים מיט׳ן זון.

שרייט דער שינאָווער רב אויפ׳ן זון:

— גיי דיר צו אַלע די שוואַרצע יאָר! ווען איך קלויב מיך אויס צו גיין צום דאַווענען, קומט ער צו גיין...

די גבאים האָבן זיך זעהר געחידוש׳ט אויף די רייד, ווייל דער שינאָווער רב האָט חלילה קיינמאָל נישט געשאָלטן. אויך דער איד איז געבליבן שטיין צעבראָכן און טרויעריק.

איז צו אים צוגאַנגען הרב החסיד ר׳ אברהם גבאי, אַ טייערער חסידישער און ליבלעכער איד, און האָט אים געזאָגט:

— איך האַלט איר זאָלט נעמען אייער זון און פּראָבירן אַצינד

צו לייגן אים שלאָפן. קען זיין אַז אין רבינ׳ס ווערטער ליגט די ישועה.

האָט ער אַזוי געטוהן, און דער זון איז רואיק געשלאָפן אַ סך שעה׳ן. דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען געזונט און נאָרמאַל.

דאַן האָט מען פאַרשטאַנען אַז די ווערטער ״גיי צו אַלע וכו׳״, האָט דער שינאָווער רב געזאָגט צו דעם רוח וואָס איז אַריין אין דעם זון און האָט אים געשטערט פון שלאָפן...

* * *

בנוגע מתקן זיין נשמות פון יענער וועלט ווערט דערציילט:

דער הייליקער קדוש אלוקי דער ראָפשיצער רב זי״ע האָט געהאַט אַ שרייבער מיט׳ן נאָמען ר׳ זאַנוויל. אַמאָל האָט ר׳ זאַנוויל אַ לאַנגע צייט אַרומגעזוכט זיין פעדער, ביז ער האָט דערזען אַז חנה׳לע, אַ טאָכטער פון הייליקן רבי׳ן ר׳ אשר׳ל זי״ע, שפילט זיך דערמיט. האָט ער איר געגעבן אַ פעטשל און האָט צוגענומען די פעדער.

חנה׳לע האָט זיך צעוויינט, און איז געלאָפן צום זיידן דעם ראָפשיצער רב, קלאָגנדיק אַז ר׳ זאַנוויל האָט איר געשלאָגן. זאָגט צו איר דער ראָפשיצער רב:

— זאָלסט אים דאָס נישט מוחל זיין...

מיט זעכציק יאָר שפּעטער, ווען ר׳ זאַנוויל איז שוין לאַנג געווען אויפ׳ן עולם האמת, און חנה׳לע איז געווען די ברעזשאַנער רביצין, איז ר׳ זאַנוויל געקומען אין חלום צום שינאָווער רב, און האָט דערציילט, אַז ער ליידט זעהר אויף יענער וועלט ווייל דער ראָפשיצער רב האָט איר געהייסן נישט מוחל זיין אים פאַר׳ן פּאַטש, בעט ער דעריבער אַז דער שינאָווער רב זאָל ביי איר פּועל׳ן זי זאָל אים מוחל זיין.

האָט דער שינאָווער רב געשיקט אַ שליח צו בעטן די

ברעזשאַנער רביצין אַז זי זאָל מוחל זיין ר׳ זאַנוול׳ען. דער שינאָווער רב האָט צוגעגעבן: ״כאָטש דער ראָפּשיצער רב האָט געהייסן נישט מוחל זיין אים, האָט ער בלויז געמיינט אויף דער וועלט, אָבער איצט ווען ר׳ זאַנוויל איז שוין אויף יענער וועלט, מעג זי אים זיכער מוחל זיין״. די ברעזשאַנער רביצין האָט גוט אַריינגעטראַכט, ביז זי האָט זיך דערמאַנט די מעשה, און האָט געזאָגט אַז זי איז אים מוחל בלב שלם...

* * *

הגה״ק מוה״ר שמחה דער טשעשינובער רב זצוק״ל האָט אַמאָל אין דער יוגנט געהערט ביינאַכט אַ שטאַרקע געקלאַפּעריי אין זיין פאָטער׳ס (דעם שינאָווער רב׳ס) בית המדרש, וואָס איז געווען נעבן זיין הויז. האָט ער זיך זעהר דערשראָקן, און איז געלאָפן צום טאַטן. באַרואיקט אים דער שינאָווער רב און זאָגט:

— שרעק זיך נישט. די נשמות וואָס קומען צו אונז אין בית המדרש זיינען פון היימישע אידן, אָבער נשמות פון רשעים, זיי האָבן נישט קיין רשות צו גיין אין בית המדרש. ממילא האָסטו נישט וואָס מורא צו האָבן, ווייל היימישע נשמות וועלן דיר נישט קיין שלעכטס טוהן חלילה. (פון הרבני החסיד ר׳ הערש מיילעך קאָרנרייך שי׳, בשם די טאָמעשובער רביצין הצדקנית ע״ה).

* * *

## פאַרשידענע ענינים און שמועסן פון שינאָווער רב

הגה״צ דער ווייצענער רב זצ״ל האָט נאָכגעזאָגט:

דער שינאָווער רב פלעגט אין זיין געבורטסטאָג, כ״א שבט, דאַווענען פאַר׳ן עמוד. דעם טעם דערויף האָט ער ערקלערט פאַר׳ן בעלזער רב זצ״ל, ווייל די גמרא זאָגט (עירובין דף י״ג ע״ב) אַז עס וואָלט בעסער געווען פאַר אַ מענטש נישט געבוירן צו ווערן ווי איידער יאָ באַשאַפן צו ווערן. לייגט די גמרא צו, אַז יעצט וואָס ער איז יאָ באַשאַפן געוואָרן זאָל ער אַכטונג געבן אויף זיינע מעשים אַז זיי זאָלן זיין לנחת רוח פאַר׳ן אויבערשטן. דעריבער דאַרף מען אין געבורטסטאָג טוהן אַ סאַך מצוות, און דערפאַר דאַוונט ער פאַר׳ן עמוד כדי צו זאָגן וואָס מערער ברכות.

* * *

אַמאָל איז דער שינאָווער רב געווען אין לעמבערג אויף אַן אסיפה, און אַ לעמבערגער יונגערמאַן וועמענס פרוי איז געווען אַן אייניקל פון הייליקן צאַנזער רב, האָט אים פאַרבעטן צו זיך אין שטוב אַריין. איז ער צו אים אַהיימגעגאַנגען. ווען די פרוי פון דעם יונגערמאַן האָט אויפגעעפנט די טיר, האָט דער שינאָווער רב באַמערקט אַז זי טראָגט אַ שייטל. פרעגט דער שינאָווער רב:

— היתכן אַז דעם טאַטנ׳ס אַ קינד זאָל גיין אין אַ שייטל, דער טאַטע אַסר׳ט דאָך דאָס (אין שאלות ותשובות דברי חיים ח״ב יו״ד סי׳ נ״ט).

רופט זיך אָן די פרוי:

— איך האָב נישט געוואוסט אַז דער פעטער וועט קוקן אויף מיר.

ענטפערט דער שינאָווער רב:

— עס שטייט אין פרשת בחוקותי, אַז אויב אימיצער זאָגט אויף אַ טמא׳נער בהמה אַז עס זאָל זיין הקדש, זאָל דער כהן באַקוקן די בהמה און זי אָפּשאַצן. איז שווער, עס שטייט דאָך אין ספרים (זע קב הישר פרק ב׳) אַז דאָס קוקן אויף אַ טמא׳נער זאַך שאַדט פאַר׳ן נפש, פאַרוואָס׳זשע הייסט די תורה דעם כהן באַקוקן די בהמה, עס וואָלט דאָך בעסער געווען ווען אַ פשוט׳ער מענטש, אַ סוחר פון בהמות, שאַצט עס אָפּ? נאָר פון דעם איז געדרונגען אַז אויב מ׳מוז אַמאָל קוקן אויף אַ טמא׳נער זאַך פאַר׳ן אויבערשטנ׳ס וועגן, שאַדט עס נישט פאַר׳ן נפש.

און דער שינאָווער רב האָט צוגעלייגט:

— אויב דו וועסט אַצינד אויסטוהן דאָס שייטל און עס קיינמאָל מער נישט טראָגן, וועל איך אַריינגיין אין דיין הויז, און אויב נישט, גיי איך אַוועק פון דאָ.

איז די פרוי אַריינגעגאַנגען אין איר צימער, האָט זאָפאָרט אויסגעטוהן דאָס שייטל און אָנגעטוהן אַ טיכל, און דער שינאָווער רב איז דאַן אַריין אין הויז.

* * *

אין קראָקע האָט געוואוינט אַ חסידישער יונגערמאַן אַ סוחר מיט׳ן נאָמען ר׳ לייבוש לויפער. אַמאָל איז ער אַריינגעגאַנגען צום שינאָווער רב און געבעטן אַ הדרכה. זאָגט אים דער שינאָווער רב:

— צי מיינסטו אַז איך וועל דיר הייסן לערנען ״ראשית חכמה״ צי אַן אַנדער געהויבן ספר? ניין. בלויז ברויט מיט פוטער. לערן יעדן טאָג גמרא, און אויב דו קענסט צולערנען אַביסל תוספות, איז אַוודאי גוט.

ווען דער חסיד האָט פאַרלאָזט די שטוב, רופט דער שינאָווער רב אויס צו אים:

— לייבוש, פאַרגעס נישט. אַ פּרוטה פאַר אַן אָרעמאַן יעדן טאָג. און אויב וועסט נישט האָבן ווען צו געבן, לייג יעדן טאָג אַוועק דאָס געלט, און ווען דו וועסט אָנטרעפן אַן אָרעמאַן, זאָלסטו עס אים געבן.

* * *

אַמאָל איז דער שינאָווער רב געפאָרן קיין אוהעל אויף אַ פּאָר וואָכן. צו דער באַוואונדערונג פון זיין בעל אכסניא, האָט ער אָבער באַלד נאָכ׳ן ערשטן שבת געהייסן איינפּאַקן די פּעקלעך און צוריק אַהיימפאָרן. ווען דער בעל הבית האָט געפרעגט דעם שינאָווער רב פאַרוואָס ער איילט זיך אַהיים, האָט ער געענטפערט:

— מענטשן מיינען אַז איך בין דאָ אַהערגעקומען נאָך געלט. אין אמת׳ן בין איך אָבער געקומען זיך אויסרוען אַביסל פון די פילע טירדות וואָס איך האָב אויסצושטיין אין דער היים וואָס שוואַכן אָפּ דאָס האַרץ און די כוחות. במשך פון דער פאַרגאַנגענער וואָך, האָב איך זיך אַביסל אויסגערוהט. אָבער שבת האָב איך געהערט ווי אייערע טעכטער רעדן אונגאַריש. אין הייליקן שבת רעדן זיי אַ גוי׳ישע שפּראַך. איך האָב פון דעם געהאַט אַזעלכע יסורים און עגמת נפש, אַז איך פיל אַ סאַך ערגער און שוואַכער ווי כ׳האָב געפילט אין דער היים. דערפאַר פאָר איך ליבערשט צוריק אַהיים...

* * *

אַמאָל האָט דער שינאָווער רב מיט גרויס שמחה געלויבט דעם אויבערשטן וואָס האָט אים צוגעשיקט אַ כשר׳ן אתרוג. רופט זיך אָן אַ קרוב אַז ער האָט אַן אתרוג וואָס איז שענער פון רבינ׳ס אתרוג. זאָגט דער שינאָווער רב: ״כ׳האָב מורא, אַז דיין אתרוג איז פּסול!״.

איז דער איד אַהיימגעלאָפן, און האָט געברענגט זיין הערלעכן

אתרוג. דער שינאָווער רב האָט גוט באַקוקט דעם אתרוג, און ער האָט געפונען אַ קליין לעכל וואָס האָט געמאַכט דעם אתרוג פאַר אַ "חסר".

האָט דער שינאָווער רב געזאָגט:

— ס'איז נישט קיין שום וואונדער פון וואו כ'האָב געוואוסט אַז דער אתרוג איז פסול, די זאַך איז פשוט. עס שטייט דאָך פון קדמונים אַז דער אתרוג איז אַ פרי פון עניוות, ווי אתר"ג איז נוטריקון: "אל תבואני רגל גאוה", דעריבער, זעענדיק ווי דו רעדסט מיט גאות וועגן דיין אתרוג, האָב איך פאַרשטאַנען אַז עס איז פסול, ווייל אַ כשר'ער אתרוג ברענגט נישט צו גאווה...

* * *

אַ חסיד האָט אַמאָל געפרעגט דעם שינאָווער רב צי ער זאָל נעמען דאָס גאַנצע געלט וואָס ער פאַרמאָגט און קויפן אַ גרויס און שיין הויז, אָדער ער זאָל בעסער קויפן אַ קלענער און ביליקער הויז און מיט דעם איבריקן געלט וועט ער האַנדלען. ענטפערט דער שינאָווער רב:

— קויף אַ קלענער הויז, כדי דו זאָלסט בלייבן מיט געלט. ווייל די משנה זאָגט אין אָנהויב מסכת שבת "בעל הבית בפנים ועני בחוץ", עס שטייט אָבער נישט "עני בפנים", ווייל דער וואָס וואוינט אין הויז טאָר נישט זיין קיין אָרימאַן ח"ו...

* * *

הרה"ח ר' משה קאַנער האָט געהאַט אַ משפט, און האָט געשיקט דעם ביקאָווסקער רב קיין שינאָווע, אים מזכיר צו זיין. זאָגט דער שינאָווער רב, אַז אויב וועט ר' משה נעמען אויף זיך וואָס ער וועט אים שפּעטער הייסן, וועט ער אַרויס ריין פון געריכט. האָט ר' משה צוגעזאָגט אַז ער וועט אַלץ אויספאָלגן, און ער איז טאַקע אַרויס פריי.

דער שינאָווער רב ווייזט דעם בעל-גאוה ווי זיין אתרוג איז פסול.

דערנאָך איז ער געפאָרן קיין שינאָווע, און ער איז געווען גרייט אַז דער שינאָווער רב וועט אים הייסן נעמען אויף זיך אַ שווערן עול, אָדער ער זאָל געבן אַ סאַך געלט. דער שינאָווער רב האָט אים אָבער בלויז געזאָגט:

— נעם אויף דיר צו וואַשן זיך יעדן מוצאי שבת צו מלוה מלכה...

* * *

אגב, אין ענין פון מלוה מלכה, האט כ"ק אדמו"ר הגה"צ מוהר"ש מלעלוב שליט"א נאָכגעזאָגט:

דער שינאָווער רב פלעג זאָגן, אַז אַ מלוה מלכה איז אַן עת רצון אויסצובעטן ישועות. ער האָט דאָס ערקלערט מיט אַ משל:

אַ מלך איז אַמאָל געקומען באַזוכן אַ שטאָט וואָס איז געווען אונטער זיין הערשאַפט. די שטאָטס-לייט האָבן זיך געהעריק צוגעגרייט לכבוד דעם גרויסן גאַסט, זיי האָבן אויסגעצירט אַ זאַל בתכלית ההידור, זיי האָבן אָנגעגרייט אַ סעודה כיד המלך מיט אַלע בעסטע מעדנים, זיי האָבן זיך אָנגעקליידט מיט די טייערסטע בגדים, און האָבן מיט גרויס פרייד געזונגען, געטאַנצט און פאַראַדירט לכבוד דעם מלך. דער קעניג האָט שטאַרק נהנה געווען פון דער אויפנאַמע, און ער איז געווען העכסט-צופרידן צו זען די פרייד וואָס באַהערשט אַלע שטאָטס-לייט, און ווי עס פעלט זיי גאָרנישט.

נאָך דער צערעמאָניע, האָט דער קייזער זיך אָפגעזעגנט פון די שטאָטס-לייט, און האָט זיך געגרייט צו פאַרלאָזן די שטאָט. פלוצלונג זיינען די שטאָטס-מענטשן געפאַלן דעם קייזער צו די פיס, און זיי האָבן געקלאָגט און געוויינט פאַר אים אַז זיי האָבן אַ זעהר ביטער לעבן. זיי האָבן נישט קיין פרנסה און ליידן ל"ע הונגער, אָרימקייט, און קראַנקהייטן. וואונדערט זיך דער קייזער: איר האָט פאַר מיר געמאַכט אַזאַ הערלעכע אויפנאַמע און איר

האָט געטאַנצט מיט אַזאַ פרייד, אַז איך האָב דערפון געזען אַז עס פעלט אייך נישט מכל טוב, און אַצינד באַקלאָגט איר זיך גאָר?

ענטפערן די מענטשן: ווילאַנג דער קעניג איז געווען ביי אונז אַ גאַסט, האָבן מיר נישט געוואָלט שטערן דעם כבוד און די שמחה פונ'ם מלך דורך אַרויסווייזן אונזערע צרות און ליידן, נאָר מיר האָבן אַהערגעשטעלט אַ פריילעכע אויפנאַמע. אָבער איצטער, ווען דער קעניג פאָרט שוין אַהיים און איז מער נישט אונזער גאַסט, מוזן מיר אויסגיסן דאָס האַרץ אויף אונזער אמת'ן מצב, ווייל אויסער דעם קעניג קען אונז קיינער נישט העלפן. דער מלך, זעענדיק דאָס געטריישאַפט פון די שטאָטס-לייט וועלכע האָבן באַזייטיקט זייער פיין כדי אים צו דערפרייען ביי דער אויפנאַמע, האָט דערפילט זייער בקשה און האָט זיי געשענקט אַ סאַך געלט...

דאָס זעלביקע איז יעדן שבת. די שבת מלכתא קומט צו אונז אַלס גאַסט, שטעלן מיר צו לכבוד המלכות אַ סעודה מיט אַלע מעדנים, מיר טוען זיך אָן בגדי כבוד, און מיר פרייען זיך מיט אַן אמת'ן עונג. מיר דערמאַנען נישט אונזערע ווייען און צרות, נאָר "שבת היא מלזעוק", און "אסור לאדם לתבוע צרכיו בשבת". אָבער מוצאי שבת, ווען מ'איז "מלוה די מלכה", דאַן עפענען מיר דאָס האַרץ און באַקלאָגן זיך פאַר'ן מלכות אויף אונזערע צרות. די שבת מלכתא, זעענדיק ווי מיר האָבן געשווינט איר כבוד בעת איר באַזוך ביי אונז, באַגליקט אונז דערפאַר מיט כל טוב און דערפילט אַלע אונזערע בקשות פון מוצאי שבת. "חזק ימלא משאלותינו, אמיץ יעשה בקשתינו"...

* * *

דער שינאָווער רב האָט אַמאָל געזאָגט:

— מ'זאָגט, אַז דער צדיק רבי אלעזר ריישער ז"ל היילט אויס

מיט סגולות. איך זאָג אַז אויסהיילן טוט ער מיט תפילות, נאָר ער באַהאַלט די ישועות אין סגולות...

* * *

דער שינאָווער רב פלעגט זאָגן, אַז ווען מ׳גייט נאָך געלט פאַר צדקה זאָל מען אַראָפּנעמען פונ׳ם געלט אויף אַ ציגאַר אָדער אויף אַ טרונק בראָנפן, צוליב צוויי טעמים. איינס, ווייל אַ מצוה באַדאַרף זיין אַ ״פּאטשעווקא״, דאָס מיינט די סחורה וואָס איז אַריינגענייט אינווייניק פון בגד. פשט איז, אַז מ׳דאַרף די מצוה באַהאַלטן און פאַרשטעלן פאַר׳ן יצר הרע, ווייל אַ מצוה וואָס איז אינגאַנצן פאַר׳ן אויבערשטן, וועט דער יצר הרע זיך פאַרלייגן נישט צו לאָזן עס טוהן בשום אופן, באַדאַרף מען אים אויסנאַרן דורך דעם וואָס מען נעמט אַראָפּ פונ׳ם געלט פאַר זיך. און צווייטנס, ווייל טייל מענטשן זיינען חושד איינעם וואָס גייט נאָך געלט, אַז ער נעמט עס פאַר זיך. דעריבער, כדי צו ראַטעווען זיי פון זיין ״חושדים בכשרים״, זאָל ער טאַקע אַראָפּנעמען אַביסל פאַר זיך...

* * *

דער שינאָווער רב האָט אַמאָל געזאָגט:

— איין רגע רעכטע אמונה איז אַ טובה אויף דורי־דורות...

* * *

אין אַ געוויסער שטאָט האָט געוואוינט אַ רבי אַ זידיטשויבער אייניקל, וועלכער האָט געהאַט שוועריקייטן צוזאַמענצושטעלן אַ מנין צום דאַווענען. בלויז איין געטרייען מענטש האָט יענער רבי געהאַט אין שטאָט, וועלכער האָט אים באַדינט און זיך כסדר משתדל געווען מחזק צו זיין און אויפצוהייבן זיין כבוד, און ער האָט אויך געזען דערצו אַז דער רבי זאָל האָבן פון וואָס צו לעבן. אָבער נאָך אַלעמען איז די פּרנסה ביי יענעם רבי׳ן געווען שווער

און מצומצם ווייל רוב איינוואוינער פון שטאָט זיינען געווען חסידים פון אַ גרויסן רבי׳ן, און זיי האָבן געדאַוונט אין אַן אייגן שטיבל.

איינמאָל האָבן יענע חסידים פאָרגעשלאָגן פאַר דעם דאָזיקן רבי׳ן אַז זיי ווילן אים אויפנעמען אַלס רב איבער זייער קהילה. זיי האָבן צוגעזאָגט נוהג כבוד צו זיין אין אים, און צו געבן אים געלט בריווח, בתנאי אַז ער ווערט אַ חסיד פון זייער רבי׳ן. איז ער אַריינגעפאָרן קיין שינאָווע צו באַקומען דערויף אַן הסכמה פון שינאָווער רב. פרעגט אים דער שינאָווער רב צי ער האָט אַצינד עפּעס חסידים וואָס העלפן און שטיצן אים. ענטפערט ער, אַז ער האָט נישט מער ווי איין געטרייען חסיד, וועלכער טוט אַלץ צו פאַרזאָרגן אים מיט פרנסה און מיט אַ מנין.

זאָגט דער שינאָווער רב:

— אויב אַזוי, בלייב וואו דו ביסט. איין סאָלדאַט זאָלסטו האָבן, אָבער אַ גענעראַל זאָלסטו זיין!... (געהערט פון ידידי האברך החסיד בנש״ק ר׳ שמחה אברהם קאָרנרייך שי׳).

* * *

אַמאָל, בשעת דער שינאָווער רב האָט געגעסן אָנבייסן, איז דאָרט אָנוועזנד געווען אַ תלמיד חכם וועמען עס האָט געעגבערט פאַרוואָס דער שינאָווער רב זיצט און פאַרברענגט די צייט מיט פירן טישן, זאָל ער בעסער מקדיש זיין די צייט אויף צו דאַוונען און לערנען, און אויך, וואָלט אַזאַ גדול ווי ער געדאַרפט צו פאַסטן תעניתים, און נישט עסן.

דער שינאָווער רב האָט געוואוסט יענעמ׳ס טענות און האָט זיך אָנגערופן:

— חז״ל זאָגן (ברכות דף ס״ד, צוגעברענגט אין רש״י פרשת יתרו) כל הנהנה מסעודה שתלמידי חכמים מסובין בה כאלו נהנה מזיו השכינה. פשט איז, אַז מ׳דאַרף הנאה האָבן אויך ווען מ׳זעט

ווי אַ תלמיד חכם זיצט ביי אַ סעודה און עסט, און נישט מ׳זאָל וועלן אַז ער זאָל בלויז דאַוונען און פאַסטן, נאָר מ׳מוז נהנה זיין אויך פון זיין עסן, ווייל אויך דאָס איז עבודת השם און די שכינה איז דערפון נהנה...

* * *

ווען דער שינאָווער רב איז איינגעשטאַנען אין אַ שטאָט וואו ער האָט נישט פערזענלעך געקענט דעם שוחט, פלעג ער דאָרט עסן בלויז בשר בהמה און נישט בשר עוף. די סיבה דערויף האָט ער ערקלערט:

— פון אַ בהמה עסן דאָך אַ רבים, עס פאָדערן זיך אַ סאַך אידן כדי אויסצופאַרקויפן פלייש פון אַ גאַנצער בהמה, דעריבער העלפט־צו דער כח און זכות הרבים אַז עס זאָל נישט חלילה זיין אַ מכשול אין דער שחיטה. אָבער אין אַן עוף איז פאַראַן בלויז גענוג פלייש פאַר יחידים, און עס פעלט דער זכות הרבים, דערפאַר בין איך זיך מונע פון עסן בשר עוף...

* * *

הרה״ק רבי איציקל זצ״ל פון אַנטווערפּן פלעג נאָכזאָגן בשם דעם שינאָווער רב:

— ווען מ׳זעט אידן טאַנצן, זאָל מען אַריינטאַנצן מיט געוואַלד, ווייל אויפ׳ן עולם האמת קומט זיך צונויף יעדעס אידישע טענצל...

* * *

אין אַ געוויסער שטאָט האָט אויסגעבראָכן אַ מחלוקת צווישן צוויי חסידישע געמיינדעס בנוגע דאָס רבנות דאָרט. יעדע חבריא האָט געוואָלט אַז זייערס אַ חסיד זאָל ווערן רב אין שטאָט. אַלס רעזולטאַט, איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ דריטער מאַן, אַ מאָדערנער רב וואָס איז געווען אומפּאַרטייאיש, און אַלע האָבן צו אים צוגעשטימט.

האָט דער שינאָווער רב דאַן געזאָגט:

— כ׳האָב קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען נאָך וואָס די תורה דאַרף אָנזאָגן (אין פרשת שופטים) "לא תוכל לתת עליך איש נכרי", אַז מ׳זאָל נישט מאַכן אַ גוי פאַר אַ מלך ביי אידן. לכאורה וועלכן איד וואָלט איינגעפאַלן צו קרוינען אַ גוי אַלס קעניג ביי אידן? נאָר אַצינד זע איך, אַז ווען ס׳איז דאָ אַ מחלוקת אין שטאָט, קען יעדער צד באַשטיין אַז אַ גוי זאָל זיין קעניג, אַבי נישט דעם צווייטן צד׳ס רב...

* * *

דער שינאָווער רב האָט אַמאָל געזאָגט, אַז אין די ערשטע דורות ווען אידן האָבן געהאַלטן ביי הויכע מדרגות אין תורה ויראת שמים, און מ׳האָט שטאַרק מחשיב געווען אַ תלמיד חכם און אַן עובד השם, האָט דאָס גורם געווען ביי אידן אַ גרויס חשק צו תורה ועבודה. אָבער אַצינד, ווען דער המון עם שפעט פון תלמידי חכמים און יראי שמים, דעריבער אויב אַ מענטש מוטשעט זיך אין תורה און קוקט נישט אויף די וואָס שפעטן און לאַכן־אָפּ פון אים, זיין תורה ותפילה איז חשוב׳ער ווי די תורה ותפילה פון די פריערדיקע דורות (זע דברי יחזקאל, אויף מסכת ראש השנה).

* * *

אַמאָל אין אַ שבת האָבן חסידים זיך זעהר געשטופּט ביים כאַפּן שיריים ביים טיש, און דורכדעם איז אַראָפּגעפאַלן אַ ליכט און עס האָט זיך פאַרלאָשן.

כאָטש זיי האָבן נישט חלילה געוואָלט אויסלעשן דאָס ליכטל, דאָך איז דער שינאָווער רב זעהר בייז געוואָרן, און ער האָט געזאָגט אַז דאָס ציייגט אַז זיי האָבן נישט געמיינט לשם שמים מיט׳ן כאַפּן שיריים, ווייל ווען זיי מיינען ערנסט, וואָלט נישט אַרויסגעקומען דערפון קיין חילול שבת אַפילו בשוגג אָדער במתעסק...

* * *

דער שינאָווער רב האָט געפּייערט קעגן דער מכה פון ציונות וואָס האָט אָנגעהויבן צו שפּראָצן ביים סוף פון זיין לעבן. ער האָט געשריבן שאַרפע בריוו אַנטקעגן זיי מיט זייערע פּלענער.

ווען הרה״צ ר׳ דוד ארי׳ בריזל האָט זיך געגרייט צו פאָרן קיין ארץ ישראל, איז ער געגאַנגען געזעגענען זיך פון שינאָווער רב. האָט דער שינאָווער רב אים געזאָגט:

— דו ווייסט דאָך אַז איך האַלט נישט פון באַזעצן זיך אין ארץ ישראל, אָבער דו ביסט אַנדערש, מעגסט פאָרן. זאָלסט אָבער געדענקן, אַז ווען אַ איד זאָגט ״שמע ישראל״, מוז ער כופר זיין אין אַלע עבודה־זרה׳ס אויף דער וועלט. אויך ציונות איז אַן עבודה זרה אין וועלכער מען מוז דאַן אָפּלייקענען...

* * *

אויך ווערט דערציילט אַז ווען הגה״ק דער קאָלאָשיצער רב זי״ע איז געווען אַ קליין קינד, איז ער אַמאָל שטאַרק קראַנק געוואָרן. האָט איינער פאָרגעשלאָגן מ׳זאָל אים געבן אַ געוויסן מין וויין וואָס העלפט אויסהיילן די קראַנקהייט, אָבער דער מין וויין איז געמאַכט געוואָרן דורך אַ פירמע פון פאָרגעשריטענע אידן וועמענס דעות עס האָבן געגויגט צו ציונות.

האָט מען געפרעגט דעם הייליקן שינאָווער רב צי מ׳מעג אים געבן פון דעם וויין, און ער האָט געענטפערט:

— אין אמת׳ן איז אָט דער וויין ״יין־נסך״. אָבער היות עס האַנדלט זיך אין ״פיקוח נפש״, ווערט דאָך דער איסור פון יין־נסך נדחה דערפון. אָבער אויב נעמען יין־נסך, איז בעסער צו קויפן דעם דאָזיקן מין וויין פון גויים גמורים, כדי קיינער זאָל זיך נישט טועה זיין און מיינען אַז מיר האַלטן אַז דאָס ציוניסטישע וויין איז על כל פנים בשעת־הדחק כשר, בשעת די גמרא זאָגט (סנהדרין ל״ח ע״ב) ״אפיקורס ישראל כל שכן דפקר טפי״, אַז אַן אפיקורס אַ איד איז אַ גרעסערער כופר ווי אַ גוי...

* * *

אַמאָל איז דער שינאָווער רב געווען פרשת שופטים אין לימאנוב. בייטאָג ביים טיש האָט ער גענומען אַ חומש, און האָט אַרויסגעלייענט מיט אַ פייערדיק קול און מיט אַ הייליק התלהבות די ווערטער פון רש"י אויפ'ן פסוק "תמים תהיה עם ה' אלוקיך": התהלך עמו בתמימות ותצפה לו ולא תחקור אחר העתידות אלא כל מה שיבא עליך קבל בתמימות, ואז תהי' עמו ולחלקו. ער האָט אויסגעטייטשט יעדעס וואָרט אויף אידיש, און עס האָט געהערשט אַ גרויס התעוררות ביי אַלע אָנוועזנדע...

* * *

אַ פרייער איד ל"ע האָט זיך אַמאָל געטראָפן מיט'ן שינאָווער רב, און ער האָט זיך באַרימט אַז ער איז אַ גרויסער נדבן און ער טיילט פיל צדקה פאַר אידן.

האָט דער שינאָווער רב אים געזאָגט:

— פאַר אַזאַ מענטש ווי דו האָבן די חז"ל מתקן געווען צו דאַווענען יעדן טאָג "ותצילנו מאדם רע ומחבר רע". ווייל עס איז פאַראַן אַמאָל אַ בעל עבירה רח"ל וואָס בין אדם למקום זינדיקט ער ל"ע, אָבער בין אדם לחברו פירט ער זיך אויף אַנשטענדיק, ער גיט צדקה און העלפט אידן וכו'. אויף דעם קומט דאָס לשון "מחבר רע" אָנזאָגן, אַז כאָטש ער איז בין אדם לחברו נישט קיין "אדם רע", איז ער אָבער אַ "חבר רע", אַלס חבר פאַר'ן ערלעכן איד טויג ער נישט, ווייל ער קען אים חלילה קאַליע מאַכן אין די אַנדערע מצוות התורה אויסער צדקה.

* * *

זייענדיק סטראָפּקובער רב, איז דער שינאָווער רב אַמאָל געפאָרן קיין קאַשוי אויף שבת נחמו, און ער איז געפאָרן אַליין אָן משמשים. ערב תשעה באב איז ער אָנגעקומען אין דאָרף "שעניא", וואָס איז נעבן קאַשוי. האָט ער דאָרט אָנגעקלאַפּט ביים שטאָטישן שוחט און געפרעגט צי ער קען ביי אים איינשטיין ביז נאָך תשעה באב. דער שוחט, נישט וויסנדיק ווער ער איז, האָט


יחזקאל שרגא הלבערשטאם
הופ"ק שינאווא יצ"ו.

אַ בריוו פון שינאָווער רב (די לעצטע 5 שורות זיינען בכתי"ק) וועגן צאָלן אַ שוחט אַ שיינעם געהאַלט (געדרוקט אין ספר "ילקוט אגרות קודש", סימן קפ"ה).

אים אָבער נישט געוואָלט אַריינלאָזן. איז דער שינאָווער רב געגאַנגען צום ראש הקהל, וועלכער האָט אים יאָ אויפגענומען בתשואות חן.

דערנאָך אויף שבת איז דער שינאָווער רב געפאָרן קיין קאַשוי, און אַ סך אידן פון שעניא זיינען אויך אַהינגעפאָרן, ווילנדיק זיין שבת מיט׳ן שינאָווער רב. האָט דער שינאָווער רב זיי געהייסן מעביר זיין דעם שוחט און נישט לאָזן אים ווייטער שעכטן פאַר זיי. ער האָט ערקלערט, אַז אַ שוחט וואָס האָט נישט קיין גוט האַרץ און איז נישט קיין מכניס אורח, צייגט דאָס אַז דאָס וואָס ער איז אַ שוחט נעמט זיך פון דעם וואָס ער האָט אין זיך די מדה פון אכזריות. און אַ שוחט וואָס שעכט נישט לשם מצוה נאָר כדי צו זעטיקן זיין בלוט־דורשט, דאַרף מען חושש זיין אַז ער שעכט נישט לויט דער הלכה, נאָר ער קען למשל צוליב זיין אכזריות צו־שטאַרק דריקן מיט׳ן חלף אויפ׳ן האַלדז פונ׳ם בעל חי. דעריבער זאָל מען זיך צוריקהאַלטן פון עסן פון זיין שחיטה.

דער שינאָווער רב האָט צוגעגעבן דערויף אַ רמז אין אַ פסוק אין פרשת חוקת: וימאן אדום נתון את ישראל עבור בגבולו ויט ישראל מעליו. אַ שוחט ווערט אָנגערופן ״אדום״, ווייל ער איז געבוירן אין מזל מאדים ווי חז״ל זאָגן אין מסכת שבת (דף קנ״ו ע״א). איז אויב אַ שוחט לאָזט נישט אַריין קיין איד אין זיין גרעניץ, ער וויל אים נישט אויפנעמען אַלס גאַסט ביי זיך אין שטוב, דאַן ״ויט ישראל מעליו״, זאָלן זיך אידן אַוועקקערן פון אים, זיי זאָלן נישט עסן פון זיין שחיטה... ער האָט צוגעגעבן, אַז די גמרא זאָגט דאָך (יבמות דף ע״ט ע״א) אַז דער סימן פון אידן איז ״רחמנים, ביישנים, גומלי חסדים״, זיי זיינען דערבאַרימדיקע, באַשיידענע און גענאַדיקע. דעריבער אויב עס פעלט אַ שוחט צוויי פון די סימנים — רחמנים און גומלי חסדים — דאַרף מען צווייפלען צי ס׳איז נישט חלילה קיין שחיטת נכרי. ״ויט ישראל מעליו״, דער אידישער סימן איז ליידער נישטאָ אויף אים...

* * *

אַמאָל איז צום שינאָווער רב געקומען אַ פרוי, אַ צאַנזער אייניקל, און זי האָט ביי אים געבעטן אַ ברכה. האָט ער זי אָנגעוואונטשן. האָט זי אָבער געבעטן ביי אים אַז ער זאָל אַרויפלייגן זיינע הענט אויף איר קאָפּ און בענטשן (ווי עטליכע צדיקים זי״ע פלעגן טוהן). פרעגט איר דער שינאָווער רב צי זי בענטשט ליכט יעדן פרייטיק.

— אַוודאי — ענטפערט זי.

פרעגט דער שינאָווער רב ווייטער, צי נאָכ׳ן צינדן לייגט זי די הענט אין פייער אַריין איידער זי דעקט זיך צו די אויגן.

— ניין — ענטפערט זי. — איך לייג נישט די הענט אין פייער, נאָר איך דריי זיי אַרום אין דער הייך נעבן פייער.

פרעגט ווייטער דער שינאָווער רב, פאַרוואָס זי לייגט נישט אַריין די הענט ממש אין פייער.

ענטפערט זי:

— וואָס טייטש, איך וועל מיר דאָך פאַרברענען די הענט.

זאָגט דער שינאָווער רב:

— דאָס זעלביקע איז דאָ, אויב איך וועל אַרויפלייגן מיין האַנט אויפ׳ן קאָפּ פון אַ פרוי, וועל איך מיר חלילה פאַרברענען די האַנט...

* * *

הרה״ק דער באָבובער רב זצ״ל הי״ד האָט נאָכדערציילט:

דער באַוואוסטער צאַנזער בעל תפילה, הרה״ח ר׳ אביש מאיר, איז אַמאָל געווען אויף שבת ביים שינאָווער רב, און ווען ער האָט געדאַוונט שחרית פאַר׳ן עמוד, האָט ער געזונגען ביים דאַוונען אויף ״ישמח משה״ זיינס אַ נייעם ניגון וואָס ער האָט געמאַכט. ביים פאַרענדיקן דעם זמר, נאָך דעם ווי ער האָט אויסגעלאָזט די

ווערטער ״ברוך אתה ה׳״, האָט ער אונטערגעזונגען אַ תנועה, און דערנאָך האָט ער פאַרענדיקט ״מקדש השבת״.

שפּעטער ביים טיש, קערט זיך דער שינאָווער רב צו ר׳ אביש מאיר און זאָגט:

דער ״ישמח משה״ וואָס דו האָסט געזונגען, איז מיר זעהר געפעלן, אָבער ס׳האָט מיך געאַרט אַז דו האָסט מפסיק געווען די ברכה מיט אַ ניגון צווישן ברוך אתה ה׳ און מקדש השבת.

ר׳ אביש מאיר, וועלכער איז געווען אַ יוצא ונכנס און אַ גרויסער מקורב ביים צאַנזער רב זי״ע, האָט זיך געפילט אַביסל ברייט, און אַלס ענטפער אויפ׳ן שינאָווער רב׳ס טענה, האָט ער אונטערגעברומט פאַר זיך:

— ברוך אתה ה׳ — און ער האָט צוגעזונגען די תנועה וואָס מ׳זינגט איבעראַל ביי מעריב אין די הייליקע טעג, און האָט אויסגעלאָזט המעריב ערבים. דערמיט האָט ער געמיינט צו זאָגן, אַז אויך דעמאָלט טוען מיר איבערהאַקן צווישן די ברכה און המעריב ערבים.

אויף דעם האָט אים דער שינאָווער רב געענטפערט:

— וואָס גייסטו דאָ פאַרגלייכן? יענע תנועות זיינען געזונגען געוואָרן דורך קדושים וטהורים גרויסע צדיקים, און זיי האָבן מכוון געווען גרויסע כוונות מיט הייליקע שמות. דערפאַר האָבן זיי מאריך געווען בנגינה און אין דער צייט האָבן זיי מכוון געווען די כוונות פונ׳ם שם פון דער ברכה. אויב דו ווילסט מיר זאָגן אַז אויך דו ביסט מכוון כוונות, בין איך מסכים צו דיין ניגון...

* * *

הגה״ק דער קאָלאָשיצער רב זצ״ל הי״ד האָט נאָכגעזאָגט, אַז דער שינאָווער רב האָט דערציילט:

אַ איד איז אַמאָל געגאַנגען אין וואַלד אַליין, איז אים

אַנטקעגן־געקומען אַ גוי מיט אַ מערדערלעכן פּרצוף. פרעגט ער דעם איד מיט צאָרן:

— וואָס טראָגסטו אין דיין האַנט? — אָנווייזנדיק אויף אַ בינטל ערבות וואָס דער איד האָט געטראָגן.

ענטפערט דער איד:

— אַ הושענא.

שרייט דער גוי:

— וואָס רופסטו דאָס אָן מיט נייע נעמען? זאָג ״קשאַקעס״ (ערבות אויף פּויליש).

דער איד האָט אָבער געזאָגט:

— ניין, דאָס איז אַ הושענא.

דער גוי האָט ווייטער געשריגן אַז ער איז אומגערעכט, אָבער וואָס מער דער גוי האָט זיך געבייזערט, אַלץ מער האָט זיך דער איד איינגע׳עקשנ׳ט אַז ס׳איז אַ הושענא. נאָך אַ לאַנגע צייט פון זיך מתווכח זיין, האָט דער גוי פאַרלאָזט דעם איד און איז געגאַנגען זיין וועג.

האָט דער שינאָווער רב געזאָגט, אַז אויב דער איד וואָלט נאָכגעגעבן דעם גוי אַז ס׳איז סתם אַן ערבה, וואָלט ער אים דערנאָך אָנגעשלאָגן מכות רצח רח״ל, נאָר עס איז אים בייגעשטאַנען אַז ער האָט געהאַט סייעתא דשמיא און זיך געהאַלטן פעסט ביים נאָמען ״הושענא״, האָט דער באַשעפער ב״ה אָנגענומען זיין באַהאַלטענע תפילה: ״הושע־נא״, ביטע העלף...

ס׳איז כדאי צוצושטעלן צום שינאָווער רב׳ס ווערטער אַ טייטש פון הייליקן ראָפּשיצער רב זי״ע אויפ׳ן נוסח אין די הושענות: ״הושענא כל שיח תדשא ותושיע״. זאָגט ער, אַז טייל

מאָל האָט דער מענטש אַ זכיה אַז אַפילו ווען ער דאַוונט נישט, נאָר ער גיט אַ בלויזן זאָג־אַרויס צו אַ חבר: "אוי, פלוני דאַרף אַ רפואה", מיט די ווערטער אַליין פועל'ט ער אַ רפואה. דאָס בעט מען: "כל שיח", יעדער שמועס פון אַ איד, "תדשא ותושיע", זאָל נושא פירות זיין און העלפן... דאָס זעלביקע האָט דער איד אין וואַלד געפּועל'ט מיט די ווערטער "הושע־נאָ", כאָטש ער האָט נישט מכוון געווען מתפלל צו זיין דערביי...

* * *

## דאס הסתלקות

זייענדיק אין די זיבעציקער יאָרן איז דער שינאָווער רב אַמאָל געווען זעהר נישט געזונט. ליגנדיק אין בעט, האָט ער באַמערקט ווי זיין גבאי ר' זאב וויינט און זיפצט זעהר שטאַרק. דער שינאָווער רב האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער וויינט, און ר' זאב האָט געענטפערט אַז ער זאָרגט זיך ווייל דער רבי ליידט פון אַ שווערער קראַנקהייט ל"ע, און היות ער איז אויף דער עלטער, קען חלילה די מחלה צוברענגען דאָס ערגסטע. זאָגט אים דער שינאָווער רב:

— זאָרג דיך נישט, איך בין זיכער אַז איך וועל ווערן געזונט און מאריך ימים זיין. מ'האָט מיר דאָס פון הימל געוויזן מיט אַ סימן, און מיין זון ר' משה'לע וועסט דערפון.

דער גבאי איז געוואָרן נייגעריק, און האָט געפרעגט ר' משה'לען וואָס דער סימן איז געווען, אָבער ר' משה'לע האָט נישט געוואָלט דערציילן. ערשט נאָך דער הסתלקות פון שינאָווער רב האָט ער דערציילט אַזוי:

דער שינאָווער רב פלעגט יעדע נאַכט אויפשטיין פאַר חצות, און נאָכ'ן אָנריכטן תיקון חצות, האָט ער זיך געזעצט לערנען אַ

גאַנצע נאַכט. די רביצין פלעגט אויף יעדער נאַכט אָנגרייטן אַ גרויס ליכט וואָס האָט געברענט ביז אין דער פרי. איינמאָל איז דער שינאָווער רב אויפגעשטאַנען און האָט געזען אַז מ׳האָט פאַרגעסן אָנצוגרייטן אַ ליכט. האָט ער גענומען אַ קליין ליכטל, וואָס האָט געקענט ברענען בלויז אַ האַלבע שעה, ער האָט אָנגעריכט חצות, און זיך געזעצט לערנען. איז געשען אַ וואונדערלעך נס: דאָס ליכטל האָט געברענט ביז אין דער פרי. דער שינאָווער רב האָט דאָס שפּעטער דערציילט פאַר די קינדער, און האָט צוגעגעבן אַז ער זעט אין דעם אַ צייכן פון הימל אַז ער וועט לעבן לאַנג, ווייל אַזוי שטייט אין זוהר הקדוש, אַז ווען מ׳וויל איינעם ווייזן אַ סימן אויף אריכות ימים, ווייזט מען דאָס דורך אַ ליכט וואָס מ׳צינדט אָן לשם מצוה.

דער שינאָווער רב האָט טאַקע מאריך ימים געווען, און האָט געלעבט 84 יאָר.

סוכות אין יאָר תרנ״ט האָט דער שינאָווער רב געזאָגט ביים טיש:

— בעטס אַז איך זאָל לעבן, וועט זיין די גאולה שלימה...

ווינטער איז ער ל״ע געלעמט געוואָרן און האָט נישט געקענט באַוועגן זיינע אברים. דער גאָרליצער רב זצ״ל האָט דאַן געזאָגט:

— די וועלט זאָגט אַז מיין ברודער איז געלעמט געוואָרן, און איך זאָג אַז די וועלט איז געלעמט געוואָרן...

ליגנדיק דאַן אין בעט, האָט דער שינאָווער רב צוגערופן איינעם פון די מקורבים. ער האָט אים געגעבן אַ באַדייטנדע סומע געלט, און געהייסן פאָרן אין אַ געוויסער שטאָט צו זען מ׳זאָל מיט׳ן געלט אויפשטעלן אין גאַס בענק וואו מענטשן זאָלן זיך קענען אַוועקזעצן און אָנרוען זיך. זעענדיק ווי דער חסיד שטייט אין צווייפלונג, זאָגט דער שינאָווער רב:

— וואָס וואונדערסטו זיך אַזוי? מיט יאָרן צוריק בין איך אַמאָל געפאָרן אין יענער שטאָט מיט אַ בעל עגלה. האָבן מיר געהערט אַז עס קומען צו פאָרן אויף דעם וועג אַ חברה רויבער. אויס מורא, זיינען מיר אַראָפּגעפאָרן פון וועג און אַריין אין אַ פעלד אויף דער זייט, און מיר האָבן זיך דאָרט באַהאַלטן ביז די רויבער זיינען פאַרבייגעפאָרן. דערנאָך זיינען מיר ווייטער געפאָרן אונזער וועג. שפּעטער האָב איך זיך מיישב געווען, איך בין דאָך אַריין אין אימיצנ׳ס רשות און האָב צעטראָטן יענעמ׳ס גראָז און תבואה, וואָס דאָס איז בגדר פון גזילה. כ׳האָב אָבער נישט געוואוסט וועמענס רשות דאָס איז געווען כדי כ׳זאָל קענען יענעם צוריקצאָלן. אַצינד, ווען כ׳האָב מורא אַז מיינע טעג זיינען געציילטע, וויל איך מקיים זיין די גמרא (ביצה כ״ט ע״א) ״גזל ואינו יודע ממי גזל יעשה בהם צרכי רבים״. דערפאַר וויל איך אויפשטעלן בענק אין יענער שטאָט לצורך הרבים... (געהערט פון ידידי האברך כמדרשו הירא ר׳ נטע לאַנדוי שי׳).

יענעם חנוכה איז נפטר געוואָרן דער שינאָווער דיין רבי איטשע מאיר צוקער, וועלכער איז געוואָרן דיין אין שינאָווע אין דער זעלבער צייט וואָס דער שינאָווער רב איז דאָרט געוואָרן רב. האָט דער שינאָווער רב זיך דאַן אויסגעדריקט ביי זיין פטירה: ״מיר זיינען געקומען צוזאַמען, און צוזאַמען וועלן מיר גיין״...

ווידער האָט פּאַסירט:

אין שטעטל גאַבעלטאָוו (נעבן באַרדיוב) האָט געוואוינט אַ חסיד אַ תלמיד חכם מיט׳ן נאָמען ר׳ מאיר סאַפּראַן. ער איז געווען אַ גרויסער בעל מכניס אורח, און פלעגט יעדן פרייטיק אַרויסגיין און אַרומזוכן אידן וואָס זאָלן זיין ביי אים אויף שבת. ווען ער איז געקומען אויף דער עלטער, האָט ער געזאָגט דער שינאָווער רב, אַז ער וויל זיך באַזעצן אין ארץ ישראל. דער שינאָווער רב האָט אָבער נישט מסכים געווען דערצו, זאָגנדיק אַז פיל אידן וועלן בלייבן אָן אַן אכסניא אויב ער וועט פאַרלאָזן דאָס שטעטל.

מיט פיל יאָרן שפּעטער אין יאָר תרנ״ט, ווען ר׳ מאיר איז אַלט געוואָרן 90 יאָר, האָט ער ווידער געפרעגט דעם שינאָווער רב צי ער קען פאָרן קיין ארץ ישראל. ענטפערט דער שינאָווער רב:

— עס זעט אויס אַז מיר וועלן צוזאַמען אַהינפאָרן...

ר׳ מאיר איז נפטר געוואָרן מיט עטלעכע טעג שפּעטער, ראש חודש טבת.

אַ פּאָר טעג נאָכדעם, האָט דער שינאָווער רב אַמאָל אינמיטן דער נאַכט גערופן זיין גבאי ר׳ שלמה זלמן סאַנדער, און האָט אים געהייסן שיקן זאָפאָרט אַ טעלעגראַם צום דעעשער רב, הצדיק רבי משה פאַנעט זצ״ל, צו פרעגן זיין געזונט־צושטאַנד. דער שינאָווער רב איז געווען זעהר דערשראָקן, און האָט דערציילט אַז ער האָט זיך געחלומ׳ט ווי ער איז אין הימל און זעט פיל־פיל צדיקים לויפן ערגעץ זעהר שנעל. אינמיטן האָט ער אויך באַמערקט זיין פאָטער, דעם צאַנזער רב, און האָט אים געפרעגט וואוהין אַלע צדיקים לויפן. האָט אים דער צאַנזער רב געענטפערט, אַז זיי לויפן מקבל פנים זיין דעם צדיק הדור וואָס גייט באַלד נסתלק ווערן און אַרויפקומען אין עולם העליון. האָט דער שינאָווער רב אויסגעפירט: כ׳האָב מורא אַז מ׳מיינט דאָ דעם דעעשער רב, ווייל ווער דען איז דער צדיק הדור אויב נישט ער, דערפאַר פרעג אַהין וואָס עס הערט זיך ביי אים.

ווען דער טעלעגראַם איז אָנגעקומען צום דעעשער רב, האָט ער זיך זעהר געוואונדערט, און האָט פאַרשטאַנען אַז עפּעס אויסטערליש ליגט אין דעם טעלעגראַם. האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז געפאָרן קיין שינאָווע. אָנקומענדיק אין טאָג ו׳ טבת, האָט ער געטראָפן די לוויה פון הייליקן שינאָווער רב. דער גבאי ר׳ זלמן האָט אים דאַן דערציילט דעם דערמאנטן חלום, און האָט צוגעגעבן אַז דאָס זיינען געווען די לעצטע ווערטער פון שינאָווער רב און זינט דאַן האָט ער גאָרנישט מער גערעדט. דער דעעשער רב האָט מיט בכיות דערקלערט, אַז די צדיקים פון הימל זיינען

טאַקע געלאָפן מקבל פנים זיין דעם אמת׳ן צדיק הדור, דעם שינאָווער רב זכותו יגן עלינו.

יענעם טאָג, מאָנטיק ו׳ טבת, האָט דער שינאָווער רב געוויזן מיט דער האַנט צו די אַרומיקע אַז ער זוכט עפּעס. די מענטשן האָבן נישט פאַרשטאַנען וואָס ער וויל, אָבער הגה״צ דער מונקאַטשער רב (בעמח״ס דרכי תשובה) וועלכער איז דאָרט געוועזן האָט יאָ פאַרשטאַנען, און האָט צו־דערלאַנגט אַ סידור פון אריז״ל אויפגעמישט צו קריאת שמע על המטה. דער שינאָווער רב האָט דעריין דורכגעלערנט די כוונות אריז״ל אויפ׳ן פסוק ״בידך אפקיד רוחי״, און דערנאָך האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה מיט גרויס דביקות.

אינטערעסאַנט: ווען דער שינאָווער רב האָט געשריבן תנאים פאַר אַן אייניקל, מיט הה״ג ר׳ שמואל שמחה לעזער פון טאָרנע, האָט ער צוגעזאָגט קעסט אויף אַכט יאָר. די אַכט יאָר האָבן זיך געענדיקט פונקט ו׳ טבת, דעם טאָג פון זיין הסתלקות!

די נייעס אַז דער שינאָווער רב איז נסתלק געוואָרן האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט, און האָט געשאַפן אַ ביטער צעבראָכנקייט איבעראַל. אַלע גדולי הדור האָבן געהאַלטן הספדים, פאַרגיסנדיק טייכן טרערן אויפ׳ן פאַרלוסט פון אַזאַ הייליקן גאון און צדיק.

אַלס ממלא מקומו האָט מען געקרוינט זיין זון הגה״צ רבי משה׳לע שינאָווער, וועלכער איז געווען באַוואוסט מיט זיין קדושה און עבודת השם. ער האָט איבערגעלאָזט נאָך הייליקע זין: דער סטראָפּקובער רב, ציעשנובער רב, און רבי לייבוש טאָרנער, ווי אויך גרויסע איידימס.

די קינדער האָבן געוואָלט שטעלן די מצבה צו די ״שלושים״ פון זיין הסתלקות. איז אָבער געפאַלן אַ גרויסער שניי, און עס איז נישט מעגלעך געווען צו שטעלן די מצבה ביז כ״א שבט. האָט

דער ציעשנובער רב געזאָגט צום קלאַסנער רב, אַז ס׳איז אינטערעסאַנט ווי מ׳האָט פון הימל צוגעפירט אַז די הקמת מצבה זאָל פאָרקומען אין כ״א שבט וואָס איז געווען דער יום הולדת פון שינאָווער רב, ווייל ביי צדיקים זאָגן חז״ל אַז זיי ווערן נפטר אין טאָג וואָס זיי זיינען געבוירן געוואָרן, דעריבער האָט די מצבה־שטעלונג אַ שייכות מיט׳ן געבורטסטאָג... (געהערט פון הגה״צ דער ווייצענער רב זצ״ל).

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.

די מצבה אויפן שינאָווער רב׳ס ציון.

## דער אויפשריפט אויף דער מצבה פון
## שינאווער רב זי״ע

**י**ום חושך ואפלה יום מהומה בא אלינו
**ח**שך השמש בהלקח מאתנו גאון עוזינו
**ז**את השרפה כל בית ישראל עלי׳ יבכיון
**ק**דושתו הגינה עלינו בצלו חסינו מר יהמיון
**א**וי נא לנו אבדה גדולה אבדנו בעונינו
**ל**מי נפנה עתה מי יגדור פרצת תורתינו

**ש**ברנו גדול כים כי הורם עטרת ראשינו
**ר**בינו אדונינו שר התורה מנהלינו ומדריכנו
**ג**און וקדוש עבודתו וצדקתו באמת ובתמים
**א**והב ישראל נזרו ותפארתנו כל הימים

הרב הגאון הקדוש מאור הגולה
מ׳ **יחזקאל שרגא** זצלל״ה אבדפק״ק
בהרב הגאון הקדוש איש אלקי רשכבה״ג
מ׳ **חיים** זצלל״ה אבדק״ק צאנז
נפ׳ ו׳ טבת תרנ״ט לפ״ק
תנצב״ה

# מכון זכר נפתלי

## מרכז לחקר החסידות ומחשבת ישראל ע"ש הרה"ג
## רבי **נפתלי קרליבך** זצ"ל
## מיסודו של בנו הרב **אלי' חיים** שליט"א

יסודו של המכון מושתת על חקר מחשבת היהדות, עריכת ערכיה, חשיפת גנחותיה, והוצאתם לאור בסדר אינציקלופדי מיוחד. עד כה פורסמו על ידי המכון הספרים דלהלן:

**אוצר תנא דבי אליהו.**
**אוצר כלה ודרך ארץ.**
**יד אור החיים.**
**יד מאור ושמש.**
**הלכתא כנחמני.**

בקרוב יופיעו בעזה"י הספרים, אשר חלק מהם בשלבי עריכה סופיים, וחלקם בשלבי הדפסה:

**יד אהבת שלום.**
**יד דגל מחנה אפרים.**
**יד זרע קודש.**
**יד שם משמואל.**
**יד תפארת שלמה.**
**אוצר דרבי אליעזר ודרבי נתן.**

כמו כן נסדרו במערכת המכון ספרי לקט, המכילים את כל דברי התורה של גדולי החסידות שנאספו ממקומות פזוריהם. מהם יצאו לאור:

**אור אלימלך** – מהרה"ק מליזענסק.
**אספקלריא המאירה** – מהרה"ק מלובלין.
**אוהב שלום** – מהרה"ק מקאמינקא.

בקרוב יופיעו בעזה"י:

ילקוט תורת **הרה"ק הרד"ז מאניפולי**
ילקוט תורת **הרה"ק רבי פנחס מקוריץ**

מחלקה נוספת במערכת המכון, עוסקת בעריכת ספרים על תולדותיהם של גדולי החסידות. בשטח זה כבר ראו אור הספרים דלהלן:

**תולדות ה"אור החיים"** (בספר "יד האור החיים").

**תולדות ה"מאור ושמש" ובנו הרה"ק מניישטאט** (בספר יד "מאור ושמש").

**תולדות הרה"ק מקאמינקא** (בספר "אוהב שלום").

**תועפת הרים** – שושלת בית זלוטשוב.

בשלבי ההדפסה נמצאים הספרים דלהלן:

**תולדות ה"נועם אלימלך" וצאצאיו.**

**תולדות הסבא משפולא.**

**תולדות בית קחניץ.**

**תולדות הרבי מלובלין.**

**תולדות הרה"ק רבי פנחס מקוריץ.**

**תולדות הרה"ק בעל "דגל מחנה אפרים".**

במסגרת המכון מופיע בטאון לתורת החסידות בשם **כרם החסידות** המשמש במה נאותה לפרסום תעודות מגדולי החסידות, תולדות חייהם וחיי הקהילות שלהם, וכן, לחקר משנת החסידות.

# הכרת הטוב

מיוחדת

להגביר הנודע בשערים

בונה ישיבות ומוסדות התורה

בכל העולם

מיחידי דורנו

## ר' יוסף טענענבוים שיחי'

מטורונטו קאנאדא

יהי ד' עמו לאריכת ימים ושנים